STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05123

ZIKHROYNES FUN A SOTSYALDEMOKRAT

L. Martov

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Silom Horwitz
in memory of
Pauline Hannah Gotlob Horwitz 1918-1996, wife-mother-teacher-friend*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מארטאוו

זכרונות
פון א סאציאלדעמאקראט

באנד I.

WOSTOK

1923

פארלאג „וואסטאק", בערלין.

Copyright 1923 by Wostok
Verlag und Büchervertrieb G. m. b. H., Berlin

Gedruckt in der Druckerei des „Jüdischen Kultur-Verlags"
Berlin S 14, Dresdenerstr. 34/35.

זכרונות
פון א סאציאלדעמאקראט

הקדמה׳

נעמענדיג זיך צו שרייבן זכרונות וועגן די געשעהענישן׳ אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען איינטיילצונעמען׳ און וועגן די מענטשן׳ מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען׳ מוז איך פריער פאַר אַלץ געבן עטליכע דערקלערונגען׳

אין משך פון דרייסיג יאָר כמעט איז מיין לעבן געווען ענג צו־נויפגעקניפט מיטן לעבן פון דער רוסלענדער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און פון דער רוסלענדער אַרבעטערבאַוועגונג׳ דאָס וואָס איך האָב צו דער־ציילן די לעזער וועגן די דאָזיגע געשעהענישן און די דאָזיגע מענטשן׳ וואָלט אָהן שום ספק געווען אַסך אינטערעסאַנטער׳ ווען איך זאָל געווען האָבן אין מיין רשות דעם גרויסן מאַטעריאַל פון בריוו און אַנדערע דאָקומענטן׳ וואָס קלייבן זיך אָן ביי יעטווידער געזעלשאַפטליכן טוער פאַר אַזאַ צייט מיט יאָרן׳ צום באַדויערן׳ האָט מיין לעבן געהאַט אַזאַ פנים — ווייל איך בין אַלעמאָל געווען אַ נע־ונדניק — אַז טיילווייז פלעגט דער מאַטעריאַל פאַרניכטעט ווערן (פון קאָנספּיראַציע וועגן אָדער ווייל איך פלעג זיך ריכטן אויף אַ הויזזוכונג)׳ טיילווייז האָב איך אים ניט] געקאָנט נעמען מיט זיך אויף מיינע וואַנדערונגען פון איין אָרט צום צווייטן׳ אין דעם מאָמענט׳ ווען איך שרייב די זכרונות׳ בין איך אינגאַנצן אָפגעריסן׳ אַזוי ווי מיר אַלע׳ פון מערב־אייראָפּע׳ און איך האָב דעריבער ניט גע־קאָנט אויסנוצן די וויכטיגסטע מאַטעריאַלען פון די׳ וואָס האָבן זיך אויפגעהיט׳ מחמת זיי געפינען זיך דווקא אין אויסלאַנד׳ דאָס נעמט ניט נאָר צו ביי מיר די מעגליכקייט צו דערציילן דעם לעזער אַסך אינטערעסאַנטס׳ נאָר עס צווינגט מיך צו פאַרלאָזן זיך אין די זכרונות אויף מיין זכרון׳ אין אַסך אַ גרעסערער מאָס׳ ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט׳ אמת׳ אַלע וואָס קענען מיך׳ זאָגן׳ אַז מיין זכרון איז גוט און פינקטליך׳

איך מעג, הייסט עס, האַלטן, אַז איך בין באַוואָרנט פֿון גרויסע טעותן; נאָר געוויינטליך, אַסך זאַכן וועל איך אומפֿאַרמיידליך מוזן פֿאַרפֿעלן, ווײַל איך קאָן ניט אָפּפֿרישן די זכרונות, וואָס זײַנען באַדעקט געוואָרן מיט אַ שיכט פֿון נײַע איינדרוקן.

די זכרונות מײַנע שרײַב איך, „ווי עס שרײַבט זיך״, אָהן אַן אַפּריער צוגעקלערטער אידעע; איך פֿלײַס זיך ניט צו דערווײַזן וועלכן עס איז פֿאָרויס אָנגענומענעם „טעזיס״ ניט בנוגע די געשעהענישן, וועגן וועלכע איך דערצייל, און ניט בנוגע מיר אַליין. איך האַלט פשוט, אַז דער רייכער מאַטעריאַל פֿון מײַנע באַגעגענישן און איבערלעבונגען אינם געזעלשאַפֿטליכן קאַמף קאָן זײַן אינטערעסאַנט סײַ פֿאַר די, וואָס האָבן איבערגעלעבט צוזאַמען מיט מיר דאָס דאָזיגע שטורעמדיגע פֿערטל־יאָרהונדערט אין דער געשיכטע פֿון רוסלאַנד, סײַ פֿאַר די יינגערע צײַטגענאָסן.

א מענטש, וואָס פֿירט אַ פּאָליטישן קאַמף, טרעפֿט זיך דאָס רוב אויף מיט אַנדערע מענטשן אין אַ ספּעציפֿישער סביבה, וואָס אָדער זי מאַכט אינגאַנצן אוממיגליך, אָדער זי מאַכט, לכל־הפחות, שווער אַרײַנצודרינגען גלייכמעסיג־טיף אין אַלע זײַטן פֿון די כאַראַקטערן, צו וועלכע מען קוקט זיך צו. דער קאַמף געוועלטיגט דאָך איבערן באַאָבאַכטער גופֿא און צווינגט אים צו זעהן און צו שפּירן אין דעם אָביעקט פֿון זײַן באַאָבאַכטונג קודם כּל אַ גוטן־פֿרײַנט אָדער אַ שונא, אַ מיטקעמפֿער אָדער אַ געגנער. שפּעטער פֿאַרריכט די ערפֿאַרונג פֿון לעבן די אַלע מיינונגען וועגן מענטשן, וואָס מען האָט זיך צונויפֿגעשטעלט אין ברען פֿון קאַמף, און מען הייבט אָן טראַכטן, צי איז מען געווען גערעכט מיט די מיינונגען. בײַם כאַראַקטעריזירן די מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין לעבן, וועל איך דעריבער זעהר קאַרגן יענעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, אין וועלכן ס׳לאָזן זיך הײַנט אַרײַן מיט אַזאַ חשק די מעמואַרנשרײַבער, מיינענדיג, אַז זיי זײַנען אימשטאַנד זיך אויסצומאָלן דעם זיילישן מעכאַניזם פֿון אַ מענטשן, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פֿון זיי דורך אַ געדיכטן פּסיכישן וואָלקן פֿון געגנזײַטיגער פּאָליטישער פֿײַנטשאַפֿט. אויף וויפֿיל איך וועל זיך אָפּקערן פֿון מײַן אַלגעמיינער ליניע — אַמאָל לאָזט זיך דאָס ניט אַנדערש — און כ׳וועל אָפּמאָלן, צוזאַמען מיט דער כאַראַקטעריסטיק פֿונם געזעלשאַפֿטליכן ט ו ע ר, נאָך דאָס בילד פֿונם מ ע נ ט ש אויך, בעט איך דעם לעזער צו געדענקען, אַז איך שילדער נאָר מײַן א ײַ נ ד ר ו ק פֿון אים. דאָס איז אַן אײַנדרוק, וואָס איז

אומפּאַרמײַדליך דורכגעגאַנגען דורך דער פּריזמע פֿון פּאָליטישע סימ־פּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, און דאָס דאַרף מען האָבן אין זינען, ווען מען וויל אָפּמעסטן זייער אָביעקטיווקײַט.

* * *

עטליכע ביאָגראַפֿישע דאַטעס.

איך בין געבוירן געוואָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דעם 24־טן נאָ־וועמבער 1873. מײַן פֿאטער האָט אין משך פֿון אַסך יאָרן געדינט אויפֿן מזרח אין דער „רוסישער געזעלשאַפֿט פֿאַר שיפֿערײַ און האַנדל", און נאָך די רוסיש־טערקישע מלחמה האָט אים ארויסגעטריבן צוריק אַהיים. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער געלעבט אין אַ קאָסמאָפּאָליטישער געזעלשאַפֿט; מײַן מוטער האָט געשטאַמט פֿון ווין און האָט זיך ערשט שפּעטער אויסגעלערנט רוסיש. דעריבער זײַנען פֿאַר מיר ביז פֿינף יאָר געווען היימישע שפּראַכן — פֿראַנצויז און נײַ־גריכיש (די שפּראַך פֿון דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער דינסט).

מיט ליטעראַטור בין איך פֿאַרקניפּט, וואָס מען רופֿט, פֿון מײַן וויגעלע אָן. דער שטאַמפֿאָטער פֿון אונזער משפּחה, מײַן זיידע אַלעק־סאַנדער אָסיפּאָוויטש צעדערבוים (געשטאָרבן 1893), איז געווען אַן אָנ־געזעהענער יידישער כּלל־טוער. ער האָט געגרינדעט די ערשטע יידישע צײַטונגען אין רוסלאַנד: דעם רוסישן „ראַזסוועט", דעם העברעאישן „המליץ" און — שוין אין די 80־ער יאָרן — דאָס יידישע „פֿאָלקסבלאַט". ער, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ חשובן אָרט צווישן די יידישע משכּילים פֿון די 60־ער יאָרן, האָט זיך אַלצדינג געהאַט אויסגעלערנט אָהן אַ שולע; אין די יונגע יאָרן איז ער אַנטלאָפֿן פֿון דער שטיקיגער יידישער גאַס און האָט זיך דורך זײַן אוממענטשליכער ענערגיע דערשלאָגן צו אַזאַ מדרגה. די שטוביגע סביבה אַרום מיר איז דעריבער, אין אַ געוויסער מאָס, פֿון קינדווײַז אָן געווען דורכגעדרונגען מיט ליטעראַרישע, און גראָד מיט זשורנאַליסטישע, אינטערעסן. דער פֿאָטער מײַנער האָט זיך אויך אַ שטיקל צײַט פֿאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק; אַלס קענער פֿון מזרח איז ער עטליכע יאָר געווען קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קאָרעספּאָנדענט פֿון די „פּעטערבורגסקיאַ וועדאָמאָסטי", און פֿון דער, יעמאָלט נאָך ליבעראַלער, „נאָוואָיע ווערעמיאַ". שפּעטער האָט ער געהאָלפֿן זײַן

פֿאָטער רעדאַקטירן די יידישע צײַטונג. ענדליך איז זיין ברודער, ד״ר אַדאָלף צעדערבוים, וואָס האָט אָפגעלעבט לאַנגע יאָרן אין דײַטשלאַנד, באַוואוסט אַלס איבערזעצער פֿון טורגעניעוון אויף דײַטש. מיט איין וואָרט, די פראָפֿעסיע פֿון אַ צײַטונגס־מענטש איז שוין געלעגן בײַ מיר, אזוי צו זאָגן, „אין בלוט״.

דאס ערשטע קאפיטל

די יוגנט. די ערשטע טראגישע איינדרוקן. די הריגה פונם קיסר
און דער פאגראם. די גימנאזיע פון די אכציגער יארן.

ווען איך פרוב אַרויסזוכן פונם כאַאָס פון די קינדערשע איַינ־דרוקן דאָס וואָס עס האָט זיך אַמטיפסטן איַינגעקריצט אין דער נשמה און געהאַט אַ ווירקונג בײַם אויסבילדן מײַן פּאָליטישן כאַראַקטער, מוז איך אָנרופן קודם-כל צוויי פאַקטן, וואָס האָבן זיך איַינגעגראָבן אין מײַן זכרון: די הריגה פונם קיסר און דער פּאָגראָם.

נאַכט אָדער שפּעט פאַרנאַכט. מיר, קינדער — איך בין דאַן גע־גאַנגען אין אַכטן יאָר — האָבן זיך שוין געהאַט צוגעלייגט שלאָפן. פּלוצלינג ווערט אין דער דירה אַ רעש, אַ טופּעריַי, אַ געוויין. די פרויען, וואָס וואוינען ביַי אונז, שרייַען און קלאָגן: די גובערנאַנטקעס, די קינדער־פרויען, די קעכינס. מיר שפּרינגען אַרויס פון די בעטן איבערגעשראָקענע, מיר זעהען, ווי עס לויפן איבער דער שטוב די כלי־פּענדיגע פרויען, מיר הערן זייערע קולות: „געהרגעט, געהרגעט! באַרוהיג, גאָטעניו, זייַן נשמה" אָדער ענליכע ווערטער. פאַרן הייליגן בילד צינדט זיך אָן דאָס לעמפּל — און ווידער קולות און געשרייען. מיר זייַנען איבערגעשראָקן ביז גאָר, און עמיצער גיט אונז צו פאַרשטיין, אַז מען האָט דערהרגעט דעם קיסר, אָט דעם גוטן קיסר, וואָס האָט באַ־פרייַט די פּויערים. אין די נאָהענטסטע טעג האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערהערט דעם נוסח: „די פּריצים האָבן אים דערהרגעט, וויַיל ער האָט באַפרייַט די פּויערים".

מײַן מוטער איז געווען שטאַרק צעטראָגן; אויף אַ וויַילע האָט זי אַרויסגעלאָזן פון די הענט די ממשלה איבער אָטדער צערודערטער וויַיבערשער געזעלשאַפט. קוים מיט צרות האָט זי באַרוהיגט מיך און דעם מיט 2 יאָר עלטערן ברודער און צוריק אַוועקגעלייגט שלאָפן.

דער אײַנדרוק איז געבליבן טיף אײַנגעקריצט אין מײַן נשמה. מיט אַ יאָר אָנדערטהאַלבן פֿריער איז קיסר אַלעקסאַנדר דער צווייטער גע־ווען אין אַדעס און געוויזן זיך פֿאַרן פֿאָלק; אונז האָט מען געפֿירט אויף עפּעס אַ פּלאַץ צוקוקן דעם פּאַראַד, און איך האָב דערשפּירט די מערקווירדיגע השפּעה פֿונם המון, וואָס אַ סטיכישע באַרוישונג ציהט אים צו צו אַ פֿאַרגעטערטער פּערזענליכקײַט. און אינדערהיים האָט די גור־בערנאַנטקע נאָך געשטאַרקט כּסדר דעם געפֿיל. זי, אַ פֿרומע אַלטע מויד, און דערהויפּט די גראַבע „כאָכלאַצקע“ קעכין, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווערדע בײַ אונז, האָבן אויפֿגעהאָדעוועט אין די קינדער די התפּעלות פֿאַרן „צאַר דעם באַפֿרײַער“ וואָס האָט אויסגעלייזט די פּויערשע לײַבקנעכט פֿון די בייזע פּריצים און די אומגליקליכע סלאַוון פֿונם שווערן טערקישן יאָך. מיט צוויי יאָר פֿריער זײַנען פֿאַרבײַ אונזערע פֿענסטער דורכגעגאַנגען די זעלנער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון דער טערקישער קריג, און אין קיך האָבן מיר געהערט לידער און מעשׂיות וועגן דעם „ווײַסן גענעראַל סקאָבעלעוו“ און דעם „טײַערן טאַטעלע גורקאָ“.

די דערציילונגען וועגן דער הריגה פֿונם קיסר, וועגן באָמבעס, אונטערגראָבונגען, וועגן עפּעס „ניהיליסטן“, וואָס מען האָט געפּאַקט און אויפֿגעהאַנגען — דאָס אַלצדינג האָט שטאַרק אָנגערירט מײַן קינדערשע פֿאַנטאַזיע. איך האָב זיך אײַנגעהערט אין אַלצדינג, וואָס די דערוואַק־סענע האָבן גערעדט וועגן דעם ערשטן מערץ, און מיט מײַן קינדערשן שׂכל האָב איך געפּרובט טרעפֿן דאָס, וואָס איך האָב ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, די געשטאַלטן פֿון יענע מענטשן, וואָס האָבן געהרגעט „דעם גוטן צאַר דעם באַפֿרײַער“ זײַנען געווען רעטענישן, וואָס האָבן מיך געצויגן צו זיך. דערהויפּט האָב איך זיך פֿאַראינטערעסירט מיט צוויי פּערזאָנען, מיט אַ פֿרומען שרעק און מיט אַ נײַגעריגקײַט, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט רחמנות, האָט מען אי בײַ די באַלעבאַטים, אי אין קיך גערעדט וועגן דער פֿרוי מיט דער באָמבע, וועגן סאָפֿיע פּע־ראָווסקאַיאַ, וואָס דער נײַער קיסר האָט זי ניט געוואָלט באַגנעדיגן, הגם עס איז ניט געווען אָנגענומען צו הענגען פֿרויען. איך ווייס ניט פֿאַר־וואָס איך האָב פֿאַראייניגט מיט איר, גוט געדענקט קיבאַלטשיטשן, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט, אז דאָס איז אַ גאונישע קאָפּ, אז ער האָט אויסגעפֿונען אַ „לופֿטשיף“. און אינדערצײַט ווען איך האָב נאָך אין קיך געהערט די רייד וועגן „די פּריצים די צאַרן־מערדער“ האָט

מען שוין אין שטוב גערעדט וועגן דער משוגעת, וואָס מען מיינט מיט באָמבעס צו געווינען די פרייהייט.

אין דער קינדערשער נשמה איז דאָס געבליבן איינגעקאָרבט: ס׳זיינען צוגעקומען נייע איינדרוקן, אָבער אונטן האָט געטליעט דאָס רעטעניש פון די אומגעוואוינטליכע, באַהאַרצטע מענטשן, וואָס האָבן לשם „פרייהייט״ אויפגעהויבן די הענט אויף דאָס העכסטע און דאָס הייליגסטע.

עטליכע חדשים זיינען אַוועק פון יענער צייט. אַ נייע אימה האָט אנגעפילט אונזער שטוב און פונדאָסניי צערודערט דעם איינגעשטעלטן סדר. מען האָט גענומען ריידן, אַז עס רוקט זיך אָן אַ פּאָגראָם. ביז יענער צייט האָב איך געוואוסט, אַז מיר זיינען ניט קיין פראַוואָסלאַווע און ניט קיין קאַטוילִיקן, ווי אונזערע באַדינער, און אַז מיר דאַרפן גיין מתפלל זיין ניט אין „סאָבאָר״ און ניט אין „קאָשציאָל״, וואוהין די דינסטן און גובערנאַנטקעס פלעגן אונז אָפּט פירן, נאָר אין „סינאַגאָגע״. אינדעראמתן זיינען די עלטערן אַליין אַהין ניט געגאַנגען און האָבן אונז ניט געפירט, אַחוץ איין פייערליכן פאַל — טאַקע אויף דער אזכרה נאָך אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. מיר האָבן ניט געהאַט דעם געפיל, אַז מיר באַלאַנגען צו עפעס אַן אַנדער, ניט־רוסישן סאָרט מענטשן, און דעריבער האָט זיך מיר ניט געלייגט אויפן שכל, אז ווייל מיר זיינען יידן, קומט אונז עפעס אַ „פּאָגראָם״ און מיר זיינען אין סכנה. איך געדענק ניט, צי האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ביי די גרויסע וועגן דעם, פון וואַנען דאָס נעמט זיך; מסתמא ניט, ווייל איך האָב בכלל געהאַט אַ טבע צו פרעגן ווינציג און אַלצדינג צו דערגיין מיטן אייגענעם קאָפּ. די דאָזיגע איינגעשלאָסנקייט נעמט זיך מסתמא פון מיין קרענקליכקייט: איך האָב זיך גאָר אין די יונגע יאָרן צעבראָכן אַ פוס, און איך בין שוין געבליבן אַ הינקעדיגער; דעריבער בין איך געווען אַ שלעכטער חבר אין די קינדערשע שפילן — ס׳האָט מיר געפעלט פיזישע פלינקייט און פיזישע לעבנספרייד.

מיט איין וואָרט, איך און אונזער גאַנצער קינדערצימער — מיר האָבן געזעהן און געהערט, ווי די שטוב אונזערע גרייט זיך צום פּאָגראָם און מיר האָבן ניט געוואוסט, וואָס דאָס באַטייט. עפעס זיינען געקומען צו מיין מוטער יונגעלייט מיט רעוואָלווערן (ביי אונז אין דירה איז קיין מאָנסביל ניט געווען) און גערעדט וועגן עפעס: איך ווייס ניט, צי האָבן זיי פאָרגעלייגט, אז זיי וועלן אָפּהיטן אונזער שטוב,

אָדער זיי האָבן געעצהעט אַריבערקלײַבן זיך אין אַ מער זיכערן אָרט.
איך געדענק אַ סענסאַציע: בײַ אונז אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ
הויכער, פֿעסטער מאַטראָס מיט אָרדנס אויף דער ברוסט און מיט
אַ תקיפֿן אויסזעהן און מיט היץ געפרובט עפעס אײַנריידן דער מו־
טער. שפעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען דער
אַדעסער פּאָליצײַמײַסטער, קאַפּיטאַן פּערעלישין, וואָס איז געווען באַקענט
מיט מײַנע עלטערן. ער האָט פֿאָרגעלייגט, אַז ער וועט אַוועקשטעלן בײַ
אונז אין שטוב צוויי קאָזאַקן. נאָר מײַן מוטער האָט זיך בפֿירוש פֿון
דעם אָפגעזאָגט. אין שפעטערדיקע יאָרן האָט זי מיר געגעבן צו פֿאַר־
שטיין, פֿאַרוואָס זי האָט דאָס געטאָן: זי איז געווען זיכער, אַז די קאָ־
זאַקן וועלן די ערשטע נעמען ראַבעווען די שטוב. איך געדענק, ווי צו
אונז אין דירה זײַנען אַרײַן אַרבעטער מיט בערד; זיי האָבן געאַרבעט
אין דעם מאַרמאָר־וואַרשטאַט בײַ אונז אין הויף (ראָג קאַנאַטנע און
באַזאַרנע גאַס). מיט די דאָזיגע געזונטע יונגע זײַנען מיר שוין לאַנג
געווען גוטע־פֿרײַנט; מיר פֿלעגן זיך דרייען אַרום זיי, ווען זיי פֿלעגן
שנײַדן די שטיינער, און זיי זײַנען געווען צוגעלאָזט צו אונז. די
אַרבעטער האָבן פֿאַרזיכערט מײַן מוטער, אַז זיי וועלן ניט לאָזן צו־
רירן זיך צו איר און צו די קינדער און זיי וועלן אָפּהיטן די
קוואַרטיר. די דינסטן האָבן מיט פֿרייד מכבד געווען אונזערע "גוטע
פֿרײַנט" אין קיך מיט טיי און בראָנפֿן, און אין אונזערע קינדערשע
הערצער האָט געשטורעמט אי נײַגעריקייט, אי עפעס אַ מין גאַווה, אי
אַ ווילדע שרעק.

איך געדענק, אַז ענדליך האָט זיך אויפֿן קײַלעכדיקן טישל אין
זאַל באַוויזן אַ רעוואָלווער, וואָס מײַן פֿאָטערס אַ ברודער האָט גע־
בראַכט צו טראָגן פֿאַר מײַן מוטער. פֿאַראײַנס האָט מען געגרייט עפעס
הויכע סלאָיען און פֿאַרשיידענע געפֿעס, וואָס מען זאָל קאָנען פֿון
דעם אין אַן עת־צרה אָפגיסן די פּאָגראָמשטשיקעס מיט זודיקע וואַסער.
די שטימונג פֿון די דינסטן איז געוואָרן אויפֿגערעגט: מען האָט גע־
קרעכצט און געוויינט.

נאָר אָט איז אָנגעקומען דער בייזער טאָג. פֿון אינדערפֿרי האָט מען
אָנגעזאָגט, אַז דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן. דערנאָך האָט מען
אָנגעהויבן ברענגען ידיעות, אַז אויף דער און דער גאַס ראַבירט מען
שוין די קראָמען און דירות. געווען אַ מאָמענט, ווען די שרעק האָט דער־
גרייכט ביז דער העכסטער מדרגה. די קעכין און די ניאַניע האָבן אָנגעהויבן

בעטן זיך בײַ מײַן מוטער, זי זאָל לאָזן אַרויסשטעלן אין די פֿענסטער הייליגע בילדער און אָנמאָלן צלמים אויף די פֿענסטער: מען זאָל מיינען, אַז דאָס איז אַ „קריסטליכע" שטוב. בײַ מיר אין זכרון איז פֿאַרבליבן די סצענע: מאַוורע איוואַנאָוונאַ, די קעכין, וואָס האָט אַלעמאָל גערעדט מיט מײַן מוטער גאַנץ פּשוט, פֿאַרנייגט זיך איצט ביז דער ערד און בעט זיך רחמים, ווײַזנדיג אויף די קינדער, אַז מען זאָל לאָזן אַרויסשטעלן הייליגע בילדער אין די פֿענסטער. די מוטער איז געבליבן בײַ איר „ניין", אַלע ווײַבער האָבן געיאָמערט, מיר קינדער האָבן קיין זאַך ניט פֿאַרשטאַנען און געשראָקן זיך. שפּעטער, ווען איך בין אויסגעוואַקסן און מיר פֿלעגן בײַ אונז אין פֿאַמיליע נאָכאַמאָל איבערלעבן יענע דראַמאַטישע טעג, בין איך דערגאַנגען, אַז מײַן מוטער האָט פּרינציפּיעל ניט געוואָלט וויסן פֿון אַזאַ מאַסקאַראַד, ווײַל זי האָט אויף דעם געקוקט, ווי אויף אַ דערנידעריגונג. יעמאָלט האָב איך דאָס ניט פֿאַרשטאַנען, אָבער איך האָב געזעהן, אַז די מאַמע האָט קיין מורא ניט, און דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט. די דינסטן האָבן פֿונדעסטוועגן אין קיך און אין זייער צימער אַרויסגעשטעלט גאַנצע צײַלן הייליגע בילדער.

עס איז שוין אָנגעקומען אַ שטאַפּעט, אַז אויף באַזאַרנע גאַס בושעוועט דער פּאָגראָם אויף וואָס די וועלט שטייט; נאָר מיטאַמאָל האָט מען אונז אָנגעזאָגט די פֿריילעכע בשורה: די קאָזאַקן, וואָס זײַנען אָקאָרשט געוועזן פֿאַרבײַגעפֿאָרן פֿאַרבײַ אונזער הויז, האָבן אַרומגערינגלט דעם המון און אים צעטריבן. אונזער הויז האָט געהאַט מזל. עטליכע טעג האָט מען אונז ניט אַרויסגעלאָזן אין גאַס, כּדי מיר זאָלן ניט זעהן די חורבונות.

דער עפּילאָג פֿון די דאָזיגע געדענקווערדיגע טעג האָט זיך אָפּגעשפּילט אין עטליכע מאָנאַטן אַרום. מײַן פֿאָטער, וואָס איז געזעסן אין פּעטערבורג, האָט נאָכן פּאָגראָם באַשלאָסן אַריבערצונעמען דאָס גאַנצע געזינט פֿון אַדעס צו זיך. אין האַרבסט 1881 האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן: די מוטער מיט דער גובערנאַנטקע און מיט פֿינף קינדער. אינם צוג, וואָס איז אַרויס פֿאַרנאַכט פֿון אַדעס קיין קיעוו, איז געווען ענג ביז גאָר. קוים מיט מאַטערניש האָט די מאַמע זיך דערשלאָגן אַ שטיקל פּלאַץ פֿאַר די ייִנגערע קינדער. מיר און דעם ברודער האָט זי ערלויבט צו גיין זוכן אַ פּלאַץ אין די אַנדערע אָפּטיילונגען פֿון וואַגאָן. עפּעס אַן עלטערער ייִד מיט אַ טרויעריגן אויסזעהן האָט אונז אַוועקגעזעצט לעבן זיך.

איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, ווי אַזוי האָט ער דאָס גענומען אונז קינדער דערציילן זײַן געשיכטע; מסתמא איז ער געווען אין אַזאַ צושטאַנד, ווען אַ מענטש קאָן וועגן קיין שום אַנדער זאַך ניט ריידן. און זײַן געשיכטע איז געווען אַזאַ, וואָס האָט זיך געטראָפֿן נאָך מיט צעהנדליגער טויזנטער יידן: ער האָט זיך געלעבט מיט זײַן געזינד אין יעליסאַוועטגראַד, איז געקומען דער פּאָגראָם און צוגענומען בײַ אים אלצדינג: אי זײַן האָב־און־גוטס, אי זײַן געזינד, פֿון וועלכן מען האָט עטליכע מענטשן דערהרגעט. ער האָט דערציילט מיט אַ פּאַרטויבטן, רוהיגן, הכנעהדיגן קול, און מיר האָבֿן שווײַגעדיג צוגעהערט. מיר זײַנען געווען דערשלאָגן פֿון זײַנע רייד, ס'האָט זיך געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון דער אימה, נאָר מיר האָבֿן זיך ניט דערוועגט זיך אַ ריר צו טאָן און עפּעס ווי געשעמט זיך פֿאר אָטדעם שטילינקן באַיאָרנטן יידן, וואס האָט אונז מיט אַזאַ האַרציגקײַט אײַנגעאָרדנט בײַ זיך אויף דער באַנק. די רעדער פֿון באַן, וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערהערט זייער ניגון, האָבֿן וואָגיג געקלאַפּט, אין פֿול־געפּאַקטן וואַגאָן איז געווען סודותדיג האַלב־טונקל און ס'האָבֿן געשוועבט די שאָטנס פֿון די מענטשן — אַלץ האָט באַשאַפֿן אַ שטימונג פֿון אַנגסט, וואָס האָט זיך אויף אייביג אײַנגעקריצט אין מײַן מוח און אײַנגעגראָבֿן דאָרטן די טראַגישע געשיכטע, מיט וועלכער דער אומבאַקענטער זקן האָט אונז אַרײַנגעפֿירט אינם עמק־הבכא. איך געדענק נאָך ווי הײַנט די באַנק, וואו דער אַלטער ייד איז געזעסן, און זײַן פּנים און זײַן לאַנגן מאַנטל, און דעם הילכיגן קלאַפּ פֿון די רעדער און די פּנימער פֿון די אַנדערע פּאַסאַזשירן, וואָס שווימען אַרויס פֿון דער האַלב־טונקלקײַט.

מיט 24 יאָר שפּעטער, נאָכן 20־טן אָקטאָבער 1905, בין איך אַריבער דעם גרעניץ מיט אַ פֿאַלשן פּאַס, און מיטן ערשטן צוג, וואָס איז אַוועק נאָכן אײַזנבאַן־שטרײַק, בין איך געפֿלויגן קיין פּעטערבורג. דאָס האַרץ איז געווען פֿול מיט די ידיעות וועגן דער האַלבער רעוואָלוציע און געריסן זיך צו די גרויסע געשעהענישן, וואָס האָבֿן זיך אָנגערוקט. אין ווילנע איז מיר אויסגעקומען אַ שעה צײַט צו וואַרטן אויף אַן אַנדער צוג. אין זאַל פֿון דריטן קלאַס האָט זיך אויפֿגעקליבן אַ גרויסע מאַסע אַנטרונענע יידן. דאָס זײַנען געווען קרבנות פֿון פּאָגראָמען אין פֿאַרשיידענע עקן רוסלאַנד: כ'געדענק, זיי זײַנען געווען פֿון ביאַליסטאָק, פֿון זשיטאָמיר, ערגעץ־וואו פֿון כאַרקאָווער און כערסאָנער גובערניע, פֿון מינסק. בײַ די טישלעך האָבֿן מענטשן אין אייניצלנע גרו־

פעס דערציילט די געשיכטע פון זייער פאָגראָם. איך האָב זיך איינגע־הערט דאָ און דאָרטן — אין דאָס אַלטע בילד פון די פאַרגעסענע קינדער־שע יאָרן איז אויפגעשטאַנען פאַר מיינע אויגן. איך האָב זיך איינגע־קוקט אין די פנימער, און מער ווי אין איין פאַרכמורעטן פנים האב איך דערקענט יענעם „אייביגן יידן", וואָס האָט אָהן היץ פונאַנדערגעוויקלט פאַר מיר אַ פּאַנאָראַמע פון מיטלעלטער ביים גלייכמעסיגן קלאַפּ פון דער איינזנבאַן־ציוויליזאַציע. דערזעלביגער פאַרלאָשענער בליק, די איי־גענע הכנעה קעגן דעם בייזן מזל, אין די אייגענע געשיכטעס — אין אַ פערטל יאָרהונדערט אַרום — וועגן דעם מענטשליכן וויכער, וואָס האָט זיך צעשפּילט איבער פרידליך שלאָפנדיגע מענטשן און אַ שליידער גע־טאָן זיי אין תהום פון שמוץ און בלוט.

דער דאָזיגער „memento" („געדענק!") האָט זיך אַריינגעריסן אין מיין אויער פונקט אין דער מינוט, ווען איך האָב מיט אַזאַ ציטערניש אַריבערגעטראָטן די שוועל פון מיין באַנייטן פאָטערלאַנד און געריסן זיך פון גאַנצן האַרצן איינצוזעטעמען די לופט פון די „פרייהייטס־טעג". דאָס האָט מיך טיף צערודערט. אין דער שלאָפלאָזער נאַכט, אויפן וועג פון ווילנע קיין פעטערבורג, האָט דער געדאַנק זיך פאַרעקשנט געריסן צוריק, צו די וויי־טע קינדערשע יאָרן, און ביים גלייכמעסיגן קלאַפּ פון די רע־דער האָב איך געפרובט טרעפן: צי וואָלט איך געוואָרן דאָס, וואָס איך בין, ווען די רוסישע ווירקליכקייט וואָלט ניט איינגעגראָבן אַזוי פרי אי־רע אַכזריותדיגע פינגער אין דער יונגער נשמה, ווען אונטער דער ברע־נענדיגער רחמנות פונם קינדערשן האַרץ וואָלטן זיך ניט אויפגעהיט די זוימען פון דער געבענטשטער שנאה.

* *
*

אין פעטערבורג האט דער גייסט פון „פּאָגראָם", הגם אין אַ מער ציוויליזירטער פאָרם, מיך נאָך אַלץ ניט געלאָזן צורוה.

איך בין אַלט געווען 9 יאָר, ווען די עלטערן האָבן געפרובט אָפּ־געבן מיך און מיין עלטערן ברודער אין גימנאַזיע. ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן די סדרה גזרות אויף יידן אין די לערן־אַנשטאַלטן, כאָטש די געוויסע „פּראָצענטנאָרמע" איז נאָך דעמאָלט ניט געווען איינגע־פירט. די פעטערבורגער גימנאַזיעס זיינען יענעם יאָר געווען פול־גע־פאַקט, און דעריבער האָט די פאַרוואַלטונג פונם לערן־באַצירק אונז

געגעבן צום עקזאַמענירן נאָר איין גימנאַזיע. דאָס איז געווען די צעהנטע גימנאַזיע, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט אירע אַנטיסעמיטישע פּעדאַגאָגן בראש מיטן דירעקטאָר קאָסטין, אַן אמתן שוואַרץ־מאהניק.

מען פּלעגט דערציילן, אַז ס'איז שוין אַזאַ כּלל, אַז אין דער גימנאַזיע „וואַרפט מען דורך" ייִדן בײַ די עקזאַמענעס. איך מיטן ברודער זיינען געווען צוגעגרייט ביידע צום צווייטן קלאַס, כאָטש ער איז געווען עלטער פון מיר. מיר האָבן שוין געוואוסט, וואָס פאַר אַ מאַטערניש דער עקזאַמען וועט זײַן, און דעריבער זײַנען מיר געגאַנגען אַהין, ווי צו דער עקדה. די פּעדאַגאָגן האָבן אונז טאַקע צוגענומען מיט אַן אָפענער שנאה. און איך געדענק, אַז ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען צום טאָוול, האָב איך זיך אַלעמאָל געשפירט ווי אַ שווערער פאַרברעכער. דער סוף איז געווען, אַז מײַן ברודער איז אַדורכגעפאַלן אויף צוויי עקזאַמענעס; איך בין געווען שטײַפער בײַ זיך און בין אַרויס פון די צוויי סכנות אויך מיט אַ „דרײַ מיט אַ מינוס." דער דירעקטאָר האָט פאַרגעלייגט מײַנע עלטערן, אַז ווײַל דער רעזולטאַט בײַ מיר איז ניט אינגאַנצן באַפרידיגנדיג, זאָל מען מיך אָפגעבן אין ערשטן קלאַס; דער ברודער זאָל אין אַ האַלב יאָר אַרום קומען עקזאַמענירן זיך אַ צווייטן מאָל. בײַ די עלטערן איז אָבער אויסגעקומען גלייכער, אַז מיר זאָלן בלײַבן אינדערהיים און אָפוואַרטן, ביז וואַנען עס וועט פריי ווערן אַ וואַקאַנסיע אין אַ ווייניגער אַנטיסעמיטישער גימנאַזיע.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהײַט.

מען האָט אונז געשיקט אין אַ גימנאַזיע, וואו ס'איז געווען דירעקטאָר דער אַלטער דײַטש האָפמאַן, וואָס דער עולם האָט אים, צוליב וועלכע עס איז טעמים, געהאַלטן פאַר אַן אויסגעצייכנטן פּעדאַגאָג. לויט ווי איך האָב געזעהן, איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער נאַר, וואָס האָט זיך געהאַלטן גרויס. נאָר אין גימנאַזיע האָט ער קיין שום דעה ניט געהאַט. מיר האָבן גוט אויסגעהאַלטן אונזערע עקזאַמענעס, נאָר ווײַל מען האָט זיך שטרענג גערעכנט מיט די יאָרן, האָט מען מיך צוגענומען מערניט אין ערשטן קלאַס. דאָ האָט מען זיך פונדעסטוועגן מיט אונז באַגאַנגען גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער, ווי אין דעם ה׳ קאָסטינס אַנשטאַלט. אָבער איין ניט־אָנגענעמער עפיזאָד האָט זיך דאָ אויך געטראָפן. אויפן עקזאַמען פון געאָגראַפיע בין איך אַרײַנגעפאַלן צו אַ שוואַרצן באַוואַקסענעם מענטשן, מיט פינסטערע בליצנדיגע אויגן. באַלד פון די ערשטע פראַגן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטיי איך

פֿאַר איינעם פֿון יענע פֿײַנט, וואָס האָבן מיך מיט אַ האַלב יאָר צוריק געפייניגט אין דער 10־טער גימנאַזיע. עפעס מיט אַ מין שנאה און ביטול האָט דער באַוואַקסענער מאַנסביל געקוקט אויף מיין קליינטשינקער פֿיגור. איך האָב געענטפֿערט פחדיק. נאָר באַפֿרידיגנדיג. פלוצלונג גיט ער מיך אַ פֿרעג: „וואו שטייט אונזער הויפטשטאָט?" איך האָב אָנגעוויזן מיטן שטעקן אויף דער קאַרטע. „און די פֿריערדיגע הויפטשטאָט?" ווײַז איך ווידער. — „און נאָך פֿריער." איך ווײַז אויף דער קאַרטע קיעוו. „נו, און נאָך פֿריער?" איך דערמאָן זיך, וואָס איך האָב געלייענט אין קינדערשע היסטאָרישע ביכער, און איך זוך אויס נאָווגאָראָד. „פֿײַן", זאָגט דער בייזער לערער, און ווענדנדיג זיך צום קלאַס, גיט ער אַ זאָג, פינטלענדיג מיט די אויגן: „און איך האָב געמיינט, ער וועט ווײַזן בערדיטשעוו".

דער קלאַס איז שוין, קאָנטיג, געווען געהעריג דערצויגן, און די קינדער האָבן אַרויסגעפלאַצט מיט אַ הילכיגן געלעכטער. דער געפֿיל פֿון צעמישטקייט און פֿון באַליידיגונג האָט אינגאַנצן דערשלאָגן בײַ מיר די פֿרייד, וואָס די צרות פֿון די עקזאַמענעס האָבן זיך שוין געענדיגט. אויף צו פֿאַרענטפֿערן דעם דאָזיגן לערער וויל איך זאָגן, אַז מיט אַ חודש צי צוויי שפעטער איז ער אינגאַנצן אַראָפ פֿון זינען און האָט דורך דעם אָנגעמאַכט אין גימנאַזיע אַ שרעקליכע אויפֿרעגונג. ביז דעמאָלט האָט ער מיר נאָך מער ווי איין מאָל געצאַפט דאָס בלוט מיט זיינע אַנטיסעמיטישע צוטשעפענישן, און איך האָב מורא געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט אים. איינמאָל האָט ער מיך באַגעגנט אויף אַ טרעפ, וואָס האָט געפֿירט פֿון איין העלפֿט גימנאַזיע אין דער צווייטער. מיטאַמאָל האָבן זײַנע אויגן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, און ער האָט מיט אַ הייזעריגן קול געפֿרעגט, ווי אַזוי מען רופֿט מיך. איך האָב געענטפֿערט. ער האָט נאָך ווילדער אַ קוק געטאָן אויף מיר און פלוצלונג מיך א כאַפ געטאָן מיט דער האַנט פֿאַרן גאָרגל. איך בין געשטאַנען ניט טויט ניט לעבעדיג. אַרום איז קיין נפֿש ניט געווען. פונקט אַזוי אומגעריכט האָט ער אַרויסגעלאָזן פֿון די הענט מײַן האַלז, וואָס ער האָט שוין באַוויזן גוט צונויפֿצופרעסן, און איז אַוועק. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און דעריבער האָב איך זיך ניט דערוועגט קיינעם צו דערציילן וועגן דעם צופֿאַל. נאָר דעמזעלביגן טאָג האָט זיך מיטן קראַנקן געטראָפֿן אַ נייער אָנפֿאַל. ער האָט געשפרײַזט איבערן פוסטן גימנאַזיסטישן זאַל. פלוצלונג באַמערקט ער אַ קליינעם יינגל, וואָס איז צופֿעליג אַהין

אַרײַן. דער משוגענער האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אויף אים, אָנגעכאַפּט פֿאַרן האַלז און גענומען ווערגן. דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן שרײַען, זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן מענטשן, געבונדן דעם קראַנקן מיט דער הילף פֿון די וועכטער און אַוועקגעפֿירט.

צווישן די גײַסטיק געזונטע לערער פֿון דער זיבעטער גימנאַזיע האָט זיך אין אַלגעמיין קיין שנאה צו ייִדן ניט באַמערקט. נאָר ס׳זײַנען געווען זייער ניט קיין אָנגענעמע אויסנאַמען, און דווקא צווישן יענע, וואָס האָבן געזאָלט ד ע ר צ י ה ע ן די תּלמידים. למשל, דער בייזער אינספּעקטאָר, וואָס איז תּמיד געווען פֿאַרמרהשחורהט, תּמיד געקוקט אַראָפּ, אַזוי אַז די תּלמידים פֿלעגן אַלעמאָל ציטירן וועגן אים קרילאָווס פֿאַבל: „דער אייזל קוקט פֿאַרטיפֿט אויף דר׳ערד"; ער האָט ניט אַזוי גרינג געקאָנט באַהאַלטן זײַן אַנטיסעמיטיזם.

און דער „דערציהער" אָדער „געהילף פֿון קלאַסן־אויפֿזעהער" סומאָרין האָט שוין גאָרניט געקלערט וועגן באַהאַלטן זײַנע געפֿילן. דאָס איז געווען אַ גוטמוטיגער, נאָר אַן אומקולטורעלער מענטש און אַן עם־הארץ דערצו. ס׳האָט זיך צו אים גוט געפּאַסט דאָס צונעמעניש „באָק", מיט וועלכן די תּלמידים האָבן אים באַקליידט. אַן אַלטיטשקער, מיט אַ טרייסלענדיגן גראָען בערדעלע, איז ער געלאָפֿן אַהין און אַהער איבער די זאַלן, געשריען און אַרײַנגעמישט זיך ניט געבעטענערהייט. ווען ער פֿלעגט שטיין אין איין ווינקל און אויספֿאָרשן עפּעס אַ שטיפֿערײַ, שרײַענדיג אויף אַ קול, פֿלעגט זיך פֿון אַנדערן ווינקל הערן מיטאַמאָל: „מע־ע־ע־ע"; פֿלעגט שוין דער אומגליקליכער „באָק" אָפּלאָזן זײַן קרבן און זיך אַ וואָרף טאָן זוכן די עזות־פּנימער. בעצם איז ער געווען, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין פּײַניגער פֿון די תּלמידים, נאָר זייער קרבן. אָבער אונז ייִדישע תּלמידים האָט ער אָנגעמאַכט צרות. ווען ער האָט געזאָגט מוסר, האָבן קיינמאָל ניט געפֿעלט בײַ אים די ווערטער: „איר ליאַרעמט דאָך ווי אַ ייִדישער קאַהאַל" א. ד. ג. דער עולם תּלמידים פֿלעגט אָנקוועלן פֿון די חכמות.

ס׳איז אַוועק אַ יאָר צײַט. בין איך דורך אַזאַ מין באַציהונג צו מיר געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. אָנגעקומען אין גימנאַזיע בין איך גלײַך פֿון אַ שטרענגער גובערנאַנטקע, וואָס האָט מיך געהאַט אײַנגעוואוינט צו זײַן איידל, באַשיידן און פֿלײַסיג; דערצו בין איך נאָך בטבע געווען אַ שטילינקער. אין צווייטן קלאַס בין איך, אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, געוואָרן אַ ווילדער שטיפֿער, וואָס האָט כּסדר פֿאַרשטערט די דיסציפּלין און די אָרדענונג אין גימנאַזיע. איך ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי דאָס איז

געוואָרן; אין די לימודים בין איך געווען איינער פֿון די ערשטע. איך בין, קאָנטיג, „דעזאָרגאַניזירט" געוואָרן, אַרויס פֿון די כּלים דורך דעם, וואָס איך בין פֿון דער שטילער קולטורעלער היימישער סביבה אַרײַנגעפֿאַלן צווישן דעם פֿאַרשײַטן עולם פֿון דער זיבעטער גימנאַזיע. מסתּמא איז נאָך אַ צווייטע שולע אַזאַ יעמאָלט ניט געווען אין פּעטערבורג. דער געגנט „פּעסקי" איז נאָך דאַן געווען הינטערן שטאָט; די גאַסן זײַנען געווען שלעכט באַלויכטן, די הײַזער דאָס רוב פֿון האָלץ, געוואוינט האָבן דאָרטן קליינע טשינאָווניקעס, גײַסטליכע און מיטעלע „קופּצעס" (סוחרים) פֿון אַלטן שניט. דעריבער זײַנען די גימנאַזיסטן אויך דאָס רוב געווען זייער קנאַפּ קולטורעל, סײַ אויסערליך און סײַ אינערליך. מען פֿלעגט זיך גראָב זידלען, שלאָגן זיך. אינדערהיים איז אינם גרעסטן טייל פֿאַ־מיליעס, לויט ווי מען פֿלעגט דערציילן, געווען אָנגענומען לײַבשטראָף.

איבעריגנס, איינמאָל האָט מען אָנגעווענדט לײַבשטראָף אין גימנאַזיע אויך, לויט דער בקשה פֿון די עלטערן. צוויי תּלמידים פֿון ערשטן און צווייטן קלאַס האָבן זיך אָנגעלייענט מיט מאַין־רידן, צוגענומען אין שטוב געלט און געיעג־ביקסן און זײַנען אַוועק . . . „קיין אַמעריקע". נאָר פּאָליציי האָט זיי געפּאַקט באַלד ערגעץ הינטערן שטאָט. די עלטערן האָבן זיך אײַנגעבעטן בײַ דער דירעקציע פֿון דער שולע, אַז מען זאָל ניט אויס־שליסן די קינדער פֿון גימנאַזיע, ווײַל דאָס וואָלט זיי אומגליקליך געמאַכט אויפֿן גאַנצן לעבן; בעסער זאָלן די וועכטער פֿון גימנאַזיע זיי אָפּשמײַסן. אַזוי איז טאַקע געווען, אָפֿט פֿלעגט טרעפֿן, אַז מען זאָל אויסשליסן תּלמידים פֿון די אונטערשטע און מיטעלע קלאַסן „מיט אַ וועלפֿישן פּאַס", ד"ה אָפּנעמענדיק בײַ זיי דאָס רעכט אַרײַנצוטרעטן אין אַן אַנדער גימ־נאַזיע; און דאָס רוב פֿאַר אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן שוין געהאַט צו טאָן מיט קרימינאַל.

דערהויפּט האָט אונדז דעמאָראַליזירט דאָס, וואָס צוזאַמען מיט אונדז 9—11־יאָריגע לײַטישע יינגלעך זײַנען געזעסן בײַ אונדז אין קלאַס גוט אויסגעוואַקסענע בחורים, וואָס האָבן זיך שוין געפֿירט ווי „גרויסע". גע־נומען האָט זיך דאָס פֿון דעם, וואָס מען האָט זיך ניט גערעכנט מיט די יאָרן בײַם צונעמען תּלמידים; אויך פֿלעגן די דאָזיגע יונגעלײַט אָפּזיצן אין איטליכן קלאַס ניט אַנדערש צוויי יאָר. אין צווייטן קלאַס האָב איך שוין געהאַט חברים, וואָס פֿלעגן גאָלן די אייבערשטע ליפּ און דערציילן אונדז ציניש אַנעקדאָטן און זייערע אייגענע גאָרניט קינדערשע ליבע־געשיכטעס. אין דריטן קלאַס איז געווען בײַ אונדז אַ וואוילער חבֿר,

וואָס האָט פֿאַרענדיגט זײַן וויסנשאַפֿטליכע קאַריערע׳ בכדי חתונה צו האבן מיט אַ מיידל׳ וואס ער האָט פֿאַרפֿירט׳ און צו ווערן א באַלעבעסל פֿאַר זיך׳ אין אין פֿערטן קלאַס איז געווען אַ יונגערמאַן׳ וואָס איז געווען ווײַט פֿון אונזערע קינדערשע אינטערעסן; פלוצלונג איז ער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן׳ שפּעטער זײַנען מיר געוואויר געוואָרן׳ אַז ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן׳ נאָכדעם ווי די עלטערן האָבן אים אַרויסגעטריבן פֿון שטוב פֿאַר עפּעס ניט קיין קינדערשע מעשים־טובים׳

אונזער גימנאַזיע האָט אין אסך פרטים דערמאנט די „בורסעס״׳ די אַלטע רוסישע סעמינאַריעס׳ מיט דער בורסע האט געשמעקט שוין פֿונם וואָרט „קאַמטשאַטקע״ — אַזוי האָט מען גערופֿן די לעצטע בענק אין קלאַס׳ וואו ס׳זײַנען געזעסן די באַיאָרנטע קאָלעגן׳ די באַציהונג פֿון די לערער צו די תּלמידים און פֿאַרקערט זײַנען אויך געווען ענליך אויף דער בורסע׳ אַ פּאָר „נעבעכלעך״ צווישן די לערער און עטליכע גאַנץ וואוילע׳ האָבן מיר תּלמידים אַזוי געמאַטערט׳ אַז מיר האָבן זיי פשוט דערפֿירט ביז משוגעת; און ווידער זײַנען אַנדערע לערער מיט זייער עם־הארצות׳ מיט זייער שכּרות׳ מיט זייער באַציהונג צו די קינדער געווען ווי אַרויסגענומען פֿין יענער „בורסע״׳ וואָס דער באַוואוסטער פּאָמיאַלאָווסקי האָט באַשריבן׳

און אונזער אויפֿפֿירונג מחוץ די ווענט פֿון גימנאַזיע איז שוין געווען אַ דורך־ און־ דורך „בורסאַקישע״ : די גימנאַזיע׳ פֿון די נידעריגסטע ביז די העכסטע קלאַסן׳ איז כּסדר געווען אין צושטאַנד פֿון אַ מין אינדיאַנישער מלחמה מיט דער בירגערליכער און בעל־מלאכהשער יוגנט פֿון דעם געגנט׳ ווי נאָר מיר פֿלעגן אַרויסגיין אויף פּעסקאָווסקע גאַס׳ פֿלעגט זיך דערהערן אַן אויסגעשריי : סיניאַיאַ גאָוויאַדינאַ׳ זשאָלטיע קישקי״ („בלאָע אָקסן־פֿלייש׳ געלע קישקעס״) — אַן אָנצוהערניש אויפֿן קאָליר פֿון דער אוניפֿאָרם׳ וואָס די גימנאַזיסטן האָבן געטראָגן כּמעט ביז יענער צײַט; אַ ביסעלע פֿריער האָבן די גימנאַזיסטן באַקומען גראָע מלבושים אָנשטאָט די בלאָע׳ נאָר דאָס צונעמעניש איז געבליבן׳ אַז חברה פֿלעגט אונז אָפּשיטן מיט אַזאַ מין קריגסגעשריי׳ האָט שוין דער כּבוד פֿון אונזער „שבט״ געפֿאָדערט׳ אַז מיר זאָלן אויך אָפּענטפֿערן מיט שטעכווערטער׳ וואָס זאָלן „אַ נעם טאָן״; איך האָב שוין איצט פֿאַרגעסן׳ וואָסערע טיטולן מיר האָבן געהאַט פֿאַר זיי׳

אָפּגעזאָגט די „ווערטער״׳ פֿלעגט מען זיך נעמען צום עיקר, צו די געשלעגן׳ איינציגווײַז און גרופּעסווײַז׳ מיר׳ די יינגערע׳ האָבן דאָס

רוב באַקומען גוטע קלעפּ פֿון די געזונטע בעל־מלאכהשע ייִנגלעך, אויב אונזערע עלטערע חברים, די „קאַמטשאַטניקעס״ זײַנען ניט געקומען צוהילף. אָבער אונזערע עלטערע זײַנען שוין דערפֿאַר געווען יונגען מיט ביינער, און האָבן זיך ניט געהאַט וואָס צו שרעקן פֿאַר די גרויסע בחורים פֿון יענעם צד. צײַטנווײַז פֿלעגן צווישןביידע אַרמייען פֿאָרקומען אמתע שלאַכטן: די שטאַרקסטע און די מוטיגסטע גימנאַזיסטן און קליינבירגער האָבן זיך געשלאָגן, און דאָס קליינוואַרג איז געווען אַ מין לײַכטע קאַוואַלעריע, וואָס האָט אויך געטאָן די אַרבעט פֿון אויסשפּירער. קלענערע קאַמפֿן פֿלעגן פֿאָרקומען אונטער עפּעס אַ טויער, פֿאַר גרעסערע שלאַכטן פֿלעגט מען אויסקלייבן עפּעס אַ פֿאַרוואָרפֿן געסל (דערהויפּט איז געווען באַליבט דער „פּערעקופּנאָי פּערעולאָק״, לעבן דער ערשטער ראָזשעסטווענסקער גאַס). מען האָט זיך גוט געבראָכן איינער דעם אַנדערן די ביינער, מען איז געקומען אַהיים גוט צעשעדיגט, און אַמאָל פֿלעגט זיך דאָס ענדיגן מיט אַ צובראָכענער ריפּ, מיט אַן אויסגעלונקענער האַנט און אַפֿילו מיט אַ מעסער־שטאָך. אָט ווי הײַנט געדענק איך דעם העלד פֿון איין געשלעג אַזאַ, דעם תּלמיד פֿון פֿערטן קלאַס לאַוראָוון, זעהר אַ שטאַרקן יונג, ווּעמען מען האָט איינמאָל אַזוי אָנגעשלאָגן, אַז ער האָט עטליכע וואָכן נאָכאַנאַנד ניט געקאָנט גיין אין קלאַס. מיט שרעק, אָבער ניט אָהן שטאָלץ, האָבן זיך די תּלמידים געשושקעט, אַז לויט ווי די דאָקטוירים זאָגן, וועט לאַוראָוו באַקומען שווינדזוכט. די דירעקציע פֿון דער שול האָט וועגן קיין זאַך ניט געוואוסט.

ס׳איז גרינג זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס פֿאַר אַ פּנים עס האָט געהאַט דאָס לעבן אין גימנאַזיע בײַ אַזוינע אומשטענדן. „די קאַמטשאַטניקעס״ האָבן אונז גערודפֿט צײַטנווײַז ניט ווייניגער, ווי דאָס איז באַשריבן אין פּאָמיאַלאָווסקיס „בורסע״ מערניט וואָס זיי האָבן בײַ אונז ניט געמאָנט קיין כּאַבאַר מיט עסנוואַרג; אָבער זיי האָבן געפֿאָדערט פֿון אונז, מיר זאָלן זיי העלפֿן גרייטן די לעקציעס און אונטערזאָגן, און זיי האָבן ניט געזשאַלעוועט פֿאַר אונז קיין שטורך און קיין קלאַפּ. געווען צווישן זיי אמתע פּייניגער, מער ווי אַלץ האָבן מיר ייִנגלעך געקרענקט פֿון אַ תּלמיד פֿון דריטן קלאַס, איינעם טיופֿיאַיעוו, אַ געזונטן הברה־מאַן, וואָס די לינקע האַנט איז געווען בײַ אים צעבראָכן, נאָר דערפֿאַר איז די רעכטע געווען ווי פֿון אײַזן. ער האָט אונז אָפּט דערפֿירט ביז טרערן. שפּעטער האָב איך אמת הנאה געהאַט, ווען איך האָב

אים געפֿונען אָפּגעמאָלט אין דער פֿיגור פֿון פּאָמיאַלאָווסקיס טאַווליע.

אין אַזאַ מין גראָבער סביבה, וואו טייל לערער האָבן נאָך אויך צוגעהעצט, איז איבערהויפּט שווער געווען פֿאַר יידישע קינדער. מען האָט אונז כסדר געדריקט, און ניט פֿון עפּעס אַן אַנטעסימיטישער שנאה וועגן, נאָר ס'האָט אונז יידישע תּלמידים פשוט אַרומגערינגלט אַ סטיכישע פֿאַראַכטונג צו אַ „נידעריגער ראַסע". אַנדערע, זין פֿון יידישע קליינבירגער, האָבן מיט הכנעה געטראָגן דעם יאָך, געפֿליַיסט זיך ניט צו וואַרפֿן זיך אין די אויגן, און נאָר זייער ענוודיג פֿאַרטרויערטער פנים האָט שוויַיגנדיג פּראָטעסטירט קעגן דער אָהנאויפֿהערדיגער אומגערעכטיגקייט. איך בין אָבער געווען אויפֿגעהאָדעוועט אין אַ פֿאַררוסישטער און אַ ליבעראַלער סביבה, איך האָב זיך ניט געקאָנט אונטערגעבן אָהן אַ קאַמף: דאָס לעבן אין דער שולע האָט געבראַכט דערצו, אַז מיַין צערייצליכקייט איז געוואָרן ממש אַ קרענקליכע.

אין צווייטן קלאַס האָב איך געפֿונען א חבר צו מיַינע איבערלעבונגען, וואָס האָט זיך צוליב וועלכע עס איז סיבות פּרי באַפֿריַיט פֿון דער השגחה פֿון זיַין פֿאַמיליע און איז געוואָרן זייער זעלבשטענדיג. דאָס איז געווען גוראַרי, אַ זון פֿון אַ יידישן פֿאַבריקאַנט, וואָס פֿלעגט מיר דערציילן בסוד־סודות, אַז זיַינע אַן עלטערע שוועסטער איז פֿאַרשיקט קיין סיביר, וויַיל זי איז אַ „רעוואָלוציאָנערין" *) ער איז געווען אַ רידעוודיגער, אַ פֿעהיגער, מיט אַ לעבעדיגער פֿאַנטאַזיע, אַ מוטיגער און אַ ביסל אַ היציגער. ער פֿלעגט תּמיד זיַין אין גאַס, און געלערנט האָט ער זיך נאָר ברעקלעכוויַיז, פֿונדעסטוועגן פֿלעגט ער ווי עס איז קענען די לעקציעס. ער איז געווען אין איינע יאָרן מיט מיר. גאָר אין אַ קורצער ציַיט האָט ער מיך אַראָפּגעפֿירט פֿון דרך־הישר, און איך בין אויך דורכגעדרונגען געוואָרן מיט זיַין פּראָטעסט קעגן די אומגערעכטיגקיַיטן פֿון די חברים און די לערער. מיר האָבן זיך צוגעחברט איינער צום צווייטן, וויַיל מיר זיַינען ביידע נתפעל געוואָרן פֿון מאַין־רידן, קופּערן, וואַלטער סקאָטן און זשול־ווערנען. ער האָט מיך אייגנטליך אַריַינגעפֿירט אין זייער פֿאַנטאַסטישער וועלט און האָט נאָך אויפֿגעעפֿנט פֿאַר מיר די פּערספּעקטיוון פֿון דיומאַ־פֿאָטער, קסאַוויע דע־מאָנטעפּען און פּאָנסאָן

*) דאס איז געווען די באַוואוסטע וויערע גוראַרי. אין די 80־ער יאָרן האָט זי אָרגאַניזירט מיליטערישע פֿאַרשווערונגען, שפּעטער האָט זי זיך אַ ציַיט באַטייליגט אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער באַוועגונג, אין דעם אָנהייב פֿון 20־ען י"ה האָט זי אָנגעמאַכט אַ רושם אַלס איינע פֿון די אָנפֿירערינס פֿון דער סעקטע „מאַכאַיעווצעס".

דיטעראַיל (ער האָט שוין באַוויזן אַרײַנצושמעקן אין ד ע ר ליטעראַטור אויך). די וועלט פֿון פֿאַנטאַסטישע באַגעגענישן האָט מיך אינגאַנצן פֿאַרכאַפּט, און מיר האָבֿן ביידע פֿאַרבראַכט די גאַנצע צײַט צווישן און נאָך די לעקציעס מיט דעם, וואָס מיר האָבֿן אַרומגערעדט דאָס איבערגעלייענטע און אויסגעמאָלט זיך אונזערע קומענדיגע העלדישקייטן.

דאָס שוליגע לעבֿן — ניט נאָר די לימודים, נאָר דאָס צוזאַמענזײַן מיט די חברים אויך — האָט אָנגעוואוירן פֿאַר אונז יעטווידער טעם, און אויף וויפֿיל דאָס לעבֿן האָט אונז גראָבֿ און ווייטאָגדיג אָנגערירט, באַליידיגנדיג אונזער פערזענליכע ווערדע און אונזערע קולטורעלע רגילותן, האָבֿן מיר רעאַגירט מיט אַ כראָנישן בונט. די לערער פֿלעגן מיר אפענטפֿערן מיט חוצפה, ניט פֿאָלגן זיי, אַקטיוו אײַנטיילנעמען אין פֿאַרשיידענע „שטיק" קעגן זיי; קעגן די באַיאָרנטע קאַמטשאַטניקעס און אַנדערע באַליידיגער פֿלעגן מיר זיך ווערן פֿיזיש. ביידע זײַנען מיר ניט געווען קיין גרויסע גבורים, נאָר די נערוועאישקייט און די פֿאַרביסנקייט האָבֿן אונז צוגעגעבֿן האַרץ אַרײַנצולאָזן זיך אין געשלעגן מיט די סאַמע ביטערע יונגען. די אונטערשטע שורה איז דאָס רוב געווען אַזאַ, אַז מיר פֿלעגן קריגן די קלעפ; אָבער מיר פֿלעגן אויך אָנמאַכן גענוג ווייטאָגן, און די אַרבעט פֿון אונזערע הענט פֿלעגן מיר נאָך צופֿעפֿערן מיט שטעכווערטלעך, חכמות, א. ד. ג. אונטער דער השפעה פֿון מײַן שכן בין איך אין אַ קורצער צײַט געוואָרן איינער פֿון די ווילדסטע, אומדיסציפלינירטסטע, אומגעהאָרכזאַמסטע תלמידים. אונזערע „שטיק" זײַנען אַפֿילו געווען ניט מער ווי אַ קינדערשע שטיפֿערײַ, דאָך האָבֿן די לערער באַלד געוואָרפֿן אויף אונז אַן אויג, און כאָטש מיר האָבֿן געטאָן אַ גוטע פעולה אין לערנען, האָבֿן מיר אײַנגיכן געהאַט דעם ערגסטן שם בײַ די פעדאַגאָגן.

מען האָט אונז צוגערעכנט צו יענעם מין „קאַמטשאַטניקעס", פֿון וועלכע ס'וועט שוין גאָרנישט ניט ווערן. מיך פֿלעגט מען כמעט אַלע טאָג איבערלאָזן אין קלאַס, אַלס שטראָף, אַ שעה און צוויי נאָך די לעקציעס. באַלד האָבֿ איך באַקומען „אַ דרײַ פֿאַר אויפֿפֿירונג", און אין די וועכנטליכע ידיעות, וואו מען פֿלעגט פֿאַרצייכענען אַלע אונזערע מעלות און חסרונות, גוטע מידות, ערפֿאָלגן און חטאים, האָט מען אָנגעהויבן שרײַבן אויף דער „דרײַ" לאַנגע פירושים. דער סוף איז געווען, אַז איך האָבֿ צוויי מאָל נאָכאַנאַנד באַקומען א „דרײַ פֿאַר אויפֿפֿירונג" אין די קוואַרטאַלדיגע ידיעות. אַלע האָבֿן געוואוסט, אַז דאָס איז דער וועג אויסגעשלאָסן צו ווערן פֿון גימנאַזיע.

אויף דעם אָנשיקעניש האָבן מיר געענטפֿערט מיט יענע מיטלען, וואָס די „בורסע" האָט שוין לאַנג געהאַט באַשאַפֿן. מיר זײַנען געוואויר געוואָרן די תּורה פֿון די קאָמטשאַטניקעס. פֿאַר אַ צענערל אָדער פֿאַר אַ בולקע איז דער שומר פֿון גימנאַזיע, וואָס האָט געדאַרפֿט אויף אונז אכטונג געבן, גרייט געווען אָפּצולאָזן אונז אַהיים. אַ האַלבע שעה נאָכן סוף פֿון די קלאַסן פֿלעגט דער דעזשורנער אויפֿזעהער קאָנטראָלירן די אַרעסטירטע און רוהיג אַוועקגיי׳ן אַהיים; באַלד נאָכדעם פֿלעגן מיר זיך אויך אפּטראָגן. אויף אַזאַ אופֿן האָט מען אינדערהיים אַפֿילו ניט געוואוסט, אַז מיר זײַנען באַשטראָפֿט געוואָרן. און וואָס ס׳איז שייך צו די „ידיעות", האָבן אונז די קאָמטשאַטניקעס געוויזן נאָך א בעסערן וועג. איך ווייס ניט פון וואַנען, נאָר זיי האָבן אַלעמאָל געהאַט ריינע בלאַנקעטן; מיר פֿלעגן דאָרט אַרײַנשרײַבן „נומערן" פֿון דער הגדה און אונטערשרײַבן זיך פֿאַרן קלאַסן־אויפֿזעהער. אין גימנאַזיע ווידער פֿלעגן מיר אַוועקגעבן דעם אָריגינעלן בלאַנקעט, אונטערשרײַבנדיג זיך פֿאַרן פֿאָטער אָדער פֿאַר דער מוטער. אַ האַלבער קלאַס איז אַזוי געווען צוגעוואוינט צו דער דאָזיגער פֿעלשונג, אַז צווישן זיך פֿלעגן מיר דאָס גאָרניט באַהאַלטן. איך געדענק ניט, אַז עס זאָל מיך האָבן פֿאַרדראָסן, וואָס איך בין אַזוי אַרײַנגעטאָן אין שקר: טיף אין מיר האָט געלעבט אַ געפֿיל, אַז גערעכט בין איך, און ניט יענע פעדאַגאָגן, וואָס איך האָב עובר געווען אויף זייערע געזעצן. ניט פֿון מײַן ווילן טו איך דאָך דאָס, נאָר ווײַל צוליב זיי אָדער צוליב זייער גלײַכגילטיגקײַט בין איך אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספֿערע וואָס רייצט און דערנידעריגט מיך, וואָס מוז אין מיר אַרויסרופֿן אַזאַ באַציהונג. ווען איך פֿלעג אויף אַ לערערס אַ גראָבקייט אָפּענטפֿערן מיט אַן עזותדיגן וואָרט, פֿלעגט מײַן אויסווייניגסטע רוהיגקייט דערבײַ נאָך מער צערייצן דעם לערער; און דער עיקר פֿלעגט אים אַרײַנברענגען אין כּעס, וואָס א י ך טו דאָס, דער קלענסטער און דער צאַרטסטער פֿון אַלע תּלמידים. ניט איינמאָל פֿלעג איך בײַ אַזאַ סצענע שפּירן, אַז איך דאַרף זיך אַזוי ניט פֿירן, אָבער עפּעס אַ סטיכישער כּוח פֿלעגט אַראָפּשווענקען אַלע צוימען פֿון מײַן שכל־הישר. ווען ס׳זאָלן ניט געווען קומען שפּעטער אַנדערע איינפֿלוסן, וואָלט איך געוויס געפֿאַלן אַ קרבן פֿון איינער פֿון די ערגסטע מינים שול־היסטעריע; אַנדערש קאָן ניט זײַן, ווען דער ערע־געפֿיל און דער גערעכטיגקײַטס־געפֿיל פֿון אַ קינד ווערן געטראָטן מיט די פֿיס.

מען האָט זיי געטראָטן מיט די פֿיס אָהן אַן אויפֿהער. אַחוץ יידן און טיילווייז פּאָליאַקן, איז געווען נאָך אַ קאַטעגאָריע קינדער, וואָס האָבן

געהאַט אויסצושטיין באַליידיגונגען: דאָס זײַנען געווען יענע „דינסט־מוידן־קינדער״, קעגן וועלכע דער מיניסטער דעליאַנאָוו האָט גראָד דעמאָלט גענומען פֿונאַנדערשיקן זײַנע באַוואוסטע צירקוליאַרן. אַ גאַנצע ריי פּע־דאַגאָגן האָבן זיך באַגאַנגען בפּירוש פֿאַראַכטליך מיט יענע קינדער פֿון אָרימע פֿאַמיליעס — בײַ אונז אין גימנאַזיע זײַנען געווען היפּש אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע גראָבע און צעריסענע קליידער און מיט זייער „פּראָסטן״ לשון. מער ווי אַלע האָט זיך צו זיי געטשעפּעט אונזער לאַטײַן־לערער קאַנסקי, אַ טשעך, אַ מענטש שוין ניט אין די יונגע יאָרן, וואָס איז פֿאַנאַטיש געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַן פּעדאַגאָ־גישער אַרבעט. אין אַלגעמיין איז ער מסתּמא געווען ניט קיין שלעכטער מענטש, נאָר אַ שרעקליך צערייצטער, און די תּלמידים פֿון ערשטן קלאַס האָבן געזונגען וועגן אים אַ לידל:

„ווילהעלם אַנטאָנאָוויטש קאַנסקי,
די חיה פֿון אַמעריקע.״

אַפּנים, זיי האָבן געהאַט אין זינען זײַן שטרענגע באַציהונג צו פֿויליאַקעס. צו מיר האָט זיך קאַנסקי באַצויגן ניט שלעכט, ווײַל איך בין געווען איינער פֿון די בעסטע תּלמידים אויף לאַטײַן. און איך האָב צו אים אויך גאָרנישט ניט געהאַט. נאָר עס האָט מיך פֿאַרדראָסן, וואָס ער באַגייט זיך אַזוי גראָב־אומברחמנותדיג מיט די ערגערע תּלמידים, און איינמאָל האָב איך אַרויסגעפּלאַצט. אין דריטן קלאַס איז דאָס גע־ווען. קאַנסקי האָט געהאַלטן אין אָנוועקגעבן די העפֿטן מיט די שריפֿט־ליכע אַרבעטן. ווען ער איז דערגאַנגען צו איינעם פֿון די באַיאָרנטע תּלמידים, אַ טעמפּע קאָפּ, האָט קאַנסקי אַ זאָג געטאָן מיט זײַן געוואוינט־ליכן בייזוויליג־חוזקדיגן טאָן:

— ב··· אָן איינס, שרײַבט אַ בריוול אין דאָרף.

אַזעלכע אָנצוהערענישן אויף דער דאָרפֿישער, פּויערשער אָפּ־שטאַמונג פֿון די תּלמידים זײַנען בײַ קאַנסקין געווען פֿון די געוואוינט־ליכע זאַכן, און ב··· האָט מער פֿאַר אַלעמען געהאַט בײַ אים צו לײַדן פֿון אַזוינע צוטשעפּענישן. איך האָב ב···ן זעהר ניט ליב געהאַט; ער איז געווען אַ היזוועכטערס אַ זון, אַ גרויסער בייזער בחור, וואָס פלעגט זיך באַלד נעמען שלאָגן. איך אַליין און דער גאַנצער קלאַס האָבן זיך פֿונאַנדערגעלאַכט, וואָס ב··· האָט שוין ווײַטער גע־פּאַקט אָן איינס. נאָר פּלוצלונג האָב איך אַ קוק געטאָן אויף דעם יאָלד, וואָס איז געגאַנגען צוריק אויף זײַן אָרט, און איך האָב געזעהן,

אַז ער איז דערשלאָגן, און אַז ער שעמט זיך, אָבער ניט אויף דער איינס. עפּעס האָט זיך אין מיר צעקאָכט, און איך האָב אומגעריכט אויף אַ קול אַ געשריי געטאָן איבערן גאַנצן קלאַס: „פּרא־אדם!"

דער קלאַס איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן, און איך האָב געפֿילט, אַז דאָס האַרץ מײַנס פֿאַלט מיר אײַן ביז די פּיאַטעס. די צונג האָב איך זיך ניט אָפּגעביסן, נאָר עפּעס אַ שווערע משא האָט אַראָפּגעדריקט מײַן קאָפּ צו דר'ערד, און איך האָב ניט געקאָנט אויפֿהייבן די אויגן. אַ לאַנגע מינוט פֿון שווערער שוויַיגעניש. אַ פּשטל איז מיר אַדורכ־געפֿלויגן דורכן קאָפּ: „פּרא־אדם" קאָן דאָך מיינען ב . . . אויך, פֿאַרוואָס עפּעס דווקא דעם לערער?

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָב איך געוואַרט אויף מײַן פּסק. איך האָב געשפּירט אויף זיך דעם שווערן בליק פֿון דער „אַמעריקאַנישער חיה". „צ . . . " האָט ער סוף־כּל־סוף אַרויסגערעדט: פֿון איצט אָן וועט איר ביז די קאַניקולן אַ גאַנצע לעקציע שטיין אויף די פֿיס".

אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פֿון האַרצן. די שטראָף איז געווען צו דערלײַדן, דער שטורעם האָט זיך פֿאַרבײַגעטראָגן. איך געדענק ניט, אַז ב . . . דער לא־יצלח זאָל האָבן פֿאַרשפּירט צו מיר עפּעס אַ באַ־זונדער דאַנקבאַרקייט פֿאַר מײַן ריטערליכן אַרויסטריט.

נאָר דער עפּיזאָד איז שוין געווען די גסיסה פֿון מײַן בונט אין גימנאַזיע. דער קריזיס איז שוין געווען פֿריער. אויסגעבראָכן האָט ער גאָר צופֿעליג. מײַן פֿאָטער, וואָס איז גאַנצענע טעג געווען פֿאַרנומען מיטן קאַמף פֿאַרן קיום, איז אַרײַן אין גימנאַזיע בעטן, מען זאָל אים ערלויבן צוּוואַרטן אַ ביסל מיטן שכר־לימוד. אינגאַנצן אומגעריכט איז ער דערגאַנגען, אַז איך רעכן זיך צווישן די ווילדסטע תּלמידים, אַז מען האַלט אין איין באַשטראָפֿן מיך און אַז אָט־אָט שליסט מען מיך אויס. כאָטש איך לערן זיך גוט. געקומען אַהיים, האָט ער מיך גענומען אויספֿרעגן, ניט אַזוי מיט כּעס, ווי מיט טרויער. אָטדער טרויעריגער קול זײַנער האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפֿן רושם: איך האָב אָנגע־הויבן אָפּמאָלן, מסתּמא מיט גוזמאות, ווי אַזוי מען רודפֿט און מען פּלאָגט מיך אין גימנאַזיע. מײַנע עלטערן זײַנען נשתּומם געוואָרן: אויף אַזוינס האָבן זיי זיך ניט געריכט. איך בין אַלץ מער צערייצט געוואָרן, דערמאָנענדיג זיך, ווי די שילער און די לערער באַליידיגן מײַן ערע־געפֿיל, ווי אַזוי זיי מאַכן חוזק פֿון מײַן יידישקײַט, און איך האָב צום

סוף היסטעריש אויסגעשריען׳ אַז איך קאָן מער אין דער גימנאַזיע ניט בלײַבן׳ מען האָט געררופֿן מײַן עלטערן ברודער׳ וואָס אויף אים האָט די דירעקציע עדות געזאָגט׳ אַז ער איז זעהר אַ רוהיגער און אַ וואוילער׳ ער האָט באַשטעטיגט׳ אַז דער אינספעקטאָר׳ און איבער־הויפּט דער קלאַסן־אויפֿזעהער "דער באָק" פּײַניגן אונז יידישע יינגלעך און העצן אָן אויף אונז די תּלמידים׳ ער האָט געוואוסט וואָס איז דער טײַטש קינדערשע סאָלידאַרישקייט׳ און דעריבער האָט ער׳ פֿאַר־שטייט זיך׳ וועגן מײַנע ספּעציעלע בעריעשקײַטן אַ וואָרט ניט דערמאָנט׳ נאָך זײַן גבית־עדות איז אויסגעקומען׳ אַז איך בין אינגאַנצן אומשולדיג׳ דער פֿאָטער האָט מיך באַרוהיגט׳ צוגעזאָגט איבעררײדן מיטן דירעקטאָר׳ אַז מען זאָל אויפֿהערן אונז רודפֿן׳ נאָר ער האָט מיר איינגערעדט׳ איך זאָל מאַכן אַ סוף צו מיין בונט און האַלטן די שוליגע דיסציפּלין׳

איך געדענק ניט׳ צי דעם פֿאָטערס וויזיט בײַם דירעקטאָר האָט זיך ווי עס איז אָפּגערופֿן אויף דער באַציהונג פֿון מײַנע שונאים צו מיר׳ נאָר די גאַנצע געשיכטע האָט אויף מיר געהאַט אַ גוטע ווירקונג: איך בין געקומען צום באַשלוס׳ אַז איך דאַרף זיך אַרײַננעמען אין די הענט׳ פֿון יענער צײַט אָן האָב איך זיך געפֿלײַסט צו באַקומען אַ בעסערן שם בײַ דער דירעקציע׳ און בהדרגה׳ נאָכדעם ווי ס׳זײַנען פֿאַר־געקומען נאָך עטליכע "אויסבראָכן" האָב איך דאָס דערגרייכט׳ צום סוף פֿון מיין זײַן אין דריטן קלאַס האָב איך ווײַטער אָנגעהויבן באַקומען פֿינפֿן פֿאַר אויפֿפֿירונג׳ פֿאַראיינס האָבן זיך מײַנע גייסטיגע אינטע־רעסן אויך גענומען בײַטן׳ ווערן און מאַין־ריד זײַנען מיר נמאס גע־וואָרן׳ און איך האָב זיך אַ נעם געטאָן צו גאָר אַן אַנדער מין ליטע־ראַטור: טורגעניעוו׳ לערמאָנטאָוו׳ שילער׳ הוגאָ׳ זשאָרזש זאַנד׳ דיקענס׳ דערנאָך טאָלסטאָי׳ שעקספּיר און דאָסטאָיעווסקי — דאָס אַלצדינג האָב איך געגומען פֿאַרשלינגען מיט אַ לעכצעדיגן אינטערעס׳ אַ שטופּ אין דער ריכטונג האָט מיר געגעבן דער הילפֿס־לערער׳ וואָס מען האָט גע־נומען פֿאַר מײַן ברודער׳ וועלכער איז ערנסט קראַנק געוואָרן און געמוזט פֿאַרלאָזן די גימנאַזיע׳ אָטדער הילפֿסלערער׳ אַ סטודענט פֿון די דאָ־נער קאָזאַקן׳ ג׳ מ׳ יעפֿימיעוו׳ וואָס האָט געוואוינט בײַ אונז אין שטוב און איז אָפּגעזעסן בײַ אונז אַ גאַנץ יאָר׳ האָט געהאַט די בעסטע ווירקונג אויף מײַן אַנטוויקלונג: ער פֿלעגט ריידן מיט מיר׳ ער האָט מיך צוגעוואוינט לייענען אַן אַנדער סאָרט ביכער׳ און דאָס האָט אַ קער געטאָן מײַנע בונטאַרישע שטימונגען גאָר אין אַן אַנדערע זייט׳ מיט זײַן

הסכּמה האָבֿ איך זיך גענומען לייענען אַ באַנד ביעלינסקי׳ וואָס איז מיר צופֿעליג אַרײַנגעפֿאַלן אין האַנט׳ און איך האָבֿ זיך אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין די ליטעראַרישע׳ מאָראַלישע און געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגן׳ וואָס ווערן אָנגערירט אין ביעלינסקיס אַרטיקלען׳ אומבאַמערקטערהייט האָבֿ איך זיך צו 13 יאָר כּמעט באַפֿרײַט פֿון קינדערשע אינטערעסן און רעיונות׳

די כוליגאַנישע פֿאָרמען פֿון מײַן בונט קעגן דער גימנאַזיע האָבן אויפֿגעהערט׳ און איך בין איצט געוואָרן אַן אַנדערער: די גימנאַזיע איז מיר סתּם פֿרעמד געוואָרן׳ און די לײַדנשאַפֿט צו ליטעראַטור׳ צו טעאַטער (יעפּימיעוו איז געווען אַ הייסער ליבהאָבער פֿון טעאַטער) און אַ ביסל שוין צו פּאָליטיק האָט אָפּגעטייט אין מיר יעטווידער אינטערעס צו דער שולע׳ אין פֿערטן קלאַס האָבֿ איך שוין בשום־אופֿן ניט געקאָנט מער פּועלן בײַ זיך צו לערנען׳ און אָנשטאָט וואָס איך בין פֿריער געווען צווישן די ערשטע תּלמידים׳ האָבֿ איך איצטער אַראָפּגענידערט אין די לעצטע מדרגות. איך האָבֿ געהאַט אַ גוטן זכּרון׳ און דאָס האָט מיך נאָך געראַטעוועט ווי עס איז׳ כאָטש איך פֿלעג אַרײַנקוקן אין אַ בוך נאָר בשעת די הפֿסקות׳ נאָר וואָס ווייטער איז געגאַנגען אַלץ ערגער׳ טיילמאָל פֿלעגט מיר קומען דער געדאַנק׳ אַז אויף די עקזאַמענעס צום פֿינפֿטן קלאַס וועל איך דורכפֿאַלן מיט אַ קנאַק׳ נאָר איך האָבֿ זיך ניט געקאָנט צורירן צו אַ לערנבוך: דער עצם אויסזעהן פֿון קלאַס איז מיר געווען מיאוס׳ איך האָבֿ געלעבט דורכויס אין דער וועלט פֿון מײַנע נײַע ליטעראַרישע אינטערעסן׳

די זאַך וואָלט זיך געענדיגט ביטער׳ ווען ס׳וואָלט זיך ניט געמאַכט אַ גליקליכער צופֿאַל׳ דער מעמד פֿון מײַן פֿאָטער איז געוואָרן אַלץ ערגער׳ די פֿאַרדינסטן זײַנען געפֿאַלן׳ אין 1887 האָט ער געמוזט אַ טראַכט טאָן וועגן אַריבערקלײַבן זיך אין אַן אָרט׳ וואו דאָס לעבן זאָל זײַן וועלוועלער ווי אין פּעטערבורג׳ ער האָט אויסגעקליבן צאַרסקאָיע סעלאָ; דאָס איז ניט ווײַט פֿון פּעטערבורג׳ און ער האָט גערעכנט פֿאָרן פֿון דאָרטן אַלע טאָג אויף דער שטעלע׳ דעם מעסיגן שכר־למוד האָט ער אויך ניט געקאָנט באַצאָלן׳ און דעריבער איז דער סוף אָנגעקומען נאָך גיכער׳ מען האָט מיך צוגענומען פֿון גימנאַזיע מיטן פּלאַן׳ אַז אַ יאָר צײַט זאָל איך זיך לערנען אין צאַרסקאָיע סעלאָ אינדערהיים און דערנאָך האַלטן עקזאַמען גלײַך אין זעקסטן קלאַס אַרײַן׳ אויף אַזאַ אופֿן בין איך פּטור געוואָרן פֿון די עקזאַמענס צום

פֿינפֿטן קלאַס, אויף וועלכע איך וואָלט געוויס דורכגעפֿאַלן, און ס'איז מיר ניט אויסגעקומען צו זיצן נאָך אַ יאָר אין פֿערטן קלאַס.

דאס צווייטע קאפּיטל.

ס'וואכן אויף די פּאָליטישע אינטערעסן. די „גוועלפֿן" און די „גיבעלינען". די פּאָלגן פון דער „יידן־פּראגע". די דעמאָנסטראַציע לכבוד שעלגונאָוון.

צום לעצטן יאָר, וואָס איך בין געווען אין דער זיבעטער גימ־נאַזיע, האָבן אויפֿגעוואַכט מײַנע פּאָליטישע אינטערעסן אויך.

ביי מײַן פֿאָטער אין שטוב האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן אויפֿקלײַבן באַקענטע פֿון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ: צוויי געהילף־אַדוואָ־קאַטן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פּראקטיק, איין אָפֿיציר, דאָקטוירים, צוויי־דרײַ קורסיסטינס. דער קרײַז באַקענטע איז אויסגעוואַקסן צו־פֿעליג, דורך דעם, וואָס מײַן פֿאָטער האָט זיך מיט איינעם פֿון זיי באַקענט געזעלשאַפֿטליך. דער עולם איז געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט, אַ פּאָר פֿון זיי זײַנען שוין געזעסן אין „פּרעדוואַרילקע" (אַ טורמע אין פּעטערבורג); דעם נאָמען פֿון איין דאָקטערקע האָב איך מיט אַ יאָר צוואַנציג דערנאָך געפֿונען אין אַ רשימה פֿון די קרבנות פֿון דער סטאָ־ליפּינשער רעאקציע, צווישן די פֿאַרשיקטע קיין סיביר.

אין דעם קרײַז האָט מען אָפֿט געפֿירט פּאָליטישע שמועסן, גע־זידלט אַלעקסאַנדר דעם דריטנס רעגירונג און דמיטרי טאָלסטאָיען, גערייענט שטשעדרינס אומלעגאַלע מעשהלעך, איבערגעגעבן נײַסן וועגן די סטודענטישע אומרוהען. מײַן פֿאָטער האָט אין די זעכציגער יאָרן איבערגעלעבט די התלהבות פֿון דער יעמאָלטיגער יוגנט און איז געבליבן אויף אַלעמאָל גערצענס אַ חסיד; אין די יונגע יאָרן איז ער אַפֿילו אַמאָל ספּעציעל אַראָפּגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן, אַזוי ווי מען פֿאָרט צום רבין. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט עמיצער ברענגען צו טראָגן אַ באַנד גער־צענס ווערק, וואָס זײַנען דאַן געווען פֿאַרווערט, און מען פֿלעגט דאָס לייענען אויף אַ קול. איך פֿלעג אויך זיצן דערבײַ. אַזוי האָב איך זיך

באַקענט מיט „בילאָיע אי דומי״ וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט אַלע יסודות פֿון מײַן נשמה און מיך אויסגעלערנט לײַדנשאַפֿטליך פֿײַנט האָבן דעם צאַריזם און די ראָמאַנאָווס.

דער טאָן פֿון די שמועסן בײַ מײַן פֿאָטער אין קאַבֿינעט איז געווען ליבֿעראַל־קאָנסטיטוציאָנאַליסטיש. וועגן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ איז אויך אָפּט געקומען צו רייד, מען פֿלעגט פירן וויכּוחים, צי זייער פּאָליטיק איז אַ ריכטיגע אויף אויסצוקעמפֿן פּאָליטישע פֿרײַהײַט. וועגן סאָציאַליזם פֿלעגט מען ניט דערמאָנען.

איינמאָל האָט דער יוריסט, וואָס איז געווען געהילף בײַם באַרימטן ספּאַסאָוויטשן (איינער פון די גרעסטע רוסישע אַדוואָקאַטן), געבראַכט דעם פֿאָטער גאָר אַן אַנטיק פֿון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור: דעם באַשולדיגונגס־אַקט וועגן הערמאַן לאָפּאַטינען, וועמען ספּאַסאָוויטש האט פֿאַרטיידיגט. ק׳ האט געהאַט באַקומען דעם דאָקומענט אויף איין אָוונט, און ער האָט פֿאָרגעלייגט איבערלייענען דאָס אויף א קול. פֿאר מיר האָט זיך אַנטפלעקט דאָס דראַמאַטישע בילד: אַלע אַקטן פֿון דער פֿאַרשווערונג, טעראָריסטישע אָנפֿאַלן, אנטלויפֿעניש און באפֿרייאונגען, באַוואָפֿנטע צוזאַמענשטויסן און דעגאַיעווישע פֿאַרבלענדענישן. שוין מיט אַ קורצער צײַט פֿריער איז מען געוואויר געוואָרן וועגן דעם טעראָריסטישן אָנפֿאַל אויף אַלעקסאַנדר דעם דריטן, און ס׳איז פובליקירט געווארן אַ מעלדונג וועגן דעם, אַז אויף פֿינף טעראָריסטן איז אויסגעפֿירט געוואָרן טויטשטראָף; דאָס האט דערוועקט אין מיין זכרון די קינדערשע אײַנדרוקן פֿונם 1־טן מערץ 1881. איצט האָב איך זיך אײַנגעהערט מיט אַ פֿאַרהאַלטענעם אָטעם אין דעם „קאַזיאָנעם״ לשון פֿונם באַשולדיגונגס־אַקט, געפֿלייסט זיך משיג צו זיין די געשעהענישן, וועגן וועלכע ס׳איז דארט געווען אַ רייד. מיין פֿאַנטאַזיע האָט געפרובט אויפֿשטעלן צוריק די דראַמאַטישע סצענעס פֿון יענע געשעהענישן און אויסמאָלן די פֿיגורן פֿון די אײַנטיילנעמער. ק׳ האָט צוגעגעבן צום לייענען פירושים, וואָס ער האט געהערט פֿון ספּאסאָוויטשן און וואָס האָבן געהאט א שייכות צום עצם גאנג פֿון פראָצעס; דאָס האָט מיר געהאלפֿן באַשאַפֿן מײַנע „אייגענע״ העלדן פֿון דער דראַמע. פֿון צוויי פֿון זיי בין איך דערהויפט באַגײַסטערט געוואָרן. דער ערשטער איז געווען הערמאַן לאָפּאַטין אליין, דער באַיאָרנטער אָנפֿירער פֿון דער פֿארשווערונג. ספּאַסאָוויטש האָט זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פֿון זיין לומדות, פֿון זיין קאלטבלוטיגקייט אין אזעלכע מאָמענטן, ווען דער טויט האָט אים שוין געקוקט אין די

אויגן, פֿון זײַן שאַרפֿזיניגקייט. אין מײַן פֿאַנטאַזיע איז ער געוואָרן דער קונציגער פֿאַרשווערער, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל ניט כאַפּן און וואָס פֿלעכט „בסוד־סודות די נעץ פֿון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע. דער צווייטער העלד מײַנער איז געווען ניקאָלאַי סטאַראָדוואָרסקי, דער שטאַרקער יונגערמאַן פֿון דער סעמינאַריע: קאַלטבלוטיג־אַכזריותדיג הרגעט ער דעם זשאַנדאַרם סודעיקין און צעטרײַבט מיט זײַן שטאָלן־בייזן בליק די שמירה, וואָס פֿירט דעם אַרעסטאַנט וואָליאַנסקין.

די איראָניע פֿונם שיקזאַל האָט זיך פֿאַרגונען אַזאַ שפּיל, אַז מיט 21 יאָר שפּעטער האָט מען מיך אין פּאַריז פֿאַרבעטן פֿאַר א שליש אין א בוררים־געריכט, וואָס האָט געדאַרפֿט באַטראַכטן א סכסוך צווישן דעמזעלביגן סטאַראָדוואָרסקין און בורצעוון; בורצעוו האָט אים באַשולדיגט, אַז ער האָט פֿון דער שליסעלבורגער פעסטונג אָנגעגעבן א בעט־בריוו, וואָס האָט געשמעקט מיט מסירה. די ראָמאַנטישע געשטאַלט פֿון מיינע קינדערשע טרוימען האָט זיך באַוויזן פֿאַר מיר אַלס א וואָכעדיגער פֿאַרשוין, וואָס האָט דערמאַנט גיכער אַ געשעפֿטס־מענטש, איידער א כלל־טוער; פֿונם רעוואָלוציאָנערן קעמפֿער איז שוין יעדנפֿאַלס קיין זכר ניט געבליבן. יעמאָלט האָב איך דערזעהן צום ערשטן מאָל אויך הערמאַן לאָפּאַטינען, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פֿאָרמעל אַלס עדות, פֿאַקטיש ווי א באַשולדיגער. די באַשולדיגונג איז ניט דערוויזן געוואָרן, און דער געריכט האָט איינגעפֿונען, אַז סטאַראָדוואָרסקיס פֿאַרראַט איז ניט פֿעסטגעשטעלט; אויך האָט מען אַרויסגעזאָגט אַ טאַדל קעגן די גענג, מיט וועלכע בורצעוו האָט געזוכט צו דערגאַנצן דעם דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל קעגן סטאַראָדוואָרסקין, וואָס האָט אים געפֿעלט. עס איז מיר גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן, ווען איך האָב געשריבן דעם פסק־דין: עס וואָלט מיר ווי געטאָן צו פֿאַרשמוצן מיט די אייגענע הענט די געשטאַלט, מיט וועלכער עס זײַנען בײַ מיר אין די יונגע יאָרן צונויפֿגעקניפּט געווען אַזוינע ראָמאַנטישע פֿאָרשטעלונגען.

נאָר ליידער, אין צעהן יאָר אַרום האָט די נײַע רעוואָלוציע אויסגעשפּרייט פֿאַר אונז די טרוקענע פּראָזע פֿון די אַרכיוון, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן קלאָר און דײַטליך, אַז מיין „באַשולדיגטער" — יעמאָלט איז ער שוין געווען א שוכן־עפֿר — האָט אינדעראמתן ניט נאָר אָפּגעטאָן דאָס, אין וואָס בורצעוו האָט אים באַשולדיגט, נאָר נאָך ערגער: שוין נאָך שליסעלבורג איז ער געוואָרן אַ באַצאָלטער אַגענט בײַ דער „אָכראַנע".

הערצען, שילער, הוגאָ, די דערציילונגען וועגן די מיטגלידער פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" — דאָס אַלצדינג האָט זיך צונויפֿגעפֿלאָכטן אינאיינעם, און מיט 15 יאָר האָב איך געטרוימט וועגן קאַמף פֿאַר פֿרייהייט. איין צייט, בשעת מיר האָבן געוואוינט אין צאַרסקאָיע סעלאָ, האב איך זיך אַריינגעטאָן אין לעוו טאָלסטאָיס קריסטליכער מיסטיק, אָבער דאָס איז אינגיכן פֿאַרגאַנגען *). עס איז נאָר געבליבן אַ שטיקל געפֿיל, אַז אין טאָלסטאָיס אָנפֿאַלן אויף דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע איז פֿאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן ניט אָפּפּטרן אַזוי גרינג, און אַז פֿיינט האָבן דעם דעספּאָטיזם הייסט נאָך ניט פֿאַרענטפֿערן די פֿראגע וועגן דער מענטשליכער פֿרייהייט.

אין צאַרסקאָיע סעלאָ האָב איך זיך אַ יאָר צייט געלערנט אינדערהיים, און דערנאָך בין איך אַריינגעטראָטן אין דער דאָרטיגער גימנאַזיע. בראש פֿון איר איז געשטאַנען ל. געאָרגיעווסקי, אַ האַרטער רעאַקציאָנערער ביוראָקראַט, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ חשובע ראָליע אין די שוואַרץ־מאהדיגע מיניסטעריומס פֿון פֿאָלקסבילדונג (דוכט זיך, ער האָט דערגרייכט ביז דער מדרגה פֿון אַ געהילף-מיניסטער). איך געדענק, וואָס פֿאַר אַן עקלדיגן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף מיר אָטדער פֿיינער, אלעמאָל עלעגאַנט אָנגעטאָנענער יונגערמאַן, ווען ער האט פֿאָרגעשטעלט אונז גימנאזיסטן דעם קיסר אַלעקסאַנדר דעם דריטן. דער קיסר האָט זיך אָקאָרשט געהאַט „אויף אַ וואונדערבאַרן אופֿן גערֿאַטעוועט" פֿונם באַן־אומגליק ביי באָרקי. מען האָט אונז אַלעמען צונויפֿגענומען אין צאַרסקאָסעלער פּאַלאַץ, דער אומגעלומפּערטער ריז איז פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַרביי אונז און באוויליגט צו זאָגן מיט אַ פֿריינטליכן פּנים: „אַ גוטן מאָרגן אייך, קינדער" מיר האָבן געענטפֿערט אַלע אין כאָר: „מיר ווינשן אייך געזונט, אייער מאַיעסטעט"; אָטדעם „זדראַוויאַ זשעלאַיעם" האָט אַ ספּעציעל געקומענער אָפֿיציר געחזרט מיט אונז צוויי טעג נאָכאַנאַנד. דערנאָך האָט דער קיסר געפֿרעגט ביי געאָרגיעווסקין, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געדרייט און געבוקט אַרום אים: „וויפֿיל זיינען זיי דאָ אַרום און אַרום?" קיין גרעסערע חכמה האָט ער ביי זיך אין קאָפּ ניט געפֿונען און דערלאַנגט דעם דירעקטאר די האַנט. דאָ איז געשעהן אַזוינס, אויף וואָס מיר האָבן זיך בשום־אופֿן ניט געריכט: געאָרגיעווסקי האָט זיך אָנגעבויגן און אַ קוש

*) איך בין אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ שטוב אָהן שום רעליגיע, און איך האָב ממש ניט געקאָנט סובל זיין קיין מיסטיק.

געטאָן די האנט פון זיין מאיעסטעט. איך בין געווען קליין געוואַקסן און בין דעריבער געשטאנען אין דער ערשטער ריי; ווען איך האב דאָס דערזעהן, האב איך שיר ניט ארויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. מיינע גימנאַזיאַלע חברים זיינען געווען טריי־אונטערטעניג געשטימט, נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אויך שטאַרק געוואונדערט אויף דעם דירעקטאָרס קריכעריי.

אין אַלגעמיין האָט זיך די גימנאַזיע אין צאַרסקאָיע סעלא אויס־געצייכנט מיט איר טריי־אונטערטעניגקייט. ס׳איז קיין חידוש ניט. אַסך תּלמידים זיינען געווען קינדער פון די הויפלייט און הויפבאַדינער, וואָס האָבן בכלל געבילדעט אַ היפשן טייל פון דער איינוואוינערשאַפט אינעם שטעטל. אנדערע זיינען געווען זין פון די אָרטיגע סוחרים און קליינבירגער, וואָס האָבן אין א גרויסער מאָס געלעבט פון די באַשטעלונ־גען פון די פּאַלאַצן. איך בין געווען אין דער סביבה אינגאַנצן אַ פרעמ־דער מיט מיינע פריידענקערשע טרוימען; געאָרגיעווסקיס שטרענגער פּאָליציייאישער רעזשים האָט מיך געמאַכט נאָך מער פאַרשלאָסן, איך האָב פּשוט מורא געהאַט אויסריידן אַן איבעריג וואָרט. דעם גאַנצן יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער גימנאַזיע, בין איך געווען שווייגעדיג, אַלעמאָל אויף דער וואַך. נאָר אויף די לעקציעס פון געשיכטע פלעג איך קומען צו זיך: אונזער לערער איז געווען ג. וו. פאָרסטען, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ גאַנץ באַוואוסטער פאָרשער און א פּראָפ־לערער לעקטאר אויף די העכערע פרויען־קורסן. ער האָט מסביר געווען זיין לימוד מיט טאַלענט און ער האָט געשטרעבט איינצופלאַנצן אין אונז דעם פאַרשטאַנד, אז אין די היסטאָרישע פּאַסירונגען איז פאַראַן אַ געזעצמעסיגקייט; דאָס האָט באַרייכערט מיין גייסטיגע וועלט און צוגעגעבן מיר אַ פרישן חשק צו שטודירן געשיכטע. איך האב גע־נומען לייענען אָהן א באַזונדער סדר אלצדינג וואָס איך האָב אריינ־באַקומען אין האַנט פון דער אַלטער און פון דער נייער געשיכטע.

האַרבסט 1889 האָט מיין פאָטער געמוזט פאַרלאַזן צאַרסקאָיע סעלאָ, און מיר האָבן זיך אריבערגעקליבן צוריק קיין פעטערבורג, וואו ער האָט באַקומען א נייע שטעלע. מיט פרייד בין איך אַוועק פון דער גימנאַזיע, וואו ס׳האָט פולקום געוועלטיגט דעליאַנאָווס רעאַקציאָנערער גייסט, און איך בין אַריבער אין דער פּעטערבורגער ערשטער גימנאַזיע.

דאָ האָב איך באַלד אָפּגעעטעמט פרייער. די אַטמאָספערע אין דער שולע — איך בין שוין דאַן געווען אין זיבעטן קלאַס — איז שוין

געווען אַסך סימפּאַטישער, איידער אין צאַרסקאָיע סעלאָ. די גימנאַזיסטן זיינען געווען פֿון אינטעליגענטישע, באַאַמטישע און אָפֿיצירישע משפּחות, און זייערע באַציהונגען צווישן זיך, זייערע אינטערעסן זײַנען געווען קולטורעל. די לערער זײַנען כּמעט אַלע געווען טשינאָווניקעס אָהן אַן אינדיווידועלן פּרצוף־פּנים, נאָר דער גאַנצער רעזשים איז פֿונדעסטוועגן ווײַט געווען פֿון אַ קאַזאַרמע, הגם עס פֿלעגט אונז אָפֿט מזכּה זײַן מיט זײַנע וויזיטן דער שרעק פֿון אַלע „גימנאַזיעס", דער שעף איבער אַלע שולן פֿונם געגנט („פּאָפּעטשיטעל"), דער גענעראַל נאָוויקאָוו. דאָס איז געווען אַ גאַנץ בראַוו מענטשעלע, נאָר אַ נאַר און אַן עם־האָרץ. אין גימנאַזיע פֿלעגט מען וועגן אים דערציילן, אַז ער איז אַמאָל געקומען באַקוקן דעם נײַעם בנין פֿון עפּעס אַ שולע. דער דירעקטאָר פֿונם אַנשטאַלט האָט אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אַז דער גרויסער זאַל איז זעהר אַ גוטער, מערניט איין חסרון, דער רעזאָנאַנס איז ניט איבעריגס גוט. אויף דעם זאָל נאָוויקאָוו האָבן אַ זאָג געטאָן: „קויפֿן אַ נײַעם!". שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז אַן אַלטער אַנעקדאָט נאָך פֿון אַראַקטשעיעווס צײַטן. דאָס איז אַ ראַיה, ווי לאַנג די רוסלענדער בילדונג האָט געהאַט צו לײַדן פֿון אַזוינע עם־הארצישע „משגיחים". צי איז מען שוין איצטער, אין דער גאָלדענער תּקופֿה פֿון די קאָמוניס־טישע מוזעס, אינגאַנצן פּטור געוואָרן פֿון זיי?

באַלד ווי איך בין אַרײַנגעטראָטן אין דער גימנאַזיע, האָב איך צוזאַמען מיט מײַן גאַנצער פֿאַמיליע געהאַט אויסצושטיין אַסך צרות, אין וועלכע איך בין אַליין ניט־ווילנדיג געווען שולדיג. אויף די גימנאַזיעס איז אין יענער צײַט חל געווען די געוויסע „פּראָצענטנאָרמע" פֿאַר „פּערזאָנען פֿון יידישן גלויבן"; אין פּעטערבורג און מאָסקווע האָט די נאָרמע פֿאַר יידן באַטראָפֿן דרײַ פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל תּלמידים. דעריבער האָט זיך מײַן אַריבערגיין פֿון דער צאַרסקאָ־סעלער גימנאַזיע אין דער פּעטערבורגער אָנגעשטויסן אויף מניעות. מיר איז געקומען צוהילף מײַן זיידע אַלכּסנדר צעדערבוים, דער אַלטער משכּיל און שריפֿט־שטעלער; ער איז געווען אַ וויכטיגער טוער פֿאַר אָנפֿאַנגס־בילדונג צווישן יידן, און פֿון אים האָט מען געהאַלטען אין בילדונגס־מיניסטעריום נאָך זינט די 60־ער יאָרן, ווען די זעלבסטהערשונג האָט געשטרעבט אײַנצופֿלאַנצן פֿאָלקסשולן צווישן יידן. איבערהויפּט האָט זיך גוט באַצויגן צו מײַן זיידן דער מיניסטער דעליאַנאָוו, וואָס האָט מיט גרויס חשק אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז מען זאָל מיך צונעמען אין איינער פֿון

די פעטערבורגער גימנאַזיעס „איבער דער נאָרמע". די פאַרוואַלטונג פונם געגנט (דער „אָקרוג") האָט אַפּנים געהאַט פּאַריבל, וואָס מען טוט אָפּ אַזאַ זאַך אָהן איר, און געבנדיג די פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל מיך לויט דעם מיניסטערס באַפעל צונעמען אין דער ערשטער גימנאַזיע, האָט דער „אָקרוג" צוגעגעבן פון זיך אַזאַ מין המצאָה: „אויב זיינע עלטערן האָבן וואוינרעכט אין יענע ערטער, וואו יידן טאָרן ניט וואוינען".

אין משך פון די 80־ער יאָרן האָט מען אין אונזער שטוב טאָג־איין, טאָג־אויס געהאַט צו טאָן מיט דעם וואוילן „וואוינרעכט", ווייל דאָ פלעגט זיך טרעפן אַ צרה מיט אַ קרוב, דאָ מיט אַ באַקענטן. נאר אונז אַליין האָט דאָס אָנשיקעניש ניט אָנגערירט. אין די ערגסטע צייטן פונם גראַדאָנאַטשאַלניק (שטאָט־הויפטמאַן) גרעסער, וואָס איז געווען אַן אמתער „מפונק" אין דער יידן־פּראַגע, האָט מען זיך צום וואוינרעכט פון מיין פאָטער קיינמאָל ניט געטשעפּעט. מיין פאָטער איז געווען אַ יחסן: ער האָט געהאַט דעם מאָדנעם טיטול: „געלערנטער גערטנירער", ד"ה ער האָט געהאַט געענדיגט אַ ספּעציעלע „שול פאַר גערטערייי", וואָס איז לויט די רעכט פון די תלמידים געווען צוגע־רעכנט צו די הויכשולן, און יידן, וואָס האָבן געענדיגט הויכשולן, האָבן דאָך געהאַט וואוינרעכט אין גאַנץ רוסלאַנד.

דערוואוסט זיך וועגן דער פאַדערונג פונם „אָקרוג", האָט מיין פאָטער זיך געווענדט אין פּאָליציי, מען זאָל אים אַרויסגעבן אַ צייגעניש, אַז ער האָט וואוינרעכט; דערבייי האָט ער זיך סומך געווען אויף זיין דיפּלאָם און אויף די רעכט, וואָס דער דיפּלאָם גיט אים. גרויס איז געווען זיין חידוש, ווען ער האָט באַקומען אַ קורצן ענטפער, אַז די קאַנצעלאַריע פונם גראַדאָנאַטשאַלניק האָט באַשלאָסן אָפּזאָגן אים אין זיין בקשה. תחילת האָבן מיר זיך גאָרניט געכאַפּט, וואָס פאַר אַ סכנה עס שטעקט אין דער רעזאָלוציע, און מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז סתם עפּעס אַ פּאָליציייִשע צוטשעפּעניש. די דירעקציע פון גימנאַזיע האָט מסכים געווען צו געבן מיר אַ טערמין פון צוויי חדשים צוצו־שטעלן דעם געפאָדערטן דאָקומענט, און דערווייל האָט מען מיר ער־לויבט גיין אין קלאַס. מיין פאָטער איז אַזוי שטאַרק געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט אין קאַנטאָר, אַז ער האָט זיך ניט איבעריגס אַריינגע־טאָן אין מיין ענין; ער האָט גערעכנט, אַז אין אַ צייט אַרום וועט ער זיך משתדל זיין אַ צווייטן מאָל, און דעמאָלט וועט שוין אַלץ גיין כשורה.

נאָר ווען ער האָט אין אַ צײַט אַרום אָנגעשריבן אַ צווייטע בקשה, וואו ער האָט זיך ווידער סומך געווען אויף זײַנע רעכט און אויפֿגעוויזן, אַז פּאָליציי טאָר זיך ניט אָפּזאָגן אַרויסצוגעבן אים אַזאַ צײַגעניש, האָט ער דערזעהן, אַז די זאַך איז ערנסטער. דאָסמאָל איז געקומען אַ צווייטער אָפּזאָג, אָבער שוין מיט אַ מאָטיווירונג: זײַענדיג אַ גערטנירער האָט ער טאַקע וואוינרעכט, אָבער נאָר כל־זמן ער פֿאַרנעמט זיך מיט זײַן פּראָפֿעסיע, ניט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפֿט און דער פּראַקטישער אויספֿיר: אַז ער מוז פֿאַרלאָזן פּעטערבורג אין משך פֿון דרײַ מעת־לעת.

האָט מען אָנגעהויבן אַרומלויפֿן קודם־כל אויסבעטן אַן „אָפּלייגעניש”, דערנאָך האָט מען גענומען זוכן אַ „פּראָטעקציע”, כדי מבטל צו זײַן די גזרה פֿונם גראַדאָנאַטשאַלניק. עס האָט זיך אײַנגעגעבן „אָפּצושרײַען” אויף אַ ווײַלע דעם גירוש, און דערנאָך האָט מען, מיט גרויס מאַטערניש, באַוויזן צו פֿאַרלענגערן די ערלויבעניש איינמאָל און נאָכאַמאָל. נאָר די דירעקציע פֿון גימנאַזיע האָט מיך געלאָזט וויסן, אַז זי מוז מיר פֿאַרווערן צו גיין אין קלאַס, און דאָס איינציגע, וואָס זי קאָן טאָן, איז — ניט אויסמעקן מיך פֿון די רשימות. די פֿראגע וועגן אָנערקענען מײַן פֿאָטערס רעכט האָט זיך פֿאַרצויגן, געוואָרן אַן אמתע „פֿאַרשלעפּטע קרענק”. גוטע־פֿרײַנט פֿון צווישן די בּיוראָקראַטן האָבן געגעבן דעם פֿאָטער מײַנעם אַן עצה, אַז ער זאָל זיך ניט אײַנשפּאַרן מיט זײַנע רעכט, ווײַל פֿון דעם וועט סיי־ווי־סיי גאָרנישט ניט ווערן; בעסער זאָל ער זיך פּשוט משתדל זײַן בײַ דער פּאָליציי, אַז מען זאָל אים לאָזן וואוינען אין דער קרוינשטאָט, ווײַל ער האָט שוין אָפּגעוואוינט דאָרט צעהן יאָר. מײַן פֿאָטער האָט מורא געהאַט, אַז אַזאַ מין ערלויבעניש וועט אַלעמאָל הענגען אויף אַ האָר, און דעריבער האט ער אַלץ געמאָנט זײַנע געזעצליכע רעכט.

דער אומגלייכער קאַמף האָט זיך געענדיגט מיט אַ קאַטאַסטראָפֿע. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, ווען אַלע „אָפּלייגענישן” פֿון דער פּאָליציי האָבן זיך געהאַט אויסגעלאָזן, איז אַרויס דער בייזער גזר־דין: תּכף־ומיד אַרויסשיקן. פֿונם פּאָליציי־צירקל איז מען שוין געקומען אָפּנעמען דעם פֿאָטער, כדי אים אָפּצופֿירן אויפֿן וואָקזאַל. דער פֿאָטער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, דער מוטער האָט מען געגעבן צוויי אדער דריי טעג אַרויסצופֿירן די פֿאַמיליע. מען האָט געמוזט אויף גיך ליקווידירן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, בּאַקומען ערגעץ געלט, אײַנפּאַקן אַלע זאכן; און

דערבײַ האָבן מיר גאָרניט אָנגעהויבן וויסן, וואוהין מיר זאלן פֿאָרן, ווײַל אַחוץ פּעטערבורג זײַנען מיר צו קיין שטאָט ניט געווען צוגעבונדן, דאָס לעבן האָט אונז נאָך פֿאַרביטערט אין די טעג דער באַלעבאָס פֿון הויז, עפּעס אַ שווינדזיכטיגער אָפֿיציר, ביז דעמאָלט האָט אים ניט אויסגעמאַכט, וואָס מיר האָבן ניט באַצאָלט צודערצײַט דאָס דירה־געלט, נאָר אַצונד האָט ער דערזעהן אונזער חורבן און פֿאַרשטאַנען, אז ניט נאָר וואָס דער לאנגטערמיניגער קאָנטראַקט וועט צעריסן ווערן, נאר ער וועט אפֿילו ניט זעהן זיך מיטן געלט, וואס עס קומט אים פֿון פֿריער, ווילד, ווי א דולער, האָט ער זיך אַרײַנגעריסן צו מײַן מוטער, געשריען, אַז ער וועט ניט ארויסלאָזן אירע זאכן, און מיט פֿאַרשיידענע באַ־ליידיגונגען אַרויסגעזאָגט זיין השערה, אַז מען האָט דאָס אלץ אײַנגעאָרדנט בכיוון, כדי אים אָפּצונאַרן מיטן דירה־געלט. אגב האָט ער געזידלט יידן און אויפֿגעוואָרפֿן זיי כלערליי טײַוולשע פֿאַרברעכנס. ער איז געקומען מער ווי איינמאָל, אָטדער אָפֿיציר, נאָר איינעם אַן אָנפֿאַל זיינעם געדענק איך נאָך גוט. פֿונם פֿאָטערס קאַבינעט האָט זיך געהערט דער קול פֿונם באַלעבאָס, בייזער ווי אלעמאָל, און זעלטן־ווען האָט די מוטער אים איבערגעריסן באלד מיט טרויעריגע, באַלד מיט צאָרנדיגע געציילטע עטליכע ווערטער. דער קראנקער אָפֿיציר איז געוואָרן אַלץ ווילדער: איך האָב געמיינט, אַז אָט וועט באַלד זײַן א גרויסער סקאַנדאַל. דער עלטערער ברודער איז ניט געווען אין שטוב, איך בין געשטאַנען הינטער דער פּאָרטיערע, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם קאַבינעט פֿונם צווייטן צימער, און אין א שרעקליכער אויפֿרעגונג געשלאָגן זיך מיט דער דעה: זאָל איך זיך א וואָרף טאָן מיט א שטול אויף דעם באַליידיגער אָדער ארײַנגיין און געבן אים צו פֿאַרשטיין, אַז עס איז דאָך א משוגעת צו זײַן אין כעס אויף אונז, וואָס מיר זײַנען דאָך אַליין די קרבנות. באַלד אָבער איז דעם אָפֿיצירס נרימצאָרן איבערגעגאַנגען, ווי געוואוינטליך, און ער האָט פֿאַרענדיגט דעם געשפּרעך פֿיל־ווייניג גוטמוטיג.

טאָמער איז נאָך געווען ווינציג, איז פֿאַרדעכטליך קראַנק געוואָרן מײַן יינגסטע שוועסטער, פֿון אַ יאָר אָנדערטהאַלבן. די טעמפּעראַטור איז געווען געהעכערט און זי האָט געהוסט. די מוטער האָט זיך א לאָז געטאָן אין דער קאַנצעלאַריע פֿונם גראַדאָנאַטשאַלניק, געבעטן זיך, אַז מען זאָל אָפּלייגן דעם גירוש צוליב דער קראַנקהייט פֿונם קינד. אין קאַנ־צעלאַריע האָט מען געענטפֿערט, אַז מען וועט צושיקן א פּאָליצייאישן

דאָקטער אויף צו דערגיין די ריכטיגקייט, און אין א ווײַלע אַרום איז געקומען דער דאָקטער, א רויטבאַקיגער, מיט א שוואַרצער באָרד און צערטליכע אויגן. ער האָט ארומגעקוקט דאָס קינד און געזאָגט, אז דערווײַלע קאָן מען נאָך קיין זאַך ניט זאָגן, גאָר עס קאָן זײַן אַן עפּידעמישע קינדערשע קרענק, און יעדנפֿאַלס איז אוממעגליך צו טראַנספּאָרטירן דאָס קינד אין אַזא צושטאַנד. ער האָט צוגעזאָגט צו שרײַבן אין דעם זינען זײַן צײַגעניש; נאָר ער איז ניט אַוועקגעגאַנגען, צוגעזעצט זיך און אָנגעהויבן מיט מיטגעפֿיל נאָכפֿרעגן זיך בײַ דער מוטער, ווי אַזוי דאָס אומגליק אונזערס איז געשעהן. ער האָט אויסגעדריקט זײַן סימפּאַטיע, באַמערקט מײַן גימנאַזיסטיש רעקל, האָט ער מיך געפֿרעגט: „נו, און איר, יונגערמאַן, וועט צוליב דעם פֿאַרלירן א יאָר אין דער שול?" איך האָב אים דערציילט, אַז מען האָט מיר שוין ניט געהייסן מער קומען אין קלאַס. דער דאָקטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גענומען מיר ערנסט אויפֿווייזן, וויפֿיל איבעריגע און גרויזאַמע שלעכטס די רעגירונג מאַכט אָן מיט איר באַציהונג צו יידן.

מיט איין וואָרט, דער גוטער דאקטער האָט אונז ניט נאָר צוגעגעבן מוט, נאָר ער האָט אונז ממש באַצויבערט. נאָר אויף מאָרגן, ווען די מוטער איז געקומען אין קאַנצעלאריע פֿון גראַדאָנאַטשאַלניק זיך נאָכפֿרעגן וועגן דער אַנטשיידונג, האָט מען איר געוויזן דאָס צייגעניש פֿונם גוטן דאָקטער: אַז דאָס קינד איז א ביסל ניט געזונט, נאָר די רײַזע וועט איר ניט פֿאַרשאַטן. גראָד איז דער צושטאַנד פֿון דער מיידעלע פֿאַר דער נאַכט געוואָרן נאָך ערגער, ביז דעמאָלט האָט די מוטער זיך געהאַלטן ווי עס איז; נאָר דאָ האָט זי זיך פֿונאַנדערגעוויינט און דערציילט דעם סעקרעטאַר פֿון גראַדאָנאַטשאַלניק, וואָס דער דאָקטער האָט אונז געזאָגט וועגן דער קראַנקײַט און וואָס פֿאַר א צײַגעניש ער האָט צוגעזאגט צו געבן. „וויפֿיל האָט איר אים געגעבן?" האָט רוהיג געפֿרעגט דער סעקרעטאַר. די מוטער האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט נאָר באַצאַלט וויפֿיל מען צאָלט בכלל פֿאַר אַ וויזיט. „צו אים קאָן מען זיך אָהן אַ ווײַסינקן פּאַפּירל ניט צורירן", האָט אָפּגעזיפֿצט דער סעקרעטאַר און באַדויערט, וואָס ער האָט פֿריער ניט אָנגעזאָגט דער מוטער, אַז מען דאַרף דערלאַנגען „אין יד אַרײַן".

נאָר אין דעם קריטישן טאָג — בײַנאַכט האָט זיך געענדיגט דער טערמין, וואָס די מוטער האָט געהאַט באַקומען — האָט זיך דאָס מזל איבערגעקערט. דער פֿאָטער האָט אָפּגעזוכט פֿאַרשיידענע באַקענטע

פֿון יענע אַמאָליגע צײַטן, ווען ער איז נאָך געווען א פֿאַרמעגליכער מענטש, און מיט זייער הילף האָט ער זיך דערשלאָגן בײַם מיניסטער, אַז מען זאָל אָפּשטעלן דעם גירוש און מען זאָל אים געבן נאָך אַן „אָפּלייגעניש“. אין משך פֿון דער צײַט האָט ער אָנגעגעבן א נײַע השתדלות. אצונד האָט ער שוין אויפֿגעהערט מאָנען זײַנע רעכט און געבעטן, מען זאָל אים לאָזן בלײַבן אין דער קרוינשטאָט, ווײַל ער געפֿינט זיך שוין דאָרט אַזאַ לאַנגע צײַט. סוף־כל־סוף האָט מען אים געגעבן די ערלויבעניש „ביז א באַזונדערער פֿאַראָרדענונג“ און מיר האָבן פֿרײַ אָפּגעטעמט. איך האָב זיך אומגעקערט אין גימנאַזיע.

דאָ האָב איך געפֿונען עטליכע חברים, מיט וועלכע איך בין זיך צונויפֿגעגאַנגען אין די גייסטיגע אינטערעסן. מער ווי אַלץ האָב איך זיך צוגעחברט צו נ. אַווגוסטאָווסקין, דעם באַוואוסטן נ. וו. שעלגונאָווס אַ פּלימעניק. אַווגוסטאָווסקי איז געווען דורכגעדרונגען מיט פּאָליטישע אינטערעסן און רעוואָלוציאָנער געשטימט. דיזעלביגע רעוואָלוציאָנערע שטימונג האָט מיך צונויפֿגעפֿירט מיט פּ. פּ. יודינען אַ וואוילן יונג, וואָס האָט זיך אייגנטליך ווינציג וואָס אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, נאָר זעהר שטאַרק מיט נאַטורוויסנשאַפֿטן און מוזיק; ער האָט שטאַלצירט מיט דעם, וואָס זײַן פֿאָטער איז געווען א זעצער, אַ געוועזענער לייבקנעכט, און ער האָט פֿײַנט געהאַט יעדער מין אָנגעבלאָזנקייט, נגידישקײַט און איבערגעטריבענע דיסציפּלין. צו אונזער „דעמאָקראַטישן“ לאַגער האָט נאָך באַלאַנגט סערגיי ניקאָלאַיעוויטש קראַניכפֿלד פֿון אַ פֿאַמיליע „נאַראָדאָוואָלצעס“ (צוויי שוועסטערקינדער זײַנע, צווישן זיי דער באַוואוסטער ליטעראַרישער קריטיקער וולאַדימיר קראַניכפֿעלד, זײַנען יעמאָלט געווען פֿאַרשיקט קיין סיביר). קראַניכפֿעלד איז געווען אַ שעמעוודיגער און אַ פֿאַרשלאָסענער; ער האָט כּסדר געשלונגען ביכער פֿון געשיכטע און נאָכגעפֿאָלגט נאָך די פּראָגרעסיווע זשורנאַלן פֿון יענער צײַט. אויך האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער אינעווייניגסטער פּאָליטיק. די גוט־פֿרײַנטשאַפֿט אונזערע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿון דער שולבאַנק, האָט געדויערט אַ פֿערטל יאָרהונדערט, ביז וואַנען דער טויט האָט אים צוגענומען אין 1914; ער האָט חתונה געהאַט פֿאַר מײַן שוועסטער נ. — ביזן סוף פֿון זײַן לעבן איז קראַניכפֿעלד געבליבן אַ געטרײַער חבר פֿון אונזער פּאַרטיי.

נאָהענט צו אונז איז געשטאַנען וו. זשוקאָווסקי, אַ פּלימעניק

פֿונם באַוואוסטן עמיגראַנט, דעם באַקוניסט נ. זשוקאָווסקי. ער האָט געהאַט אַ לײַדנשאַפֿט פֿאַר ליטעראַטור און קונסט און איז שפּעטער געוואָרן אַ גאַנץ באַוואוסטער פּאָעט און איבערזעצער פֿון כאָזע־מאַריאַ ערעדיאַ.

איך ווייס ניט, וואָס עס איז געוואָרן פֿונם מאדנעם, נאָר געוויס זייער פֿעהיגן יונגנמאַן איוואַן קראַסנאָוו, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שייכות צו אונזער קרייז, הגם ער איז מיט מאַנכע מיינונגען אונזערע ניט געווען אײַנשטימיג. ער האָט אויך געהאַט אַ באַרימטן קרוב (פֿון דער מאַמעס צד), פּ. ל. לאַווראָוון, וועמענס אָנדענק מען האָט, לויט זײַנע ווערטער, געאַכפּערט בײַ זיי אין שטוב, כאָטש דאָס איז געווען אַ שטרענג רעאַקציאָנערע, פּראַוואָסלאַוונע און אַריסטאָקראַטישע שטוב. קראַסנאָווס פֿאָטער איז געווען אַ גענעראַל. אונזער חבר האָט געהאַט אויסערגעוויינטליכע פֿעהיגקייטן אין מאַטעמאַטיק, און דאָס האָט אים איינמאָל אַרויסגעראַטעוועט אין אַן עת־צרה. דער אָפּיציר, וואָס האָט אונז געלערנט מיליטערישע גימנאַסטיק, אַ נאַר און אַ בעל־גאווה האָט אָנגערירט קראַסנאָוון, און ער האָט געגעבן אַ געהעריגן ענטפֿער נאָכדעם איז געקומען אונזער אלטיטשקער דירעקטאָר און געהאַלטן פֿאַר אונז אַ רעדע: אַז דער פּעדאַגאָגישער ראַט איז נוטה געווען אויסצושליסן קראַסנאָוון פֿון גימנאַזיע פֿאַרן חוצפּהדיגן ענטפֿער, וואָס ער האָט געגעבן דעם „קאָמאַנדיר אין דער צײַט פֿון דינסט"; נאָר מען האָט גענומען אין אַכט, אַז ווען עס איז וועט קראַסנאָוו אפֿשר מפֿורסם ווערן אין דער וויסנשאַפֿט, און ס'וועט זיין אַ בזיון פֿאַר דער גימנאַזיע, וואָס זי האָט אים אויסגעשלאָסן. דעריבער האָט זיך די זאַך געענדיגט מיט קאַרצער. דאָס איז געווען אין יענער צײַט, ווען דעם גענעראַל נאָוויקאָוו האָט זיך פֿאַרוואָלט ניט אנדערש מיליטאַריזירן די גימנאַזיסטן.

אַחוץ מאַטעמאַטיק, האָט זיך קראַסנאָוו אינטערעסירט מיט פֿילאָ־סאָפֿיש־מעטאַפֿיזישע פּראָבלעמס, געלייענט עפּעס אַלטע פֿראַנצויזישע מיסטיקער, טאָלסטאָיען; שפּעטער האָט ער זיך אריינגעטאָן אין בודיזם; אויף געזעלשאַפֿטליכע אינטערעסן האָט ער געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ. נאָר פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט אים אַ ציה טאָן: עס פֿלעגט זיך אָפּטאָן פֿון אים די רעליגיעזע שטימונג, און ער פֿלעגט נעמען דעקלאַמירן אונז בעראַנזשעס לעסטערדיגע לידלעך, פּושקינס פֿאַרבאָטענע שירים א. ד. ג.; דאַן פֿלעגט ער זיך צונויפֿגיין מיט אונזער קאָמפּאַניע,

וואו מען האָט געזידלט די רעגירונג, חוזק געמאַכט פֿון די קאַזיאָנע אידעאַלן פֿון „זעלבסטהערשונג, פּראַוואָסלאַוויע און פֿאָלקסטימליכקייט“ און געפֿירט נאַאיווע קאָנסטיטוציאָנאַליסטישע שמועסן, אדער באַגײַסטערט זיך מיט פּיסאַרעווס פֿרײַדענקערײַ.

אַנטקעגן אונזער קרײַזל איז אויסגעוואַקסן בײַ אונז אין קלאַס נאָך א גרופּע, אַ קאָנסערוואַטיוו־נאַציאָנאַליסטישע, צו וועלכער ס׳האבן געהערט איבערהויפּט זין פֿון באַאַמטע און אָפֿיצירן, געווען אפילו אַ זון פֿון אַ זשאַנדאַרן־פּאָלקאָווניק. יענע פֿלעגן אונז פֿאַר אונזערע דעמאָקראַטישע גענג און פֿאַר אונזערע ליבעראַלע אָנשויאונגען מזכה זײַן מיט שטעכווערטלעך, אנטיסעמיטישע און אַנטיפּוילישע אַפּאָריזמען און מיט פּאַטריאָטישער מליצה. מיר האָבן זיי ניט געשאָנקען. אַמאָל פֿלעגט ווערן אן אמתע שלאַכט, מען האָט ניט געזשאַלעוועט קיין „געפּעפּערטע“ אויסדריקן, מען האָט זיך געזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט. איינער א וויצלינג האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן: „דער קאַמף פֿון די גוועלפֿן מיט די גיבעלינען“, און דער נאָמען איז שוין געבליבן.

די גײַסטיגע אַנטוויקלונג מײַנע האָט מיך אין יענער צײַט געבראַכט צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פֿון די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציעס פֿון 1789—1793, פֿון 1830 און 1848. איך האָב שוין פֿריער געשטרעבט צו דערקענען די געזעצמעסיקײַט אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס, נאָר ווען איך האָב שטודירט די געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציע (איך האָב געלייענט מיניע און קינע, דעם ערשטן טייל פֿון לואי בלאַנען, זיבעלן, גייסערן, שלאָסערן, לאַמאַרטינען), האָט מיך פֿאַרכאַפּט די דראַמאַטישע זײַט, די אַלגעמיינע געשיכטליכע פּערספּעקטיווע איז מיר ארויס פֿון קאָפּ; אין דעם וואָס איך האָב געלייענט האָב איך נאר געזוכט א מוסר־השכל. ווען איך בין שוין געווען אין אַכטן קלאַס, האָב איך צופֿעליג געפֿונען בײַ א ביכער־הענדלער די „Histoire populaire de la Revolution“ פֿון קאַבע, דעם באַרימטן אוטאָפּיסט. דאָרט האָב איך געפֿונען די פֿולע טעקסטן פֿון אסך רעדעס פֿון דאַנטאָנען, דעמילענען, ראָבעספּיערן און סען־זשיסטן, די טעקסטן פֿון מאַראַטס, עבערס, באַבעפֿס אַרטיקלען. איך בין נתפּעל געוואָרן פֿון דעם בוך. פֿאַר א יאָר־אָנדערטהאַלבן בין איך דורכגעגאַנגען אלע שטאַפּלען פֿון רעוואָלוציאָנערער באַגײַסטערונג: פֿריער האָב איך געזוכט מײַן אידעאַל אין מיראַבאָ, דערנאָך אין די

זשיראָנדיסטן, דערנאָך אין דאַנטאָנען און ענדליך אין ראָבעספּיערן. שפּעטער האָב איך געפֿונען אין פּרודאָנס בוך וועגן קונסט אַ פּאָר זאַצן (מכּוח קורבעס בילד „מאַראַטס טויט״), וואָס האָבן מיך אַרײַנגעבראַכט אין באַגײַסטערונג פֿאַר דעם „פֿאָלקספֿרײַנט״ מאַראַטן אויך.

זומער 1899, אין דער צײַט פֿון די שול־וואַקאַציעס, האָב איך געפֿונען בײַ אַ ביכער־הענדלער אַ סטענאָגראַפֿישן באַריכט וועגן דעם פּראָצעס פֿון 1־טן מערץ 1881, וואָס איז בשעתו אַרויסגעגאַנגען אַלס צוגאָב צום אָפֿיציעלן „פּראַוויטעלסטווענני וועסטניק״. דאָס וואָס איך האָב געלייענט אין דעם באַריכט האָט איבערגעקערט מײַן גאַנצע גײַסטיקע וועלט; עס איז אין מיר דערענדיגט געוואָרן דאָס, וואָס די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן. פֿריער האָב איך זיך אַרומגעטראָגן נאָר מיט אומקלאָרע פֿאָרשטעלונגען וועגן געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, וועגן אויסקעמפֿן פֿרײַהייט און אויסבעסערן דאָס לעבן פֿון פֿאָלק; אַצונד איז אויפֿגעשטאַנען אַ קאָנקרעטע אידעע: רעוואָלוציאָנערער קאַמף, כּדי אַראָפּצווואַרפֿן די זעלבסטהערשונג. אגב, צו דער ראָליע פֿון טעראָר אין דעם קאַמף האָב איך זיך פֿון אָנהייב אָן באַצויגן סקעפּטיש. איך בין אינגאַנצן געווען אַרײַנגעטאָן אין פֿאַרשווערערשע געדאַנקען, און איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז די זעלבסטהערשונג וועט צעשטערט ווערן דורך די פֿאָלקס־אויפֿשטאַנדן, וואָס וועלן צוגעגרייט ווערן מיט דער הילף פֿון אַ פֿאַרשווערונג.

וועגן „פֿאָלק״, וועגן זײַנע אמתע פֿאַרלאַנגען און שטרעבונגען, האָב איך ניט געהאַט קיין שום געוויסע השגה; פֿאַר מיר איז גענוג געווען, וואָס אויב די פּויערים זײַנען ניט אַרויס צוזאַמען מיט די רעוואָלוציאָנערן קעגן דעם קיסר, זײַנען אָבער די אַרבעטער, אין דער פּערזאָן פֿון טימאָפֿיי מיכאַילאָוו, פֿאָרט געשטאַנען אינאיינעם מיט זשעליאַבאָוון און פּעראָווסקאַיאַ. די אידעע וועגן די אַרבעטער, וואָס מאַכן דעם אויפֿשטאַנד, האָט אַרויסגעפֿירט דעם געדאַנק איבער די האָריזאָנטן פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, און אין מײַן מוח האָבן גענומען אַרײַנדרינגען סימפּאַטיעס צום סאָציאַליזם. אינם קומענדיגן לערן־יאָר האָב איך שוין אָנגעהויבן זוכן ביכער און אַרטיקלען וועגן סאָציאַליזם. לויטן יעמאָלטיגן צושטאַנד פֿון דער ליטעראַטור האָט זיך מיר נאָר אײַנגעגעבן צו באַקומען מאַטעריאַל וועגן דעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם, וועגן דעם פֿוריעריזם, סענסימאָניזם, פּרודאָניזם. נאָר אגב־

אורחא, אשטייגער פֿון שעלער־מיכאַילאָווס בוך: „דער פּראָלעטאַריאַט אין פֿראַנקרייַך״ בין איך געוואויר געוואָרן וועגן דער פֿאַקטישער קלאַסנבאַוועגונג, וועגן דעם ליאָנער אויפֿשטאַנד און די יוני־טעג, און איך האָב באַקומען א באַגריף, דערווייַלע זעהר אַ מטושטשן, וועגן דער קאָמונע.

אין האַרבסט 1890, צום אָנהייב פֿון נייַעם לערניאָר, האָב איך געפֿונען אין קלאַס אַ שטיקל שינוי, פֿאַראיאָרן איז דער יונגער ס. ק. גאָלאָווין, דער זון פֿונם באַוואוסטן לייב־מעדיקער גאָלאָווין, גע־שטאַנען בראש פֿון דער פּאַרטיי „גיבעלינען״, ד. ה. פֿון אונזערע רעאַקציאָנערן; ער איז אַלעמאָל געווען שטרענג פֿייַנטליך צו אונזער גרופּע און ניט באַהאַלטן זיין פֿאַרביסענעם אַנטיסעמיטיזם. איצטער האָט ער זיך אויפֿמערקזאַם איינגעהערט אין אונזערע רייד, געווען איידל צו מיר און מייַנע חברים, און אַמאָל נאָך אַליין צוגעגעבן עפּעס א באַ־מערקונג צו יענע אָפּאָזיציאָנעלע דרשות, וואָס מען האָט געהאַלטן אויף אונזערע בענק אין דער צייַט פֿון די הפסקות. מיר האָבן נאָך ערשט באַוויזן אַרויסצוזאָגן איינער צום צווייטן די השערה, אַז גאָלאָווין האָט געביטן זייַנע איבערצייַגונגען — האָט זיך געמאַכט אַזאַ געשיכטע. אין קלאַס איז געגאַנגען עפּעס אַ הייסער וויכוח, אין וועלכן מייַן פֿאַראיאָריגער שונא האָט אויך אייַנטיילגענומען. דערנאָך גייט ער צו צו מיר און זאָגט: „איך האָב זיך שטאַרק פֿאַר אייַך פֿאַרזינדיגט. פֿאַראיאָרן האָב איך זיך ערלויבט גראָבע שטיק, איך האָב דעמאָלט גע־טראַכט אַנדערש, איצט האָב איך זיך באַקענט מיט קלוגע מענטשן און איבערגעביטן מייַנע אָנשויאונגען״. פֿון יענער צייַט אָן איז גאָלאָווין אַרייַן אין אונזער קרייַזל. ער איז געווען ניט קיין שעמעוודיגער און געהאַלטן פֿון זיך, צוליב דעם, און ווייַל ער איז געווען בעסער פֿון אונז פּאָליטיש אינפֿאָרמירט, איז ער באַלד געשטאַנען אין צענטער פֿון אונזער קרייַז און געהאַט בייַ אונז אַ גרויסע השפעה.

ג. האָט דערציילט, אַז זומער האָט דער פֿאָטער אים אַוועקגעפֿירט אין אויסלאַנד און ער האָט פֿאַרבראַכט א שטיקל צייַט אין זשענעווע. דאָ האָט ער זיך אויפֿגעטראָפֿן מיט סטודענטן, וואָס זייַנען געווען אייַנגייער בייַם עמיגראַנט דאָבראָוואָלסקי (דער באַוואוסטער מחבר פֿון די פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטליכע פּעליעטאָנען, וואָס האָבן זיך יאָרנלאַנג געדרוקט אין „רוסקיע וויעדאָמאָסטי״). דורך דער באַקענטשאַפֿט האָט ער זיך גיך אויסגעריבן און אַוועקגעוואָרפֿן זייַנע מאָנאַרכיסטישע און

נאַציאָנאַליסטישע פּאַראורטיילן. ער האָט זיך אָנגעזופּט מיט אויסלענ־דישע „אומלעגאַלע ליטעראַטור" (פון אים האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערהערט „נעלעגאַלשטשינאַ" און דערשפּירט אַן אמת רעליגיעזן אָפּשײַ פאַר די העלדן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; זײַנע באַקענטע האָבן אים געגעבן עפּעס סטודענטישע פאַרבינדונגען אין פּעטערבורג. אינגיכן האָט ער אונז געקאָנט ברענגען פאַרווערטע ביכער און זשורנאַלן אַמאָל אַפילו אומלעגאַל־געדרוקטע ליטעראַטור. לויט זײַן שטימונג האָט ער זיך געפּאַסט צו מיר מער, ווי צו אַלע אַנדערע חברים. זיי זײַנען ניט געגאַנגען ווײַטער פאַר א ראַדיקאַלער אָפּאָזיציע: מיר פלעגן ריידן וועגן רעוואָלוציאָנערן קאַמף ניט נאָר, אַז דאָס איז סתם אַ ווואילע זאַך, נאָר אַז דאָס איז אונזער קינפטיגע אַרבעט.

דורך אים האָבן מיר אָנגעהויבן באַקומען אַלטע יאָרגאַנגען פון די „אָטעטשעסטווענניאַ זאַפּיסקי" און אַנדערע זשורנאַלן, מירטאָווס (לאַווראָווס) „היסטאָרישע בריוו", טשערנישעווסקיס אַרטיקלען, לאַסאַלס ווערק, פאַרשיידענע אויסלענדישע אויסגאַבעס מיט ביאָגראַפיעס פון די קעמפער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". גאָלאָווינס דירה איז געוואָרן אונזער טרעף־פונקט, און מיר פלעגן אמאָל פאַרברענגען גאַנצענע אָוונטן לייענענדיג און אַרומריידנדיג דאָס איבערגעלייענטע.

די פּאָליטישע אינטערעסן זײַנען בײַ אונז געווען אויסגעבונדן מיט פילאָסאָפיש־עטישע. דאָ האָט גאָלאָווין נאָך מער, ווי אויפן פּאָ־ליטישן געביט, געוועקט אונזער וויסנסדאָרשט; ער איז געווען אַ היי־סער (ביז לעכערליכקייט הייסער) פּראָפּאַגאַנדיסט פון פּיסאַרעווס נאַטו־ראַליזם און זײַן אוטיליטאַרישער עטיק. נאָך פּיסאַרעוון, שעלגונאָווין, טשערנישעווסקין זײַנען געקומען מאָלעשאָט, ביכנער („קראַפט און מאַטעריע") און ווידעראַמאָל לאַווראָוו מיט זײַנע שווער־וואָגיגע אַר־טיקלען, מיכאַילאָווסקי און קאַרעיעוו.

צווישן אַנדערע זאַכן האָט גאָלאָווין מיר אַמאָל געבראַכט אַן, אויסלענדישע אויסגאַבע פון מאַרקסעס און ענגעלסעס „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". דאָס ווערק האָט מיך אויפגעטרייסלט. אָבער א מאָדנע זאַך. איך בין שוין, דוכט זיך, דורך לאַסאַלס רעדעס געווען צוגע־גרייט צו באַנעמען דעם גרונט־געדאַנק פון דער „תורה" פונם מאָדער־נעם סאָציאַליזם: אַז דער גאַנג פון דער געשיכטע איז געזעצמעסיג, אַז דער סאָציאַלער אוטאָפּיזם האָט קיין האַפט ניט. נאָר דווקא דאָס האָב איך פאַרזעהן, און איך האָב באַמערקט נאָר די קעמפערישע,

די אַגיטאַציאָנעלע זײַט פֿונם „מאַניפֿעסט”. ער האָט מיך באַצויבערט מיטן בילד פֿון אַ מעכטיגער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס האָט אַרײַנגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן ים ליידן פֿון די אַרבעטסקלאַסן און גייט צעשטערן די אַלטע וועלט און אויסקעמפֿן די דיקטאַטאָרשע מאַכט לטובֿת די אַרבעטסלײַט. אַלץ וואָס עס שטייט דאָרט וועגן דער פֿאָרויס־באַוועגונג פֿון די קלאַסן, וואָס איינער קומט אָן אויפֿן אָרט פֿון צווייטן, האָב איך אויפֿגענומען ווי א סימבאָליק פֿון יענעם קאַמף פֿון פּאַרטייען און אידעאַלן, וואָס איך האָב געקענט פֿון דער געשיכטע פֿון 1793—1794. בקיצור, אינם מאַרקס פֿון קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט האָב איך דערזעהן נאָר עפּעס אַ סינטעז פֿון מאַראַטן, בלאַנקי און זשעליאַבאָוון, און אַלץ, וואָס עס איז עכט מאַרקסיש אין דעם געניאַלן ווערק, איז געבליבן פֿאַר מיר אַ בוך מיט זיבן שלעסער.

מיט א יאָר צוויי שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן קלאָר אין „קאַפּיטאַל” און אויסגעאַרבעט מײַן מאַרקסיסטישע וועלט־באַנעמונג, האָב איך זיך גוט געוואונדערט אויף מײַן גײַסטיגער בלינדקײַט צו 17 יאָר. נאָר איצט, זעקס יאָר נאָכן אָנהייב פֿון וועלט־קריג, וואונדער איך זיך שוין ניט, ווען איך זעה, ווי גאַנצע שיכטן באַנעמען די לערע פֿון מאַרקסן און ענגעלסן. טאַקע: בײַם רוב הײַנטיגע רוסלענדער און אייראָפּעאישע קאָמוניסטן שפּיגלט זיך אָפּ די פֿײַערדיגע פראַזע פֿונם מאַניפֿעסט ניט קיין סך ריכטיגער, איידער מיט 30 יאָר צוריק אין מײַן יונגן, ניט־געניטן מוח. און ניט קיין סך ווייניגער אידעאַ־ליסטיש.

די צײַט איז אַזוי געגאַנגען אין גײַסטיגער אַרבעט און חבֿרשע באַציהונגען, און ס'האָט זיך אָנגערוקט די שווערע צײַט פֿונם „צײַטיג־קייט־עקזאַמען”. ווי אַ רעטעניש האָט געצויגן צו זיך די פּערספּעקטיווע, אַז אָט־אָט זײַנען מיר שוין דערוואַקסענע. ס'זײַנען געווען די פּאַסכע־וואַקאַציעס, וואָס זײַנען דעם יאָר אויסגעפֿאַלן שפּעט. די לעצטע טעג, איידער מען האָט אונז פֿונאַנדערגעלאָזן, האָט אונזער חבֿר אַווגוסטאָווסקי אונז אָנגעזאָגט, אַז זײַן פֿעטער שעלגונאָוו איז געפֿערליך קראַנק און אַ־סך סטודענטישע דעפּוטאַציעס האָבן אויסגענוצט די געלעגנהײַט, כדי צו דערלאַנגען אים אַדרעסן און אויסצודריקן אים דעם דאַנק פֿון דער יוגנט פֿאַר זײַן פּובליציסטישער טעטיגקייט. מיט אַ קורצער צײַט פֿריער האָט דער פֿאַרלעגער פּאַוולענקאָוו געהאַט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פֿון שעלגונאָווס אַרטיקלען פֿון די 60־ער און 70־ער יאָרן.

דורך דעם האָט ער אָפּגעפּרישט ביי דער יוגנט די אַמאָליגע פֿאַרדינסטן פֿון אָטדעם ראַדיקאַלן קעמפֿער פֿון די 60־ער יאָרן; ביז דאַן האָט אים דער יונגער דור נאָר געקענט לויט זײַנע „בילדער פֿון רוסישן לעבן״, וואָס ער האָט געדרוקט אינם זשורנאַל „רוסקאַיאַ זשיזן״.

אַווגוסטאָווסקי האָט אויך דערציילט, אַז צו שעלגונאָוון איז געקומען אַ דעפּוטאַציע פֿון אַרבעטער אויך, און דאָס האָט זעהר גערירט דעם קראַנקן זקן. ער האָט פֿאָרגעלייגט, אַז מיר גימנאַזיסטן זאָלן אויך שיקן אַ דעפּוטאַציע, נאָר דערפֿון איז עפּעס גאָרנישט געוואָרן.

איינמאָל אינדערפֿרי, מיט אַ וואָך אָדער צוויי פֿאַר פּאַסכע, זיצן מיר אַזוי און טרינקען טיי. דער פֿאָטער האָט אַ קוק געטאָן אין דער צײַטונג, וואָס מען האָט אָקאָרשט געבראַכט, און געזאָגט: „שעלגונאָוו איז געשטאָרבן. הײַנט אינדערפֿרי איז די לוויה. אַ שאָד, וואָס איך בין אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען אין קאַנטאָר, אַניט וואָלט איך געגאַנגען. דו וואָלסט געדאַרפֿט גיין״, האָט ער זיך אָפּגערופֿן צו מיר.

פֿאַר די שרײַבער פֿון די 60־ער יאָרן האָט מײַן פֿאָטער אַלעמאָל געהאַט גרויס יראת־הכבוד.

איך האָב ניט ליב געהאַט קיין צערעמאָניעס און געווײַכט פֿון יעטווידער גרויסן עולם. נאָר ניט פֿאָלגן דעם פֿאָטערס עצה האָט מיר ניט געפּאַסט. אָהן חשק בין איך אַוועק אויף קיראָטשנע אָדער פֿור־שטאַטסקע גאַס, וואו די לוויה האָט זיך געדאַרפֿט אָנהייבן.

נאָר צוגייענדיג צו דעם הויז, וואו דער נפֿטר האָט געוואוינט, האָב איך מיטאַמאָל דערשפּירט, אַז דאָ קומט פֿאָר עפּעס אַן אומגע־וואוינטליכע, אַ וויכטיגע זאַך. די גאַס איז געווען פֿאַרפֿולט מיט אויפֿ־געדעגטע מענטשן, דאָס רוב סטודענטן און קורסיסטינס. אין דער מינוט, ווען איך בין צוגעגאַנגען, האָט זיך ביים קאַטאַפֿאַלק, ניט ווײַט פֿון טויער פֿון הויז, אויפֿגעקליבן אַ גרופּע מענשן, וואָס זײַנען געווען שטאַרק אין כעס אויף עפּעס. אינמיטן איז געשטאַנען אַ פּריסטאַוו. איך גיי צו נעהענטער. דער פּריסטאַוו גיט צו פֿאַרשטיין מיט א וואַ־גיגן קול, אַז ער קאָן קיין זאַך ניט טאָן: ער האָט אַ בפֿירושן באַפֿעל פֿונם גראַגאָנאַטשאַלניק ניט צו שטערן די פּראָצעסיע, כל־זמן זי פֿאַר־האַלט ניט די „קאָנקע״ נאָר קרענץ מיט בענדער טאָר ער בשום־אופֿן ניט דערלאָזן. דאָ האָב איך ערשט באַמערקט, אַז דער קאַטאַפֿאַלק איז באַדעקט מיט אַסך קרענץ, און אַרום שטייען מענטשן מיט נאָך קרענץ מיט בענדער.

די סטודענטן האָבן פֿעסט און שטייף געענטפֿערט דעם פּריסטאַוו, געזאָגט אים מוסר און עזותקייטן. דער פּריסטאַוו האָט ניט געזשאַלעוועט קיין זיסע שמייכעלעך און ליבהאַרציגע ווערטער פֿון באַדויערונג: וואָס זאָל ער טאָן, ער האָט באַקומען אזאַ באַפֿעל, ער קאָן דאָס ניט אָפּשאַפֿן . . . אין עטליכע מינוט אַרום האָב איך פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך: אַ גרופּע ערנסטע לייַט, און צווישן זיי, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, שעלגונאָווס זון, האָבן געפּרובט איבערצייגן די סטודענטן, אַז זיי זאָלן איַינגיין אויף די תנאים, וואָס פּאָליציי שטעלט, כדי ניט צו ריזיקירן מיט דער גאַנצער מאַניפֿעסטאַציע. די סטודענטן האָבן זיך געהיצט, געפֿאָדערט, אַז מען זאָל די בענדער בשום־אופֿן ניט אַראָפּנעמען. עמיצער האָב זיך סומך געווען אויפֿן ווילן פֿון דער אַלמנה פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם שרײַבער, וואָס האָט זיך געבעטן בײַ די סטודענטן, זיי זאָלן ניט פֿאַרקניפּן דעם טרויער־טאָג מיט אַזוינע אינצידענטן, וואָס קאָנען ברענגען צו טרויעריגע רעזולטאַטן פֿאַר דער יוגנט.

איך בין אַוועק אויפֿן הויף, כדי אַרויפֿצוגיין אין דעם געשטאָרבענעמס דירה. ביַים טויער האָב איך אָנגעטראָפֿן אַווגוסטאָווסקין.

„צ . . . גוט וואָס איר זײַט דאָ. איך האָב אויף מײַן אייגענער אחריות באַשטעלט אַ קראַנץ פֿון די גימנאַזיסטן. דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ מאַן 30 פֿון פֿאַרשיידענע גימנאַזיעס און רעאַל־שולעס. מען דאַרף באַקומען זייער צושטימונג און אויפֿקלײַבן די הוצאות.“

ביידע זאַכן זײַנען באַלד געווען אָפּגעטאָן. צווישן עולם זײַנען געווען פֿון אונזער קלאַס יודין און קראַניכפֿעלד, נאָך עטליכע פֿון אַנדערע קלאַסן פֿון אונזער גימנאַזיע. צווישן די תלמידים פֿון די אנדערע מיטל־שולעס האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן איינער יאַקימאַנסקי, אַ רעאַל־שילער. ער האָט געהאַט בראַנד־רויטע האָר, ענערגישע שטריכן אינעם פּנים מיט זומער־שפּרענקעלעך, שאַרפֿע באַוועגונגען; ער איז געווען דעמאָקראַטיש אָנגעטאָן. סך־הכל איז דער יאַקימאַנסקי געווען אַ תּלמיד פֿון פֿינפֿטן קלאַס, נאָר פֿונדעסטוועגן איז ער באַלד געוואָרן, וואָס מען רופֿט, דער קאָמאַנדיר פֿון אונזער גרופּע. עפּעס אין זיין אויפֿפֿירונג האָט באַוויזן, אַז ער פֿילט זיך אָטדאָ, צווישן דעם סטודענטישן עולם, ווי אַ פֿיש אין וואַסער און אַז ער איז ניט אַזאַ „גרינער“ אין פּאָליטיק, ווי מיר. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז ער איז ניט לאַנג אין פּעטערבורג, פֿריער האָט ער זיך געלערנט ערגעץ אין פּערמער גובערניע. ניט טראַכטנדיג האָב איך מיט איין מאָל באַקומען אָפּשיי פֿאַר אים. „אָטדאָס

וועט זיין אַ רעוואָלוציאָנער״, האָב איך געטראַכט בײַ זיך, קוקנדיק אויף זײַן שטרענגן פּנים. *)

איך האָב זיך ווידער גענומען שטופּן אין דעם עולם, וואָס אַרום קאַטאַפאַלק. די קריגעריי האָט אויפגעהערט: לויטן ווילן פֿון דעם נפטרס קרובים איז די פֿאָדערונג פֿון דער פּאָליציי ערפֿילט געוואָרן. מען האָט אַראָפּגענומען די קרענץ פֿונם קאַטאַפאַלק און אַרויפֿגעלייגט זיי אויף אַן אַנדער וואָגן, וואָס האָט געדאַפט נאָכפֿאָרן נאָך דער טרומנע. דער עולם, וואָס איז נאָכמער אויסגעוואַקסן, האָט זיך גענומען אויסשטעלן אין אַ פּראָצעסיע. די ערשטע רייען האָבן זיך אַ ריר געטאָן. דאָ האָבן די דעמאָנסטראַנטן אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די קרענץ פֿונם וואָגן, און אין אַ קורצער צײַט אַרום איז די גאַנצע פּראָצעסיע געווען באַצירט מיט די בענדער: אינדערשפּיץ פֿון יעדער גרופּע האָט מען געטראָגן אַ קראַנץ. אויף אַזאַ אופֿן איז פֿונם פּאָליצייאישן פֿאַרבאָט קיין זאַך ניט געוואָרן, און די לוויה איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפֿענער דעמאָנסטראַציע.

פּאָליציאַנטן זײַנען געווען ניט קיין סך. זיי האָבן געפּרובט מאַכן אַ סוף צו דער „אומאָרדענונג״, דערנאָך האָבן זיי זיך מיאש געווען. אויף דעם פּריסטאַווס רייד האָבן די סטודענטן געענטפֿערט מיט חוזק.

ס׳זײַנען געווען פֿיל קרענץ: עטליכע האָבן אריבערגעטראָטן די גרעניצן פֿון דער „פֿאַרשטעלטער״ שפּראַך, וואָס איז יעמאָלט געווען אָנגענומען, און געטראָגן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער.

מיר האָבן אויך גענומען אונזער קראַנץ און עניוותדיק געטראָגן אים בײַם עק פֿון דער פּראָצעסיע. איך געדענק, דאָרט איז געשטאַנען: „דעם טײַערן לערער — פֿון די תּלמידים פֿון די מיטל־שולעס״.

איינער פֿון די חברים האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז אין דער פּראָצעסיע גייען אַרבעטער אויך, מיט אַן אייגענעם קראַנץ, וואו עס שטייט געשריבן: ״דעם וואָס האָט געוויזן דעם וועג צו פֿרײַהײַט און ברידערליכקײַט״. די דאָזיגע ידיעה האָט אויפֿגעהויבן אונזער שטימונג אויף עטליכע גראַד.

צווישן די באַאָרנטע פּערזאָנען, וואָס זײַנען געגאַנגען הינטער דער טרומנע, האָט מען אונז אָנגעוויזן אויף דער אימפּאָזאַנטער פֿיגור

*) איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פֿאַראיאָרן, ווען איך האָב דורכגעבלעטערט עפּעס אַ בוך מיט מאַטעריאַלן פֿון דער זשאַנדאַרמעריע וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און געפֿונען יאַקימאַנסקיס נאָמען צווישן די באַשולדיקטע אין אַ פּראָצעס פֿון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אויפֿן אוראַל אין די 90־ער אָדער 900־ער יאָרן. איך אַליין האָב זיך מער מיט יאַקימאַנסקין קיינמאָל ניט אויפֿגעטראָפֿן.

פון נ׳ ק׳ מיכאַילאָווסקין און אויפֿן דאַרן אַלטיטשקן פּ׳ זאַסאָדימסקין׳
דער געזאַנג פֿון „וועטשנאַיאַ פּאַמיאַט״ (אייביגער אָנדענק) איז ניט אַנטשטומט געוואָרן׳ און דאָס האָט געווירקט דראַמאַטיש׳ עטליכע פּרויען זײַנען געווען פֿאַרוויינט׳ ווען מיר זײַנען אַרויס אויף ליטייני־פּראָספּעקט האָט די פּאָצעסיע׳ לויטן אָפּמאַך מיט פּאָליציי׳ גענומען שפּאַרן זיך אויף די טראָטואַרן׳ כּדי ניט צו פֿאַרהאַלטן די קאָנקע וואָס האָט כּסדר געקלונגען׳ דאָס אַלץ האָט באַשאַפֿן א שטימונג פֿון אומעט און מרה־שחורה׳ טרערן האָבן געשטיקט אין האַלז׳ און פֿאַראיינס האָט זיך יעדערן געוואָלט אַרויסווײַזן מיט וואָס עס איז זיין אַקטיוויקייט׳

אויף די טראָטואַרן זיינען אַרויס די באַוואוינער פֿונם ליטייני־פּראָספּעקט׳ זיי האָבן זיך געצלמט׳ קוקנדיג אויף דער טרומנע׳ און געפֿרעגט פֿאַרחידושט: ווּעמען פֿירט מען דאָ? איך האָב גיך־גיך געענטפֿערט אויף די פֿראַגן׳ אז דאָס איז א באַוואוסטער שרײַפֿטשטעלער׳ וואָס האָט געליטן׳ ווײַל ער האָט געאַרבעט פֿאַרן פֿאָלק א׳ ד׳ ג׳׳ און אז די לוויה מאַכן „סטודענטן און אַרבעטער״׳

די שטאַרקנדיגע לופֿט פֿונם פֿרילינגדיגן טאָג און דאָס יונגע בלוט האָבן באַלד פֿאַרטריבן די מעלאַנכאָליע׳ עס האָט אונז אַרומגעכאַפּט אַ לעבנסלוסטיגע שטימונג פֿון קעמפֿער׳ מיר האָבן טיף געשפּירט דאָס גליק׳ וואָס מיר נעמען אייגנטייל אין שאַפֿן דעם ווילן פֿון אַ קאָלעקטיוו׳ עס איז שווער געווען צו גיין אין דער צײַל׳ צו גיין אַזוי סטאַטעטשנע׳ ווי עס פּאַסט פֿאַר א לוויה׳ אויפֿן ווינקל נעווסקי־פּראָספּעקט און ליטייני האָט אַן אָפּטיילונג פּאָליציי פּלוצלינג מיט תּקיפֿות אָפּגעשטעלט די פּראָצעסיע׳ כּדי צו נייטן זי אַראָפּצוגיין פֿון די רעלסן פֿון דער קאָנקע און צו פֿאַרקערעווען זיך אויף ניקאָלאַיעווסקע גאַס׳ עס איז געוואָרן אַ שטיקל טומל׳ איך גיב א קוק און זעה׳ אַז מײַן גוטער־פֿרײַנט יודין וואַרפֿט אויף די פּאָליציאַנטן אַ שניי־קויל אָדער א שטיק אײַנגעפֿרוירענע ערד׳ די סטודענטן האָבן אים קוים אײַנגעהאַלטן׳

די סטודענטן זײַנען פֿון אָנהייב אָן צוגעגאַנגען צו אונזער גרופּע און זיך נאָכגעפֿרעגט׳ פֿון וואָסערע שולעס מיר זײַנען׳ צי האָבן מיר עפּעס א גרעסערע אָרגאַניזאַציע א׳ ד׳ ג׳ זיי זײַנען געווען שטאַרק פֿאַרחידושט׳ ווײַל ביז יעמאָלט האָבן זיך גימנאַזיסטן קיינמאָל ניט באַטייליגט אין פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען; און זייערע חידושדיגע פֿראַגן זײַנען געווען בײַ אונז ווי אַ לויב פֿאַר אונזער מוטיגער אויפֿפֿירונג׳ מיר האָבן זייער שטאָלצירט מיט דעם׳ ס׳האָבן זיך געפֿונען צוויי סטודענטן׳

וואָס האָבן מיך געקענט נאָך פֿון דער זיבעטער גימנאַזיע, וואו זיי זײַנען געווען מיט אַ קלאַס העכער פֿאַר מיר; זיי האָבן מיך דערקענט.

אויף ליטייני־פּראָספּעקט האָבן די סטודענטן אָנגעהויבן ריידן מיט אונז אַנדערע דיבורים. מיט פֿאַרזאָרגטע פּנימער האָבן זיי אונז אָנגעזאָגט, אַז לויט ווי מען דערציילט זײַנען אין פּאָבעדאָנאָסצעווס הויז אויסגעשטעלט פֿאָטאָגראַפֿישע אַפּאַראַטן אויף אָפּצופֿאָטאָגראַפֿירן אַלע אײַנטיילנעמער פֿון דער פּראָצעסיע; יעדנפֿאַלס זײַנען לעבן דער פּראָצעסיע פֿאַראַן שפּיאָנען, וויבאַלד אַזוי איז ניט קיין שכל, אַז מיר, אַ צוויי־דריי צעהנדליג שילער, זאָלן גיין אַלע צוזאַמען און טראָגן דעם קראַנץ. זיי האָבן אונז פֿאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אַוועקלייגן דעם קראַנץ אויפֿן וואָגן און אַליין זאָלן מיר זיך צעשיטן איבער דעם גאַנצן טויזנטקעפּיגן עולם, וואָס אויף ביידע זייטן פֿון דער פּראָצעסיע.

מיר האָבן זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פּיס. אונזער אַמביציע האָט אונז געהייס ענטפֿערן שטאָלץ און שאַרף. מיר זיינען גרייט צו לײַדן, האָבן מיר זיך אָפּגערופֿן.

די פֿאַרשטאַרקטע פּאָליציייאישע מחנה האָט אָפּגעשטופּט די פּראָצעסיע אויף ניקאָלאַיעווסקע גאַס, און מען האָט דערזעהן העכערע פּאָליציי־באַאַמטע. דאָ האָט דער עולם אָנגעהויבן ווערן פֿאַרזאָרגט. מיר האָבן דערהערט אָפּגעריסענע שטיקער פֿון שמועסן, אַז פֿאַרן וואָלקאָוואָבית־עלמין וועט מען אַרומרינגלען די גאַנצע פּראָצעסיע און פֿאַרשרייבן אַלעמענס נעמען. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו־ביסלעך ווערן שיטערער.

די סטודענטן זיינען געקומען צו אונז איבעראַנײַס מיט האַרבערע רייד. זיי האָבן שוין איצט גערעדט מיט אונז ניט נאָר ווי עלטערע חברים, נאָר אויך אין נאָמען פֿון די „אײַנאָרדענער פֿון דער דעמאָנסטראַציע״. מען האָט אונז געזאָגט, אַז די גלײַכסטע זאַך איז, מיר זאָלן אַוועקגיין אַהיים, נאָר יעדנפֿאַלס זאָלן מיר אַרויפֿלייגן דעם קראַנץ אויפֿן וואָגן און זיך צעשיטן איבערן גאַנצן עולם. עטליכע האָבן אונז געגומען מוסרן אין אַ האַרציגן טאָן: אַז די סטודענטן און אַרבעטער זיינען זעלבשטענדיגע מענטשן, זיי מעגן ריזיקירן; מיר זײַנען דאָך אָבער בײַ די עלטערן אויפֿן קאָפּ, מיר טאָרן ניט גיין אַזוי ווײַט בײַם ערפֿילן אונזער בירגערליכן חוב, אַז ערב די עקזאַמענעס זאָלן מיר בכלל פֿאַרשפּילן די מעגליכקײַט אַרײַנצוטרעטן אין אַ היכשול.

דער שכל האָט אָנגענומען די אַלע ראיות, דאָס האַרץ האָט פּראָטעסטירט. ענדליך אָבער האָבן מיר אויך גענומען ספקן, ווען מיר

האָבן באַמערקט׳ אַז אונזער הײַפּעלע איז אײַנגעשרומפּן געוואָרן כּמעט אויף העלפֿט׳ אינדערצײַט וואָס אין אָנהייב זײַנען צו אונז צוגעשטאַנען נאָך גימנאַזיסטן און רעאַל־שילער. סוף־כּל־סוף האָבן מיר זיך געלאָזט אײַנריידן׳ איך בין ניט געווען צופֿרידן פֿון דעם באַשלוס׳ און ס׳האָט זיך מיר פֿאַרוואָלט אַרײַנגיין איי דעם הײַפּל אַרבעטער. עטליכע חברים זײַנען אוועק מיט מיר.

איך האָב געזוכט מיט די אויגן די אָנפֿירער פֿון דער גרופּע און באַלד אָפּגעשטעלט זיך אויף צוויי. איינער איז געווען אַן עלטערער׳ ברייט־ביינערדיגער׳ ניט קיין הויכגעוואַקסענער ארבעטער מיט אַ געלינקער באָרד׳ דער צווייטער — א וואוילער יונגערמאַן׳ אַן ענערגישער ווײַזט אויס׳ מיט שווארצע האָר און קליינע וואָנצעס. דער עלטערער האָט געהאַלטן אין האַנט א געזונטן שטעקן׳ און איך האָב געטראַכט מיט דרך־ארץ: דאס איז אויפֿן פֿאַל׳ טאָמער מאַכט זיך אַ צוזאַמענשטויס מיט פּאָליציי און מיט קאָזאַקן.

פּחדיג האָב איך פֿאָרגעלייגט דעם ארבעטער מיטן שטעקן׳ אז איך וועל זיי העלפֿן טראָגן דעם קראַנץ. די אַרבעטער האָבן אײַנגעשטימט׳ און אַ באַגײַסטערטער האָב איך זיך געהאַלטן פֿאַרן קראַנץ כּמעט ביזן בית־עלמין. די ארבעטער האָבן מיך אויסגעפֿרעגט׳ וואָס עס איז געוואָרן מיט אונזער קראַנץ׳ אײַנגעשטימט מיט די סטודענטן׳ אז מיר דאַרפֿן ניט איבעריגס ריזיקירן׳ און בכלל זיך באַציִגן צו מיר און מײַנע חברים מעשה־באַשיצער. איך האָב זיך נײַגיריג אײַנגעקוקט אין די פּנימער פֿון די ארבעטער׳ געוואָלט שטודירן די טיפֿן פֿונם אמתן פֿאָלק׳ וואָס איך האָב ניט געקענט. זיי האבן זיך מיר אַלע אויסגעוויזן צו זײַן׳ וואָס מען רופֿט׳ וואָגיג׳ איבערהויפּט דער עלטערער און דער יונגער „אָנפֿירער״ איך האָב זיך אײַנגעהערט אין זייערע שמועסן און בין געוואָרן פֿאַרוואונ־דערט׳ אַנטוישט: איך האָב געהערט טאָג־טעגליכע רייד וועגן טאָג־טעגליכע ענינים. נאָר ווען עס האָבן זיך אין וועג געמאַכט צוזאַמענ־שטויסן מיט דער פּאָליציי׳ וואָס האט געגעבן נאַרישע אדער סתּירותדיגע באַפֿעלן׳ האָב איך באַמערקט אויף די פּנימער פֿון אַ טייל יונגע אַר־בעטער׳ אַז זיי זײַנען גרייט אָנצוהייבן אַרבעטן מיט די פֿויסטן׳ איך בין פֿון דעם נתפּעל געוואָרן׳ און דאס אייגענע האָב איך געהאַט גרויס הנאה פֿון זייערע שאַרפֿע׳ הגם אָנשטענדיגע׳ זידלערײַען.

אָנגעקומען אויפֿן בית־עלמין׳ האָט זיך די פּראָצעסיע׳ וואס איז דערווײַלע שיטערער געוואָרן׳ צעשפּרייט ארום דעם קבֿר. די עלטערע

סטודענטן האָבן אָפּגעזוכט מיך און מײַנע חברים און אונז געזאָגט, אַז בײַם אַרויסגיין פֿון בית־עלמין וועט מען געוויס פֿאַרשרײַבן אַלעמענס נעמען, און אונז וועט מען אָהן שום ספק פֿאַרהאַלטן. זיי האָבן אונז דעריבער געהייסן באַנוצן די צײַט, כל־זמן די שפּיאָנעס הערן אויפֿמערקזאַם די רעדנער, און לויפֿן איבער די פּאַרקנס אויף דער אַנדערער זײַט.

מיר האָבן זיי געפֿאָלגט. מיר האָבן געבלאָנדזשעט ביז דער בין־השמשות־צײַט און שפּעט געקומען אַהיים.

אינגיכן האָב איך אין שטוב געהערט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דעמאָנסטראַציע גייען אַרעסטן און אַז א פּאָר שריפֿטשטעלער און סטודענטן האָט מען אַרויסגעשיקט. און ווען איך האָב זיך נאָך די פּאַסכע־פֿעריען אומגעקערט אין גימנאַזיע, האָט דער גאַנצער קלאַס גערעדט וועגן אונזער איינטייל אין דער מאַניפֿעסטאַציע און וועגן דעם, וואָס פֿאַר א ביטערן פּסק מיר וועלן האָבן. „פֿון א זיכערן מקור" האָט עמיצער איבערגעגעבן, אַז אינם „אָקרוג" איז פֿאַראַן א פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דער לוויה און אַז מען האָט גערופֿן אַהין די אינספּעקטאָרן פֿון אַלע מיטל־שולעס, זיי זאָלן דערקענען זייערע תּלמידים. איך האָב באַגעגנט אין גאַס א סטודענט, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אויף דער לוויה — האָט ער באַשטעטיגט, אַז מען שיקט אַרויס און מען שליסט אויס פֿון די לערן־אַנשטאַלטן; ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס מען האָט אונז נאָך ניט געטשעפּעט.

ענדליך זײַנען מיר געוואויר געוואָרן, אַז אין זיבעטן קלאַס האָט דער לערער פֿון רעליגיע, א ליבעראַל־געזונענער גײַסטליכער, אָנגערירט אונזער ענין. אין אַ פֿאַרשלייערטער פֿאָרם, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ גײַסט־ליכער פּערזאָן, האָט ער געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די דירעקציע פֿון דער גימנאַזיע האָט גרויסע זאָרגן „וועגן דער גייסטיגער און מאָראַלישער אויסגעלאַסנקייט" פֿונם אַכטן קלאַס.

מיר זײַנען געווען כמעט ווי זיכער, אַז אונזער גורל איז געפֿאַלן און מען וועט אונז צו די עקזאַמענעס ניט דערלאָזן. מיט מורא זײַנען מיר אַלע אינדערפֿרי געקומען אין גימנאַזיע און געריכט זיך, אַז אָט הײַנט ברעכט אויס די קאַטאַסטראָפֿע. איך האָב זיך שוין אין האַרצן צו־געוואוינט צו דעם געדאַנק, און איך האָב געגומען קלערן וועגן פֿאָרן אין אויסלאַנד שטודירן. דער פּלאַן האָט מיך אַזוי באַרוהיגט, אַז ווען מען האָט אונז אָפּגעלאָזן מיט אַ פּאָר וואָכן פֿריער אויף צוצוגרייטן זיך צו די עקזאַמענעס, האָב איך אַפֿילו ניט געטראַכט אָנצוהייבן לערנען. נאָר אין

א ווײַלע ארום האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די עלטערן פֿון איינעם פֿון מײַנע אומגליקס־חברים האָבן זיך נאָכגעפֿרעגט אין „אָקרוג“ און מען האָט זיי געענטפֿערט, אַז די גימנאַזיסטן, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער דעמאָנסטראַציע, האָט מען באַשלאָסן ניט טשעפּען.

מיטאַמאָל האט א שטראָם געטאָן מיין ענערגיע, און איך האָב זיך גענומען איילן צו מאַכן א שטיקל סדר אין מיין מוח, אויף וויפֿיל דאָס איז נאָך מעגליך געווען אין דער קורצער צייט, וואָס איז געבליבן ביז די עקזאַמענעס. איך האָב אויסגעהאַלטן ניט שלעכט. אינגיכן האב איך געהאַלטן אין האַנט דעם „אַטעסטאט פֿון צײַטיגקייט“ און געשפירט אין האַרצן דעם זיסן געפֿיל, אז איך בין שוין אויך „אין דערוואַקסענעם שטאַנד“.

אַראָפּגעוואָרפֿן די גימנאזיסטישע אוניפֿאָרם, בין איך פֿריער פֿאר אַלץ אוועק אין דער קייזערליכער עפֿנטליכער ביבליאָטעק, וואוהין גימנאַזיסטן האָבן קיין צוטריט ניט געהאַט. די אויגן האָבן זיך צעפֿלאקערט און איך האב געכאַפּט אָהן שום סיסטעם ביכער, וואס האָבן לויט זייער נאָמען געהאַט עפּעס א שייכות צו סאָציאַליזם און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. כ׳האָב געלייענט פֿארשיידענע רעאקציאָנערע שטותערײַען פֿון סטראַכאָוו, טיכאָמיראָוו, שטשערבינען און נאָך אַזוינע עכט רוסישע סאָציאַליסטן־פּרעסער. נאר באַלד האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף איין זאַך און זיך אָפּגעגעבן דערמיט אַלע טאג פֿיל שעהן נאָכ־אַנאַנד: אין די אלטע צײַטונגען פֿון די 70־ער יאָרן האָב איך געפֿונען באריכטן וועגן פּאָליטישע פראָצעסן. אָט לויט די באַריכטן האָב איך געפּרובט באַנעמען, צוזאמען מיט די דראַמאַטישע אויסערליכקייטן, דעם אינעווייניגסטן זינען פֿון יענער באַוועגונג. דאָס לעצטע האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן, נאָר דערפֿאַר האָב איך אינגיכן געוואוסט, ווי א וואַסער, ניט נאָר דעם כאַראקטער פֿון יעדער פראָצעס, נאָר די נעמען פֿון אלע באַשולדיגטע און דעם פסק־דין אויך. און מײַן זכרון האָט אין יענער צײַט אזוי גוט אײַנגעזאַפּט אלץ וואס עס איז אַהין אריַין, אז איך געדענק נאָך עד־היום אויף אויסווייניג אַלצדינג, וואס איך האָב זיך דאַן אײַנגעחזרט.

נאָך א ביסל ספֿקות האָב איך באַשלאָסן אַרײַנצוטרעטן אויפֿן פֿאַ־קולטעט פֿון נאַטורוויסנשאַפֿטן. ס׳האט מיך זעהר שטארק געצויגן צום יוריסטישן פֿאַקולטעט, ווײַל דאָרט האָט מען שטודירט עקאָנאָמישע וויסנשאַפֿטן, אבער די רעכטס־וויסנשאַפֿט האט אין מיר קיין שום אינ־

טערעס ניט אַרויסגערופֿן. פֿון דער אַנדער זײַט האָב איך געהאלטן, אז די נאַטורוויסנשאַפֿטן זײַנען דער פֿונדאַמענט, אָהן וועלכן ס'איז אוממיגליך צו שאַפֿן זיך אַ פֿעסטע און גאנצע וועלט־באַנעמונג. סוף־כל־סוף איז די פֿראגע פֿארענטפֿערט געווארן ניט צוליב ווינסנשאפֿטליכע טעמים: אויפֿן יוריסטישן פֿאקולטעט זײַנען אַרייגעטראָטן די אַלע־וואָס מען האָט געוואוסט, אז דאָס זײַנען קינפֿטיגע באַאַמטע און קאַריערע־זוכער: דעריבער זײַנען גאָלאָווין און איך אוועק אויפֿן נאטורוויסנשאַפֿטליכן פֿאַקולטעט, וואס האָט זיך גערעכנט פֿארן סאמע דעמאָקראַטישן לויטן צוזאַמענשטעל פֿון די סטודענטן.

* * *

דאס דריטע קאפּיטל

אין אוניווערסיטעט. סטודענטישע קרייזלעך. די רעוואלוציאנערע ריכטונגען פון אנהייב 90-ער יארן. די ערשטע אונטערערדישע אונ־טערנעמונגען. די ערשטע באקענטשאפט מיט זשאנדארן.

אויף מײַן יונגן פּנים האָט מסתמא נאַרישליך געשײַנט געפֿלעפֿטקייט און באַגײַסטערונג, ווען איך האָב אין א הייסן פֿרימאָרגן פֿון אווגוסט מאָנאט אריבערגעטראטן דעם שוועל פֿון פעטערבורגער אוניווערסיטעט.

איך בין געווען צערודערט, און איך וואָלט באמנות ניט געקאָנט זאָגן, וואס מײַן נשמה האָט געגאַרט אין דעם היכל. די שטרעבונג צו דערקענען די וועלט, צו דער ריינער וויסנשאַפֿט, האָט זיך עפּעס וואונדערליך אויסגעפֿלאָכטן מיט פונקט אַזאַ אינטענסיווער שטרעבונג צונויפֿצוגיין זיך מיט מענטשן, וואָס פּראָטעסטירן קעגן דער ווירקליכקייט; איך בין געווען זיכער, אז צווישן די סטודענטן וועל איך געפֿינען אזוינע. ווי אַזוי, איז מיר יעמאָלט אויך ניט געווען קלאָר — נאָר אין מײַן פֿאָרשטעלונג איז דאס זוכעניש פֿון וויסנשאַפֿטליכן אמת געווען צונויפֿגעקניפּט מיט א קעמפֿנדיגער פֿאַראייניגונג פֿון דער יוגנט, וואָס איז פֿיינטליך צו דער „געזעלשאַפֿטליכער אָרדענונג". איך האָב ניט געהאט קיין שום קאָנקרעטע השגה וועגן מײַן קומענדיגער טעטיגקייט אַלס „בונטאָוושטשיק"; נאָר דער געפֿיל, אז איך טרעט ארויף אויף א וועג

פֿון העלדישקײַטן און סכּנות, איז מיר ניט געווען פֿרעמד — איך בין דאָך נאָך קיין 18 יאָר ניט אַלט געווען.

אין אוניווערסיטעט האָט שוין אויף מיר געוואַרט מײַן גוטער־פֿרײַנט גאָלאָווין, וואָס האט זיך עפּעס מיט איין מאָל אײַנגעלעבט אין די גוואַלדיגע זאַלן און קאָרידאָרן, וואו ס'האָט געקלונגען א האַרמאָנישער כאָר פֿון יונגע שטימען. ער האָט מיר אויף גיך געוויזן די עקלדיג־באַאמטישע פֿיגורן פֿון די „סובן" (סוב־אינספּעקטאָרן) און די פּאָליציײַיש־מיאוסע „פּעדעלן" מיט די אויסגעשטעלטע אויערן, דערנאָך האָט ער מיך אַוועקגעשלעפּט אין דער אוידיטאָריע פֿון נ. פּ. לעסגאַפֿטן; ער האט שוין געוואוסט, אז לעסגאַפֿטס אַרײַנפֿירנדיגע לעקציע אינם קורס פֿונם אַנאַטאָמיע דאַרף זיין דאס הויפּט־געשעהעניש פֿון טאָג.

גאָלאָווין האָט מיר געזאָגט, אז די ווענט וועלן פּלאַצן פֿונם גרויסן עולם, ווײַל סטודענטן פֿון אלע פֿאַקולטעטן ווילן הערן דעם אלטן לעסגאַפֿטן, און אז מיר וועלן שוין געוויס קיין ערטער ניט געפֿינען. עס איז אונז טאַקע בײַדן אויסגעקומען צו שטיין אין משך פֿון דער גאַנצער צוויי־שעהדיגער לעקציע ווײַט פֿון דער קאַטעדרע; מיר האָבן זיך געמוזט אָנשטרענגען, כּדי צו הערן די ניט אינגאַנצן קלאָרע, הגם גלאַטע רייד פֿונם לעקטאָר. אויף וויפֿיל איך געדענק, איז די לעקציע געווען אָהן א סיסטעם, כּמעט א מישמאַש. לעסגאַפֿט האָט געוואָלט געבן דער יוגנט, וואס טרעט צו צום שטודיום פֿון די נאַטורוויסנשאַפֿטן, אַ השגה וועגן דער געזעלשאַפֿטליכער באַדייטונג פֿון די דאָזיגע וויסנשאַפֿטן. ער איז דאָ ארויסגעטראָטן ווי אַ רייגער ראַציאָנאַליסט: אַלע נארישקייטן און פֿאַרבּרעכנס פֿונם געזעלשאַפֿטליכן לעבן האָט ער אויסגעטײַטשט דערמיט, וואָס די מענטשן זײַנען אומוויסנדיג און פֿאַרשטייען ניט די געזעצן פֿון דער נאַטור. אזוי פּשוט האָט זיך מסתּמא פּראָפֿעסאָר לעסגאַפֿט אַליין אויך ניט פֿאָרגעשטעלט די זאַך. נאר פֿונם פּעדאַגאָגישן שטאַנד־פּונקט איז זײַן גאַנג געווען אויסגעצייכנט, לכל־הפּחות פֿאַר אזעלכע יונגעלײַט, ווי איך, וואָס האָבן געקוקט אויפֿן אוניווערסיטעט, ווי אויף א היכל פֿון אַרבּעט פֿאַרן כּלל: ער האָט אונז אָנגעשטעקט מיטן דאָרשט צו שטודירן די פּינקטליכע וויסנשאַפֿטן.

יעדנפֿאַלס בין איך אַרויס פֿון לעסגאַפֿטס אוידיטאָריע מיטן פֿעסטן ווילן — לײדער איז ער קיינמאָל ניט מקוים געוואָרן — צו נעמען זיך אויפֿן סאַמע ערנסטן אופֿן „שנײַדן זשאַבּעס", ווי פּיסאַרעוו האָט געבאָטן, און אַרײַנטאָן זיך אינגאַנצן אין דער אַרבּעט פֿון די סעמינאַרן און

לאַבאָראַטאָריעס. פֿאַראייִנס איז לעסגאַפֿט אָנגעפֿאַלן מיט גאַל, אַמאָל אַ ביסל פֿאַרדעקט, אויף דער „קאַזיאָנער" וויסנשאַפֿט און אויפֿן גאַנצן „קאַזיאָנעם" שטייגער פֿון רוסישן לעבן; אַזעלכע באַמערקונגען האָט ער ניט געזשאַלעוועט, און אונדזערע יונגע נשמות, וואָס האָבן געגאַרט נאָך אַ פֿרײַען וואָרט, האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט באַגײַסטערונג. אַזוי ווי פֿאַרשיכּורט בין איך אַרויס, אַ פֿאַרשוויצטער, פֿון לעסגאַפֿטס אַודיטאָריע, נאָך איך בין פֿון דער ערשטער מינוט אָן געווען איבערגעגעבן דעם אַלטן פּראָפֿעסאָר. ס'איז מיר שוין שווער געווען צו מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג בײַ זיך אין קאָפּ אויף צו הערן די אַנדערע, טרוקענערע לעקציעס, אויף וועלכע איך בין אַרײַן צוזאַמען מיט גאַלאָווינען. און דאָס האַרץ האָט זיך געריסן פֿון די שווײַגעוודיקע אַודיטאָריעס אַרויס צו דער טומלדיקער מאַסע סטודענטן; עס האָט זיך געוואָלט אײַנאײַנעם מיט „קהל" באַטראַכטן אַלע געדאַנקען, וואָס לעסגאַפֿטס שרײַעדיקע שטים האָט אויפֿגערודערט.

אינם לאַנגן קאָרידאָר פֿון אוניווערסיטעט האָב איך באַגעגנט צוויי באַקאַנטע פֿון דער שעלגונאָווער דעמאָנסטראַציע — וו. ד. סאָקאָלאָוון און אי. אַלעקסעיעווסקין. ביידע זײַנען שוין געווען דעם צווייטן יאָר אין אוניווערסיטעט און האָבן אונדז גענומען באַקענען מיטן אַקאַדעמישן לעבן. וו. ד. סאָקאָלאָוו איז געווען אַ ייִנגערער ברודער פֿון יענעם נ. ד. סאָקאָלאָוון, וואָס איז שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרן און וואָס איז דאַן געווען איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער ראַדיקאַלער סטודענטנשאַפֿט; ער איז געווען קלאָר אין די סודות פֿון דער סטודענטישער קרײַזל־וועלט. אַלעקסעיעווסקי איז געווען אַ פֿעהיקער, דרײַסטער יונג, אַ ביסל אַ פּלאַפּלער, לעכערליך קליין אין וווּקס און אָהן אַ ברעקעלע האָר אויפֿן פּנים; ער האָט אונדז אָנדערציילט מעשיות — אמתע און אַזעלכע וואָס נישט געשטויגן, ניט געפֿלויגן — וועגן דעם וואָס עס טוט זיך „הינטער די אַקאַדעמישע קוליסן". צו אונדזער קאָמפּאַניע איז נאָך צוגעשטאַנען ס. נ. קראַניכפֿעלד, מײַן חבֿר פֿון גימנאַזיע, וואָס האָט פֿון ערשטן טאָג אָן געהאַט אין אוניווערסיטעט ניט מער ווי עגמת־נפֿש. ער האָט זיך געהאַט אויסגעקליבן דעם היסטאָריש־פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט, און דאָס איז געווען אָן אָרט, וואוהין ס'פֿלעגן גיין בדרך־כּלל נאָר יונגעלײַט מיט אַ נטיה צו מערידן און מיט כּשרע געדאַנקען, וואָס גאָט אַליין האָט זיי געהייסן ווערן טשינאָווניקעס אינעם מיניסטעריום פֿאַר פֿאָלקסבילדונג. קראַניכפֿעלד האָט מיט אַ היציקן כּעס דערציילט וועגן דעם טויט־לאַנג־

ווײַליגן שטייגער פֿון לערנען אויף זײַן פֿאַקולטעט, וועגן דער רעאַקציאָנערער טענדענץ, וואָס דרינגט דורך די לעקציעס פֿונם רוב פּראָפֿעסאָרן.

אין די נאָהענטסטע טעג האָבן מיר זיך ווײַטער באַקענט מיט די לעקטאָרן פֿון אונזער פֿאַקולטעט. דער כעמיקער קאָנאָוואַלאָוו האָט אונז אימפּאָנירט, ווי א לעקטאָר און ווי אַ געלערנטער; ער האָט ניט פֿאַרשעמט די קאַטעדרע, וואָס מענדעלעיעוו האָט ניט לאַנג געהאַט פֿאַרלאָזן. נאָר צוויי חשובע פּראָפֿעסאָרן מיט היפּשע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער וויסנשאַפֿט האָבן אונז אינגאַנצן אַנטוישט: מיר האָבן זיי דערזעהן אין יענעם צושטאַנד פֿון אַלטקייט, ווען פֿון זייערע לעקטאָרשע פֿעהיגקייטן איז שוין גאָרנישט ניט פֿאַרבליבן. עס איז ממש געווען א פּײַן זיי צו הערן, בפֿרט אַז זיי האָבן נאָך איבערגעחזרט וואָרט בײַ וואָרט דאָס וואָס זיי האָבן געלייענט אַמאָליגע יאָרן אין וואָס עס איז געווען אָפּגעליטאָגראַפֿירט אין זייערע לעקציעס. די ערשטע צײַט האָב איך גאַנץ פֿלײַסיג גענומען אַרבעטן אין לעסגאַפֿטס פֿיזיאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע, איך האָב געקוקט אין מיקראָסקאָפּ דעם בוי פֿון די געוועבן און געמאַכט אַנאַטאָמישע פּרעפּאַראַטן. אָבער באַלד איז געוואָרן צו דעם אַ סוף. איך האָב אָנגעהויבן גיין אויף לעקציעס פֿון אַנדערע פֿאַקולטעטן, וואו מען פֿלעגט אָנרירן געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגן; געשפּרעכן מיט די נײַע קאָלעגן האָבן אויך גענומען צײַט און אויך אָפּגעריסן פֿון סיסטעמאַטישע לימודים, און אינגיכן בין איך געוואָרן איינער פֿון יענער גרויסער מחנה סטודענטן, וואָס קלערן וועגן וויסנשאַפֿט נאר ווען עס קומט אָן די צײַט פֿון די עקזאַמענעס, איבעריגנס, דער עצם אינטערעס צו נאַטורוויסנשאַפֿטן האָט אויך גיך גענומען שוואַכער ווערן בײַ מיר, וואָס מער איך האָב זיך פֿאַראינטערעסירט מיט געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגן.

באַלד אין איינעם פֿון די ערשטע טעג האָב איך זיך אויף עפּעס אַ לעקציע פֿונאַנדערגערעדט און באַקענט מיט א סטודענט פֿון מײַן קורס, וואָס האָט צוגעצויגן מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. ער האָט געהאַט אַ סימפּאַטישן, פֿאַרטראַכטן פּנים פֿון קליינרוסישן שניט. כ׳געדענק ניט ווי אַזוי, נאָר מיר זײַנען זיך צונויפֿגעגאַנגען און האָבן באַקומען צוטרוי איינער צום צווייטן. מען האָט אים גערופֿן איוואַן דאָמיניקאָוויטש סטאַוווסקי. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ פּויערשער פֿאַמיליע און איז אויפֿגעצויגן געוואָרן אויפֿן חשבון פֿונם עקסט־רעאַקציאָנערן פּריץ נעפּליויעוו, וואָס איז געווען מי יודע ווי רײַך; סטאַוווסקיס פֿאָטער האָט געדינט בײַ

אים פֿאַר אַ פֿאַרוואַלטער. לעבן אין אָפּהענגיגקייט פֿון דעם גאוותדיגן פּריץ איז געווען ניט זיס, און דער 18־יאָריגער ס. האָט פֿאַרמאָגט אַ היפּש ביסל גאַל; די ביטערקייט האָט זיך אָבער אויסגעמישט בײַ אים מיט אַ געבוירענער „כאָכלאַצקער” גוטמוטיגקייט, און דערצו האָט ער געהאַט א רוהיגן מיושבדיגן כאַראַקטער.

ס. האָט מיך אַריבערגעשטײַגט אין עטליכע זאַכן. ערשטנס האָט ער פֿאַרלעבט די יונגע יאָרן מער זעלבשטענדיג פֿאַר מיר (אין אַ אויעזדיגן שטעטל, אויסער דער היים); אַחוץ דעם האָט ער שוין אין די העכערע קלאַסן פֿון גימנאַזיע אײַנטיילגענומען אין אַ געהיימען שילערשן זעלבסטבילדונגס־קרייזל. ער האָט געקאָנט אַרבעטן אויף זײַן געזעלשאַפֿטליכער וועלט־באַנעמונג מער סיסטעמאַטיש, ווײַל ער איז ניט געווען איינער אַליין; אים האָט געהאָלפֿן אַן עלטערער, איינער פֿון די לערער, וואָס האָט קאָנספּירירט מיט די תּלמידים און, לויט ווי ס. האָט דערציילט, געהאַט א גוטע ווירקונג אויף זייער אַנטוויקלונג פֿון דער ערשטער מינוט אָן האָב איך דערשפּירט אין סטאַווסקין אַ נשמה, וואָס איז מיר אין אַסך פּרטים געווען נאָהענט, וואָס האָט זיך, פּונקט ווי איך, געריסן צו עפּעס אַן ערנסטן געראַנגל מיטן לעבן.

מיר זײַנען גיך געוואָרן גוטע־פֿרײַנט. ער האָט מיך באַקענט מיט זיין חבר פֿון גימנאַזיע נ. א. אַלעקסעיעוון *) און מיטן סטודענט ס. א. האָפּמאַן, וואָס איז שוין אָפּגעווען צוויי יאָר צײַט אויפֿן מאַטע־מאַטישן פֿאַקולטעט און איצט אַריבער צו נאַטורוויסנשאַפֿטן. סטאַווסקי איז געווען אַ צוגעלאָזטער מענטש; פֿאַרקערט, האָפּמאַן איז געווען פֿאַרשלאָסן, מען קאָן אַפֿילו זאָגן: פֿאַרפֿינסטערט. ער האָט זיך באַלד געוואָרפֿן אין די אויגן מיט זײַן שוואַרצער, געגרײַזלטער קאָפּ האָר און מיט זײַן אומצוטרויליכן, נאָר פֿאַראײנס שאַרפֿן בליק פֿון די טונ־קעלע אויגן; עס האָט זיך ניט אָנגעזעהן, אַז ער שטאַמט פֿון דײַטשן. בשעת ער האָט זיך באַקענט מיט אונז, האָט ער זיך אַפּנים אַסך ווייניגער פֿאַר אונז אינטערעסירט מיט פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטליכע

*) שפּעטער איז ער געווארן א דאקטער. אין 1899 איז ער געווען איינער פֿון די רע־דאקטארן פֿון „ראבאטשאַיאַ מיסל”. אין 1905 איז ער געווען א מיטגליד אין דער רעדאַקציע פֿונם יעמאלטיגן פּעטערבורגער באָלשעוויסטישן בלאַט ”נאָוואַיאַ זשיזן”. אין 12 יאָר אַרום האָב איך אים געטראָפֿן אין פּעטערבורג אויפֿן „פֿאַראייניגונגס־צוזאַמענפֿאָר „פֿון דער ר. ס. ד. א. פּ. (1917) וואו ער איז געווען אַ פֿאָרשטייער פֿון אירקוטסק.

פּראַגן; אַ ציה געטאָן צו אונז האָט אים איבערהויפּט דער דראַנג צו זעלבסט־אַנטוויקלונג, וואָס האָט געבּרענט אין אים. דערנאָך בּין איך געוואויר געוואָרן, אַז ער האָט שוין געהאַט איבערגעלעבּט אַ צײַט פון זעלבשטענדיגע „זוכעגישן": ער האָט זיך געהאַט אַרײַנגעלאָזן אין רעליגיעזע זוכענישן, ער האָט געוואָלט אַוועקגיין אין אַ מאָנאַסטיר, און פון יענע שטימונגען, וואָס ער האָט אַפּנים איבערגעלעבּט זעהר טיף, איז בײַ אים געבּליבּן אַ מין ריגאָריזם און טרוקנקייט אין זײַן וועזן.

אָהן אַ פאַרמיטלונג האָב איך זיך בּאַקענט מיטן פרײַען צוהערער אַ. ג. ריזענקאַמפּף. דאָס איז געווען אַ היציגער, ריידעוודיגער יונגער־מאַן; ער האָט מיר בּאַלד דערציילט זײַן לעבּנס־געשיכטע. זײַן פאָטער איז געווען אַ גענעראַל, דער זיידע איז אויך געווען אַ מיליטערסמאַן. ריזענקאַמפּף האָט זיך אַוועקגעלאָזן אויפן וועג פון רעליגיעזע זוכענישן, און דאָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ געגנזאַץ צו זײַן גאַנצער סביבה. ער איז אַרײַנגעטראָטן אַלס פרײַוויליגער אין דער אַרמיי, כּדי ער זאָל דערנאָך האָבּן די מיגליכקייט אַרײַנצוטרעטן ווי אַ פרײַער צוהערער אין אוניווערסיטעט. כ'געדענק ניט, צי נאָך פאַרן מיליטער, צי שוין בּעתן דינסט — נאָר ער האָט זיך בּאַקענט מיט די „טאָל־סטאָוצעס", געווען אַ צײַט אונטער זייער השפּעה און געהאָלפן זיי אין זייערע אומלעגאַלע אונטערנעמונגען. שפּעטער, דינענדיג אין טיפליס, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין שטוב צום בּאַוואוסטן שרײַבּער פון די 69־ער יאָרן בּערווי (פלעראָווסקי, דאָס איז דער מחבּר פונם ווערק: „די לאַגע פונם אַרבּעטערקלאַס אין רוסלאַנד"). בּײַ פלעראָווסקין אין הויז פלעגט זיך אויפקלײַבּן די טיפליסער יוגנט, און טיילווײַז אונטער זײַן ווירקונג האָט ריזענקאַמפּף זיך בּאַפרײַט פון זײַנע סעקטאַנטישע סימפּאַטיעס און גענומען אינטערעסירן זיך מיט „פּאָליטיק" און מיט סאָציאַליזם.

ער איז, דוכט זיך, געווען דער ערשטער, מיט וועמען איך האָב בּפירוש אָנגעהויבּן ריידן וועגן דעם, אַז אויסאַרבּעטנדיג אונזער וועלט־בּאַ־נעמונג דאַרפן מיר זיך גרייטן צו אַ פּראַקטישער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. מיט די אַנדערע נײַע בּאַקענטע האָט מען דערווײַלע גערעדט, וואָס מען רופט, פאַרשטעלטערהייט. אָהן אַן אײַנעווייניגסטן מוט אַוועקצושטעלן דאָס פּינטעלע אויפן ש; מען האָט ניט גערעדט קיין קלאָרע ווערטער וועגן דעם זינען און דעם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבּעט, צו וועלכער מיר האָבּן זיך געגרייט.

ריזענקאַמף, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פֿון קאַזאַרמע, האָט, אגב, גערעדט וועגן דעם, אַז ס׳איז מיגליך צו פֿירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן סאָלדאַטן. פֿון דער אַנדער זײַט האָט ער געהאַט באַציהונגען צו די פּעטערבורגער טאָלסטאָווצעס, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם פֿאַרלאַג „פּאָסרעדניק״, און דאָס האָט אים צונויפֿגעפֿירט מיט די אַרבעטער די טאָלסטאָווצעס, וואָס זײַנען אין יענער צײַט אָפּטמאָל געשטאַנען נאָהענט צו די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־קרײַזלעך. אויף אַזאַ אופֿן האָב איך פֿון ריזענקאַמפֿן געקאָנט געוואויר ווערן פֿאַרשיידענע פּרטים וועגן די רדיפֿות, וואָס די דאָזיגע קרײַזלעך האָבן די לעצטע צײַט געהאַט אויסצושטיין; אָטדי דערציילונגען האָבן אויפֿגעהאַלטן בײַ מיר דעם אינטערעס צו דעם טייל פֿון דער אונטערערדישער וועלט, וואָס איז דערוועקט געוואָרן דורך דער באַגעגעניש אויף דער שעלגונאָווער דעמאָנ־סטראַציע.

איינמאָל זײַנען מיר געזעסן מיט ריזענקאַמפֿן אין אַן אודיטאָריע און געוואַרט אויפֿן אָנהייב פֿון דער לעקציע. ערשט איך זעה — ס׳גייט אַרײַן איינער ניט קיין יונגערמאַן שוין, מיט אַ טונקעלער באָרד, און גייט גלײַך צו די אייבערשטע בענק; געקליידט איז ער געווען אין ציווילע קליידער, נאָר זעהר אָפּגעלאָזן, און אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ דיקן באַנד. זײַן געשטופּלט פּנים האָט געמאַכט ניט קיין איבעריגס גוטן אײַנדרוק. דערזעהן אים, איז ריזענקאמף אינגאַנצן אויפֿגעקאָכט געוואָרן און גענומען מיר דערציילן: „דאָס איז דער געוועזענער אָפֿיציר סטאַטקאָווסקי, אַ בייזער, געפֿערליכער פּראָוואָקאַטאָר און אַן אויפֿגערעגטער האָט ער אָנגעהויבן איבערחזרן אויף אַ קול: „פּראָוואָקאַטאָר!״ סטאַטקאָווסקי האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין זײַן בוך און געמאַכט זיך ניט הערנדיג. ריזענקאמף האָט גערעדט ווײַטער אַ צעקאָכטער: „דאָס בוך, וואָס ער האַלט, איז מאַרקסעס „קאַפּיטאַל״. ער טראָגט דאָס בכיוון אַרום מיט זיך, כּדי אויף אַזאַ שטייגער צו באַקענען זיך מיטן יונגוואַרג״. דעם „קאַפּיטאַל״ איז דעמאָלט כּמעט ווי אוממיגליך געווען צו באַקומען, און ווען סטאַטקאָווסקי פֿלעגט זיך זעצן מיט דעם בוך אויף אַ באַנק, פֿלעגן אַסך שכנים זײַנע ניט בײַשטיין דעם נסיון און באַקענען זיך מיט אים, האָפֿנדיג צו באַקומען דאָס בוך; דערנאָך פֿלעגט ער זיי שוין אַרײַנכאַרן אין זײַנע נעצן. ריזענקאַמף האָט מיר דערציילט, אַז אין די 80־ער יאָרן איז סטאַטקאָווסקי פֿאַר געוויסע חטאים אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף קאַווקאַז; דאָרט האָט ער אָנגעהויבן שכּורן און איז אינגאַנצן געפֿאַלן. בײַ דער רעגירונג

האָט ער נושא־חן געווען, ווײַל ער האָט אַרויסגעגעבן עפּעס אַ געהיימע דרוק, און דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין פּעטערבורג, אַרײַנגעדרונגען צו די טאָלסטאָווצעס און אַסך פֿון זיי ארויסגעגעבן. לויט ווי ריזענקאַמף האָט געשילדערט, איז סטאַטקאָווסקי געווען זעהר אַ פֿעהיגער און אינטעליגענטער מענטש, הגם ער האָט זיך אַזוי טיף אַראָפּ־געלאָזן.

סטאַטקאָווסקיס קאַריערע אין אוניווערסיטעט האָט זיך באַלד נאָכדעם איבערגעריסן. אויף איינער אַ לעקציע האָבן די סטודענטן אים געמאַכט אַ "קעצישן קאָנצערט" און אים דורכגעטריבן. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן און אַרויסגעשוואומען שוין צום סוף פֿון די 90־ער יאָרן, אַלס אַן אָפּיציעלער מענטש: באַאַמטער פֿאַר באַזונדערס־וויכטיגע ענינים בײַ דער פּעטערבורגער אָכראַנע. אויף דער שטעלע האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ נידערטרעכטיגער איבערגעגעבנקייט צו זײַן זאַך; ביים מאַכן אונטערזוכונגען איז ער תּמיד געווען גראָב, און ער האָט ניט איינמאָל געלאָזט שלאָגן אַרבעטער.

צוקוקנדיג זיך איינער צום צווייטן, האָבן מיר זאַלבעפֿערט, — ריזענקאַמף, סטאַווסקי, האָפּמאַן און איך — אָנגעהויבן ריידן, אַז מען וואָלט געדאַרפֿט גרינדן אַ קרייזל, וואָס זאָל פֿאַרפֿעסטיגן אונזער צו־זאַמענבונד, און מיר זאָלן זיך בשותּפֿות גרייטן צו דעם ציל, וואָס האָט אונז אַלעמען געצויגן צו דער געזעלשאַפטליכער אַרבעט.

מיר האָבן זיך אָבער ניט געאײַלט צו פֿאַרווירקליכן אונזער פּלאַן. פֿון איין זײַט, האָבן מיר געוואָלט צוציהען נאָך אָנהענגער, מיר האָבן געוואָלט אַרײַנציהען אין אונזער "זעלבסטבילדונגס־קרייזל" וואָס מער יונגעלײַט, וואָס האָבן נאָך ניט באַשטימט זייער וועג; האָבן מיר זיך געפּלײַסט צו באַקענען זיך מיט יענע חברים פֿון אונזער קורס, וואָס האָבן אויסגעוויזן צו זײַן אינטעליגענטער, כּדי מיר זאָלן זיי דערנאָך קאָנען אַרײַנציהען אין דער געפּלאַנעוועטער אָרגאַניזאַציע. פֿון דער אַנדער זײַט האָבן מיר זיך אָנגעהערט אָהן אַ שיעור מעשיות וועגן דער קונציגער אויסשפּירונגס־אַרבעט פֿון די אוניווערסיטעטישע שפּיאָנעס און פֿון דער אָכראַנע, מיר האָבן געוואוסט, אַז מען רינגלט אַרום די סטו־דענטישע קרייזלעך מיט פּראָוואָקאַטאָרן — האָבן מיר מורא געהאַט, אַז פֿון ניט־געניטשאַפֿט זאָלן מיר ניט אָפּטאָן אַזאַ מין אומפֿאַרזיכטיגקייט, וואָס וועט זיך שוין דערנאָך ניט לאָזן פֿאַרריכטן. די אַרבעט גופֿא איז געווען אַ האַרבע: גרינדן אַן "אומשולדיגן" קרייז פֿאַר זעלבסטבילדונג,

אָבער אויף אַזאַ אופֿן׳ אַז באמת זאָל דאָס זײַן ניט סתם אַ קרייזל פֿאַר זעלבסטבילדונג׳ נאָר עפּעס אַ מין צוגרייטונג פֿאַר רעוואָלוציאָנערער אַרבעט·

מיר האָבן אַליין פֿאַרשטאַנען׳ אַז מיר ווייסן ניט׳ און דעריבער האָבן מיר זיך ניט געאײַלט· מיר האָבן זיך גערעכט אויף הילף מצד די עלטערע פֿאָרשטייער פֿון דער סטודענטנשאַפֿט ; מיט איינעם פֿון זיי· נ· ד· סאָקאָלאָוון׳ האָבן מיר געהאָפֿט זיך צו באַקענען· ער איז שוין דאַן׳ אויב איך האָב קיין טעות ניט׳ צוויי מאָל געווען פֿאַרמישט אין רעוואָלוציאָנערע אומרוהען׳ און אין אונזערע יונגע אויגן איז ער געווען די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער רעוואָלוציע ; און ווען מיר פֿלעגן אים זעהן אינם אוניווערסיטעטישן קאָרידאָר מיט זײַן שיינער גלײַך־צוגעשווירענער שוואַרצער באָרד׳ מיט זײַן פֿאַרטאָנענעם׳ געשעפֿטליכן און אַ ביסל סודותדיגן אויסזעהן׳ זײַנען מיר געווען זיכער׳ אַז דאָס איז איינער פֿון די רעוואָלוציאָנערע פֿירער׳ וואָס וועט אונז ווען עס איז אַרײַנפֿירן אין דעם קדשי־קדשים·

נאָר דאָ איז איינמאָל די פֿראַגע וועגן שאַפֿן אַ קרייזל אַוועקגעשטעלט געוואָרן פּראַקטיש׳ און גראָד דורך איינעם׳ אויף וועמען מען האָט זיך בשום־אופֿן ניט גערעכט· בײַ לעסגאַפֿטן אין לאַבאָראַטאָריע האָבן מיר זיך באַלד די ערשטע טעג באַקענט מיט איינעם אַ חבר פֿון אונזער קורס׳ פּ· שמיטן׳ וואָס האָט געהאַט געענדיגט איינע פֿון די פּעטערבורגער דײַטשע גימנאַזיעס· ער איז געווען אַ געזונטער׳ מיט גראָבע באַקן׳ מיט ווײַסינקע האָר און בלויע אויגן ; אַלעמאָל איז ער געווען פֿריילעך׳ און ס׳האָט נאָך געשטעקט אין אים יענע קינדערשע אוממיטלבאַרקייט׳ וואָס איז בײַ אונז אַלעמען שוין לאַנג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן׳ שמיט׳ האָט׳ אין אַלגעמיין׳ געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ יונגנמאַן פֿון אַ גאַנץ יאָר ; מיר האָבן געזעהן אַרום זיך הונדערטער אַזעלכע׳ וואָס האָבן געהאַט אין האַנט אַ „צייגעניש פֿון צײַטיגקייט״ פֿון אַ דעליאַנאָווישער גימנאַזיע· נאָר ער האָט פֿאַרמאָגט אַ גרויסע ליבע און גרויס אינטערעס צו נאַטורוויסנשאַפֿט ; ווי פֿאַר אַן 18־יאָריגן יונגנמאַן האָט ער געהאַט היפּשע קענטענישן אין דעם פֿאַך· ער איז געשטאַנען אַסך העכער פֿונם רוב חברים אין דער לאַבאָראַטאָריע׳ וואָס זײַנען געווען שרעקליכע עמי־הארצים· (איך געדענק נאָך׳ ס׳אַראַ געלעכטער עס איז געוואָרן בײַ אונז׳ ווען איינער אַ סטודענט האָט גענומען דערציילן מיט אַן ערנסטן פּנים׳ אַז ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו דערזעהן אין מיקראָסקאָפּ אַן אַ ט אָ ם·)

אָטדער ערנסטער אינטערעס פֿאַר נאַטורוויסנשאַפֿטן האָט אונז דערנעהענטערט צו שמיטן, הגם זײַן גאַנצע אויפֿפֿירונג האָט אונז קלאָר געגעבן צו פֿאַרשטיין, ווי ווײַט עס איז פֿון אונז זײַן אינעווייניגסטע וועלט.

איינמאָל האָט שמיט זיך צערעדט מיט מיר, מיט סטאַווסקין און מיט די אַנדערע, אַז ס'וואָלט ניט געשאַדט אויפֿצוקלײַבן זיך פּעריאָדיש און צו פֿאַרנעמען זיך מיט די פֿראַגן, וואָס אינטערעסירן אונז. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און געגומען אים אונטערשטופּן. אינגיכן האָט מען ווײַטער גערעדט וועגן דעם, און ס'איז בײַ אונז געבליבן, אַז מיר גרינדן אַ קרייז פֿאַר זעלבסטבילדונג. ווי ד' סאָקאָלאָוו האָט פֿאָרגע־לייגט זײַן דירה פֿאַר דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג, וואו מען האָט גע־דאַרפֿט באַטראַכטן די פּראָגראַם און די מעטאָדע פֿון דער אַרבעט. צום קרייז האָבן מיר צוגעצויגן ריזענקאַמפֿן, האָפּמאַנען, אַלעקסעיעווסקין, לויט דעם לעצטנס רעקאָמענדאַציע דעם יוריסט ב., און ענדליך דעם סטודענט פֿון אונזער קורס אי.

דעם באַשטימטן טאָג זײַנען מיר געווען בײַ סאָקאָלאָוון אין דירה, ערגעץ אויפֿן ברעג פֿונם פעסקי־שטאָטטייל. ס'איז געווען פֿאַר אונז אַ גרויסער חידוש, ווען שמיט האָט גענומען ערנסט זײַן ראָליע אַלס איני־ציאַטאָר פֿונם גאַנצן אויפֿטו און איז געקומען צו גיין מיט אַ גאַנצן גענוי־אויסגעאַרבעטן פּראָיעקט פֿון תּקנות. מיט אַ געוויסער יום־טוב־דיגקייט האָט שמיט גענומען לייענען זײַן פּראָיעקט. וואָס מער ער האָט געלייענט, אַלץ מער האָבן זיך אויסגעצויגן די פּנימער בײַ די חברים. אין סטאַווסקיס אויגן האָבן גענומען פינטלען פֿינקעלעך פֿון געלעכטער, און דער עקספּאַנסיווער גאָלאָווין האָט קוים מיט צרות איינגעהאַלטן זײַן כּעס. שמיט האָט אָבער ניט באַמערקט, וואָס פֿאַר אַ רושם עס מאַכט זײַן לייענען, און ער האָט אַלץ געקוואָלן פֿון זיך. איך האָב געשפּירט יענעם באַזונדערן געפֿיל פֿון אומבאַקוועמליכקייט, וואָס קערט זיך אום צו מיר, ניט געקוקט אויף מײַן רײַכער ערפֿאַרונג, ביז הײַנטיגן טאָג, ווען איך באַגעגן זיך מיט יענעם סאָרט נאַרישקייט, וואָס שטויסט זיך ניט, ס'אַרא אײַנדרוק זי מאַכט אויף די אַרומיגע.

דער אָרימער יונג האָט נעבעך געהאַט אויסגעאַרבעט אַזאַ פּע־דאַנטישן פּלאַן, וואָס נאָר אַ דײַטש קאָן. דער קרייז האָט גערדאַרפֿט האָבן אַ שטענדיגן פֿאָרזיצער און סעקרעטאַר; ער האָט אויסגערעכנט כּסדר אַלע וויסנשאַפֿטן, פֿון וועלכע די מיטגלידער מעגן צושטעלן

רעפּעראַטן, ווײַטער האָט ער פֿאָרגעלייגט, אַז אַחוץ אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען אָרדנט נאָך דער קרײַז אײַן ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן. דערנאָך איז געשטאַנען אַ פּונקט, אַז די פּעטערבורגער חברים זײַנען מחויב אַרײַנצופֿירן די פּראָווינצער אין זייערע פֿאַמיליעס, כּדי זיי זאָלן ניט זײַן אַזוי עלנט. ענדליך איז געווען פֿאָרויסגעזעהן, אַז דער קרײַז טאָר בשום־אופֿן ניט אַרײַנטרעטן אין קיין פֿאַרבינדונגען מיט וועלכן עס איז אַנדער סטודענטישן קרײַזל, „כּדי אויסצומײַדן פֿאַרבינדונגען מיט ספּקדיגע עלעמענטן”, ווי ס׳איז געשטאַנען אין טעקסט פֿון די תּקנות.

מיר זײַנען געווען אויסער זיך. קאָנטיג, שמיט האָט געוואָלט מאַכן פֿון אונז פּאָליטיש־כּשרע זײַדענע יונגעלײַט. אויפֿן אָרימען דײַטש האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צאָרנדיגע און סאַרקאַסטישע באַמערקונגען. דערהויפּט האָט מען אים דערלאַנגט פֿאַר זיינע „מוזיקאַליש־ליטעראַרישע אָוונטן” און פֿאַר דער אָבליגאַטאָרישער באַקענטשאַפֿט מיט די פֿאַמיליעס. מען האָט אָפּגעמאָלט אַ פֿיינעם בילד, ווי אַזוי די מיטגלידער פֿון דעם קרײַזל גייען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג מיט אַ פֿידל אָדער מיט אַ פֿלייטע אין האַנט. וואָס ס׳איז שייך צום אַרײַנפֿירן אין די פֿאַמיליעס, האָבן מיר זיך פֿאַרגונען דעם נחת אויפֿצוּוואַרפֿן דעם דײַטש, אַז דאָס וויל ער גרינגער מאַכן פֿאַר די מיטגלידער פֿונם קרײַזל צו געפֿינען אַ כּלה און אַ פּראָטעקציע פֿאַר דער קומענדיגער קאַריערע. דער אָרימער שמיט איז אינגאַנצן רויט געוואָרן און פֿאַרטיידיגט זײַן באַשעפֿעניש מיט אַ שטילער עקשנות, אויפֿווײַזנדיג, אַז ער האָט געהאַט די בעסטע כּוונות. שווערער איז אים אָנגעקומען צו פֿאַרטיידיגן דעם פּונקט פֿון די תּקנות, אַז מען טאָר ניט אַרײַנטרעטן אין פֿאַרבינדונגען מיט קיין שום אַנדערע סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן אויף דעם געענטפֿערט: דער גאַנצער זינען פֿון דעם קרײַז באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס מיר ווילן ווערן אַ טייל פֿון דער פּראָגרעסיווער, אַנטוויקלטער סטודענטשאַפֿט, און אונזער זעלבסטבילדונגס־אַרבעט דאַרף זיך פֿריער פֿאַר אַלץ שטעלן פֿאַר אַ ציל צו מאַכן פֿון אונז בירגער. אויף דעם האָט שמיט געענטפֿערט מיט איין טענה: אַז דאָס קאָן אונז צונויפֿפֿירן „דער טײַוול ווייס מיט וואָסערע קרײַזלעך”, און מיר קאָנען פֿון דעם האָבן „צרות”.

מיר האָבן זיך אַזוי געשפּאַרט אַ גאַנצן אָוונט. סוף־כּל־סוף איז שמיט געבליבן איינער אַליין מיט זײַן מיינונג. איך ווייס ניט, צי ער האָט נאָך אינדעראמתן ניט געוואוסט אויף קלאָר, וואו ער האַלט,

צי פֿון פֿאַלשער בושה וועגן, נאָר צום סוף האָט ער נאָכגעגעבן און אײַנגעשטימט אויף אַלע שינוים אין זײַנע תּקנות; די אַלגעמײנע טענדענץ פֿון זײַן פּראָיעקט איז אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט געוואָרן. „נו, מילא, האָט ער געזאָגט גוטמוטיק: „מען זאָגט, אַז פֿון חברשאַפֿט וועגן האָט אַ ייד דערוואָרגן אויך". נאָר דאָס דאָזיקע גוטמוטיקע גלײַכווערטל איז אים אויך ניט אַראָפּ גלאַט, ריזענקאַמף האָט באַמערקט מיט אַ טאָן פֿון פֿאַראַכטונג, אַז ער פֿאַרשטייט ניט, ווי אַזוי אַן אינטעליגענטער מענטש קאָן איבערחזרן „געמײנע ווערטלעך מיט אַן אַנטיסעמיטישן ווידער־טעם".

אַהיים בין איך געגאַנגען מיט סטאַווסקין און נאָך מיט אַ פּאָר. מיר האָבן זיך דורכגערעדט וועגן דעם, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען, און מיר האָבן אויסגעפֿונען, אַז מיר זײַנען אַלע ניט באַפֿרידיקט. ס'האָט זיך געטראָפֿן אַזוי, אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ מענטשן, וואָס איז בפּירוש פֿרעמד פֿון אונזערע געזעלשאַפֿטליך־רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען. איז אָנשטאָט קלאָר צו מאַכן דאָס און אָוועקצוגײן מיט אונזער אײגענעם וועג, האָבן מיר, מיט דער הילף פֿון האַלבע ווערטער, געמאַכט אַ פּשרה מיט שמיטן; איצט וועלן מיר זײַן געבונדן דורך אַ פֿרעמדן עלעמענט אין אונזער קרײַזל. אַזוי האָט גערעדט אונזער שכל. דאָס געפֿיל ווידער איז געווען געצײַצט דורך דעם קלײנבירגערליכן גוסט פֿונם אָרימן דײַטש, און אונזער יוגנטליכע אומטאָלעראַנץ האָט אונז דערפֿירט דערצו, אַז מיר האָבן אים שוין פּשוט ניט געקאָנט אריבערטראָגן. אָהן שום רחמנות האָבן מיר געגומען אָפּמאָלן, ווי אַזוי ער וועט אײַנאָרדענען „מוזיקאַליש־ליטעראַרישע אָוונטן", זינגען סענטימענטאַלע דײַטשע ראָמאַנסן און פֿלירטעווען מיט אונזערע שוועסטער. מיר זײַנען געווען אומגערעכט, נאָר ווי דער פּאָעט זאָגט: „יענע יאָרן ווייסן ניט פֿון קײן רחמנות".

געענדיגט האָט זיך מיט דעם, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן פֿאַר יעדן פּרײַז פּטור צו ווערן פֿון אים, אויסזוכנדיג עפּעס אַ תּירוץ. אויף מאָרגן האָב איך אויסגעאַרבעט אַ „קאַמפּס־פּלאַן", איבערגעגעבן דאָס סטאַווסקין און האָפּמאַנען. באַקומען זײער הסכם, האָב איך אָנגעשריבן אַזאַ פּאַפּירל: דער עיקר ציל פֿונם קרײַזל איז: צוגרײטן זײַנע מיטגלידער צו געזעלשאַפֿטליכער טעטיקייט; בײַ הײַנטיגע באַדינגונגען איז דאָס פֿאַרבונדן מיט אַ גרויסער ריזיקע, און אויף דעם דאַרף מען גײן גאַנץ באַוואוסטזיניק. ס'איז דערבײַ געווען אויסגעטײַטשט געגוג קלאָר, אַז אונטער דער „געזעל־

שאַפּטליכער אַרבעט״ פאַרשטייען מיר אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. דע־ריבער, איז געשטאַנען ווייטער, נעמט אויף זיך יעדערער, וואס טרעט אַריין אין קרייזל, אַ געוויסע מאָראַלישע התחייבות, און יעדער איינער דאַרף גוט איבערקלערן, צי דאָס שטימט מיט זיינע פערזענליכע סימפּאַטיעס. כדי עס זאָל שוין קיין שום ספק ניט זיין, האָב איך אָנגעשריבן צום סוף פון דעם דאָקומענט אַזאַ מין פראַזע: „דאָס הייסט, אַז מען טאָר בשום־אופן ניט אַריינטרעטן אין קרייזל „פון קאָמפּאַניע וועגן״ אָדער איבער אַ שלעכט־אויסגעטייטשטן געפיל פון חברשאַפט״. דערמיט האָט שוין דאָס גאַנצע באַקומען גאָר אַ פערזענליכן כאַראַקטער. ס׳איז געבליבן, אַז מען זאָל ווייזן דעם פּאַפּיר שמיטן, ווי די קאָלעקטיווע מיינונג פון דער מער־הייט פון קרייז; דערביי זאָל מען אים זאָגן, אַז מיר ווייזן דאָס אַלעמען און לייגן פאָר איטליכן צו באַקלערן, צי וויל ער איינטיילנעמען אין אַזאַ מין קרייזל. נאָר אין האַרצן זיינען מיר געווען אומרוהיג: וואָס טוט מען, טאָמער וועט דער דייטש פון גרויס איידלקייט און קאָרעקטקייט איינ־שטימען אויף דעם אויך? מיר האָבן זיך מישב געווען און באַשלאָסן צו מאַכן דעם אָנפאַל ביי אַ געוויסער דעקאָראַציע. מיר האָבן צוגעקלערט אַזאַ מין קאָמישן שפּיצל.

צווישן די מיטגלידער פונם קרייזל איז געווען דער אויבנדערמאָנ־טער אי״; איינער פון אונז האָט זיך באַקענט מיט אים און רעקאָמענדירט אים פאַר די אַנדערע. קיין שום „באַזונדערע״ סימנים האָט ער ניט גע־האַט, אויב מען זאָל ניט רעכענען זיין הויכן וואוקס און זיינע געדיכטע האָר אויפן פּנים; צוליב דעם האָט ער אויסגעזעהן מיט אַ יאָר דריי־פיר עלטער פאַר אונז אַלעמען. און מחמת ער איז געווען זייער אַ שווייגעוו־דיגער, האָט זיין לאַנגע באָרד געמאַכט אַ שווערן, פינסטערן איינדרוק. נאָך אַלעמען איז ער, קאָנטיג, געווען אַ גאַנץ געוואוינטליכער בחור, ניט איבעריגס ראַדיקאַל געשטימט; איך האָב שפּעטער קיינמאָל ניט געהערט פון אים אין רעוואָלוציאָנערע קרייזן. נאָר הײנטיגס מאָל האָט זיך זיין גרויסע באָרד גראָד געקאָנט פּאַסן, נאָכמער צוליב דעם, וואָס ער האָט מיט אַ טאָג פריער, ביי דער גאַנצער הייסער דיסקוסיע, אַפילו ניט אויפ־געעפנט דאָס מויל.

ס׳איז ביי אונז געבליבן, אַז מיר זאָלן שיקן אי״. דורכריידן זיך מיט שמיטן. איינער פון אונז האָט אים אויסגעזאָגט אונזער סוד, געגעבן אים אין האַנט אריין דאָס פּאַפּיר און אים אָנגעלערנט, וואָס ער האָט צו טאָן. אין אַ שעה ארום איז ער געקומען אָפּגעבן אונז א באריכט. דער

ערפאָלג איז געווען א פולקומער: מיר האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער, בשעת ער האָט אונז דערציילט, ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען. אי׳ האָט אונז געפּאָלגט אין אלצדינג: ער איז צוגעגאנגען צו שמיטן, וואָס האָט געארבעט אין דער לאַבאָראטאָריע, און האָט אים איַינגערוימט א סוד, אַז ער דאַרף תּיכּף מיט אים איבעררייַדן אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, האָט אי׳ געגעבן שמיטן דאָס פּאַפּיר, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעשריבן, און האָט אים געזאָגט גאַנץ לאַקאָניש: די חברים לייגן פאָר איבער־לייענען דאָס, מישב זיַין זיך ווי ס׳געהער צו זיַין און זאָגן אַ תּשובה. אין א האַלב שעה אַרום האָט אי׳ זיך אומגעקערט און געטראָפן שמיטן בפירוש אַן אויפגערעגטן; ער האָט זיך געווישט דעם שוויס פון פּנים און אַרויסגערעדט די ווערטער, נאָך וועלכע מיר האָבן אַלע גע־גאַרט: ״בייַ די אומשטענדן קאָן איך אין קרייזל ניט אַרייַנגייַן״. ער האָט דאָס געזאָגט מיטן פּנים פון אַ מענטשן, וואָס איז קוים ניצול געוואָרן פון אַ טויט־סכּנה, און מען האָט געזעהן פון זייַנע אויגן, אַז ער דאַנקט אונז דערפאַר, וואָס מיר האָבן אים מתּרה געווען וועגן אונזערע צילן.

מיט פרייד האָבן מיר איבערגעגעבן די אַנדערע חברים, אַז מיר זייַנען פּטור געוואָרן פון שמיטן. אַלע האָבן איַינגעשטימט אויף אונזער שפּיצל.

איך האָף, אַז שמיט, וואָס איז געוואָרן אַ גאַנץ באַוואוסטער גע־לערנטער (א זאָאָלאָג), איז אונז געבליבן דאַנקבאַר, וואָס מיר האָבן אים אָפּגעשטופּט פון געפערליכן וועג, מיט וועלכן ער האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן, ניט זעהענדיג, וואוהין דאָס קאָן אים פאַרפירן.

אומגעריכט פאַר אונז איז מען געוואויר געוואָרן וועגן אונזער שפּיצל אין דער וועלט פון די סטודענטישע קרייזלעך, מיט וועלכע מיר האָבן נאָך ניט געהאַט קיין דירעקטע פאַרבינדונגען, און מען האָט אָנגעהויבן אַכט געבן אויף אונז, די באַשלאָסנקייט און דער ראַדי־קאַליזם, וואָס מיר, די אָקאָרשט געענדיגטע גימנאַזיסטלעך, האָבן אַרויס־געוויזן, האָבן אַרויסגערופן אַן אינטערעס בייַ די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון אוניווערסיטעט. אין יענער צייַט האָט אָנגעגעבן דעם טאָן די צענטראַלע גרופּע פון די סטודענטן פון די העכערע קורסן; אָט די גרופּע האָט באַשלאָסן צו פאַרנעמען זיך מיט אונז. אויך האָבן גענומען אַכטונג געבן אויף אונז אַנדערע קרייזן. און היות מען איז געוואויר געוואָרן, אַז איך בין דאָס געווען דער מחבר פון דער

דעקלאַראַציע, מיט וועלכער מיר האָבן משלח געווען שמיטן, האָב איך סך־הכל אין עטליכע טעג אַרום שוין געקאָנט באַמערקן — איך בין געווען פֿאַרוואונדערט און א ביסל באַאומרוהיגט — אַז אין די דאָזיגע עלטערע קרייזן קוקט מען אויף מיר, ווי אויפֿן "קאָפּ" פֿון אונזער קליינער גרופּע! איך בין געווען אומרוהיג פֿון דעם, וואָרים איך בין געווען דער ייִנגסטער אין אונזער קרייזל לויט די יאָרן און איך האָב גאַנץ גוט געזעהן, אַז סטאַוווסקי און האָפֿמאַן זײַנען אַסך געבילדעטער פֿאַר אונז אַלעמען, און ריזענקאַמף ווידער איז פּאָליטיש געניטער און קען דאָס לעבן אַסך מער פֿאַר מיר.

שוין אויף דער נאָהענטסטער זיצונג פֿון אונזער קרייזל, אין דער זעלביגער וואוינונג ביי ווי ד. סאָקאָלאָוון, האָט זיך אַנטפּלעקט דער אינטערעס צו אונז. מיר האָבן זיך געחקירהט וועגן עפּעס; מיט־אַמאָל עפֿנט זיך אויף די טיר, און ס'גייען אַריין דרײַ פֿיגורן, איינער פֿון זיי איז געווען נ. ד. סאָקאָלאָוו. פֿון די צוויי אַנדערע האָט איינער זיך געוואָרפֿן אין די אויגן מיט זיין צונטער־רויטער באָרד; דער צווייטער איז אויך געווען א רויטליכער, קאָנטיג אַ דײַטש, און ער האָט אויף אונז אין אָנהייב קיין באַזונדער רושם ניט געמאַכט.

נ. ד. סאָקאָלאָוו האָט אונז געמאָלדן, אַז זיי זײַנען געקומען אונז פֿאָרלייגן, מיר זאָלן צושטיין צום פּראָטעסט קעגן דער שאַרף־רעאַקציאָ־נערער אַרויסטרעטונג פֿונם באַוואוסטן שרײַבער וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו, אויף וועלכער מען האָט זיך געריכט. דער רויטליכער סטודענט האָט אונז באַלד געגעבן צו פֿאַרשטיין, וועגן וואָס דאָ גייט.

אָטדעם סטודענט האָט זיך אײַנגעגעבן צו זעהן אַ קאָרעקטע פֿון סאָלאָוויאָווס אַן אַרטיקל, וואָס האָט געדאַרפֿט אַרויסגיין אין צוויי טעג אַרום אינם זשורנאַל "סעווערני וועסטניק". דער אַרטיקל האָט געהייסן: "אונזער חטא און אונזער געזעלשאַפֿטליכקייט" און האָט גערעדט וועגן דעם הונגער, וואָס האָט דאַן געהאַט אַרומגעכאַפּט צוויי דריטל פֿון רוסלאַנד. דער מחבר ווײַזט דאָרט אויף, אַז דער הונגער איז אַ שטראָף פֿאַר דער אויפֿפֿירונג פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט אין משך פֿון די לעצטע צעהן יאָר; און ריידנדיג וועגן דעם אָנהייב פֿון די 80־ער יאָרן, זאָגט ער, אַז די געזעלשאַפֿט האָט "אַפּלאָדירט די אומ־זיניגע פֿאַרברעכנס", די סטודענטנשאַפֿט מוז שאַרף פּראָטעסטירן בײַ אַזעלכע רייד פֿונם פּראָגרעסיוון פֿילאָסאָף און פּובליציסט קעגן דער שענסטער צײַט פֿון דער רוסישער געשיכטע. מיט אויפֿרעגונג־

פֿאַרהאַקנדיג זיך, האָט דער רעדנער אונז גערופֿן, אַז מיר זאָלן אָפֿן זאָגן
וולאַדימיר סאָלאָוויאָוון: מיר קוקן אויף זשעליאַבאָוון און פּעראָווסקאַיאַ,
ווי אויף העלדן; מיר שפּירן זיך ווי פֿאָרטזעצער פֿון זייער אַרבעט,
און דאָס וואָס ער רופֿט „אומזיניגער פֿאַרברעכן" איז ביי אונז אין די
אויגן העלדישקייט. אָטדער געדאַנק איז געווען אויסגעדריקט אין
דעם פּראָטעסט, וואָס ער האָט אונז פֿאָרגעלייגט אונטערצושרייבן; מען האָט
גערעכנט איבערצוגעבן דאָס סאָלאָוויאָוון אין נאָמען פֿון דער סטודענטשאַפֿט.

איינריידן אונז האָט מען ניט געדאַרפֿט. מיר האָבן מיט פֿרייד
איינגעשטימט אויף דעם פּלאַן, וואָס זיי האָבן אונז פֿאָרגעלייגט.

ווען אונזערע געסט זיינען אַוועק, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז
דעם רויטליכן רעדנער רופֿט מען פּ. ב. סטרובע, אַז ער רעכנט זיך
פֿאַר איינעם פֿון די געבילדעטסטע און אָנגעלייענטסטע סטודענטן (ער
איז געווען אויפֿן צווייטן צי אויפֿן דריטן קורס פֿון יוריסטישן פֿאַקולטעט)
און אַז דערהויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין דעם פּראַקטישן
סעמינאַר, וואָס דער פּריוואַטדאָצענט פֿאַר מלוכה־רעכט סוועשניקאָוו
האָט אָרגאַניזירט. זיין באַלייטער מיט דער צונטער-רויטער באָרד איז
געווען דער איצטיגער פּעדאַגאָג ווְלי. אַלי. גערד.

אויסגעלאָזן האָט זיך אונזער מאַניפֿעסטאַציע קאָמיש. סטרובע
האָט דערפֿירט די זאַך ביזן סוף; ער האָט געפּועלט ביי אַלע סטו־
דענטישע קרייזלעך, זיי זאָלן צושטיין צום פּראָטעסט, און ער איז אַוועק
צוזאַמען מיט אַ דעלעגאַציע צו וול. סאָלאָוויאָוון אויף איבערצולייענען
אים דעם באַריכט. ווי פֿאַרחידושט זיינען זיי געוואָרן, ווען דער
פֿילאָסאָף האָט זיי געזאָגט, אַז דער פּראָטעסט נעמט זיך פֿון אַן אומ־
פֿאַרשטייעניש, ווייל ריידנדיג וועגן די „אומזיניגע פֿאַרברעכנס", וואָס
די געזעלשאַפֿט האָט זיי מיט צעהן יאָר צוריק געפּאַטשט בראַוואָ, האָט
ער גאָר געמיינט ניט די טעראָריסטישע אַקטן, נאָר די פּאָגראָמען
קעגן יידן פֿון 1881 — 82. ער האַלט, אַז דער הונגער איז אַ שטראָף
פֿאַר דער רוסלענדער ווילדקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די
פּאָגראָמען, וואָרים ער נעמט זיך פֿון דער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט
פֿונם רוסישן דאָרף. נאָך דער דאָזיגער ערקלערונג האָט מען געמוזט
נעמען צוריק דעם פּראָטעסט, בעטן אַנטשולדיגונג און ערקלערן, אַז
„דער אינצידענט איז אויסגעשעפּט".

דערווייל האט זיך אין אונזער קרייזל אָנגעהויבן אַ שטורעמדיג
לעבן. וועגן אַרבעטן סיסטעמאַטיש איז גאָר קיין רייד ניט געווען.

אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן מיר לייענען און אַרומריידן אומלעגאַלע אָדער קאָנפֿיסקירטע אויסגאַבן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן צו אונז אין די הענט. אויף וויפֿיל איך געדענק, איז אויף די פֿאַרזאַמלונגען געווען אַ רעכטער כאַאָס.

אין אוניווערסיטעט האָט מען גענומען שטאַרק ריידן וועגן דעם אומגעוואוינטליכן רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, מיט וועלכן מיר, סטודענטן פֿון ערשטן קורס, זײַנען צוגעטראָטן צו גרינדן אונזער קרייזל. יענע גרופּע פֿון עלטערע סטודענטן, וואָס איר פֿאָרשטייער איז געווען נ. די סאָקאָלאָוו, האָט באַשלאָסן באַזונדערס אַכטונג געבן אויף אונז. און ווײַל אין דער דאָזיגער גרופּע האָבן זיך שוין גענוג בולט אָפּגעצייכנט צוויי ריכטונגען: די טראַדיציאָנעל-״נאַראָדאָוואָלישע״ און די מאַרקסיס־טישע, איז געבליבן בהסכם, אַז מען זאָל אונז פֿאַרבינדן סײַ מיט די, סײַ מיט יענע. פֿון די מאַרקסיסטן האָט מען אונז צוגעשיקט פֿאַר אַ ״רבין״ דמיטרי וולאַדימיראָוויטש סטראַנדענען, וואָס האָט אָקאָרשט געהאַט געענדיגט דעם אוניווערסיטעט; ער האָט זיך באַקענט מיט סטאַווסקין און מיט מיר און געבעטן אַרײַנגיין צו אים. צו די נאַראָ־דאָוואָליש-געשטימטע ״עלטערע״ ווידער האָט מיך אַרײַנגעפֿירט נ. די סאָקאָלאָוו; ער האָט מיך איינמאָל פֿאַרבעטן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג, וואו מען האָט געדאַרפֿט לייענען אַן אינטערעסאַנטן רעפֿעראַט וועגן פֿילאָסאָפֿיע.

די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אויף דער קוואַרטיר פֿונם פֿאַר־שטאָרבענעם נ. וו. וואָדאָוואָזאָוון, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע השפּעה צווישן דער אוניווערסיטעטישער יוגנט פֿון יענער צײַט. דעם רעפֿעראַט האָט געלייענט אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש פֿעדולאָוו, אַ נאַטורוויסנ־שאַפֿטלער, וואָס האָט ניט לאַנג געהאַט געענדיגט דעם אוניווערסיטעט. זײַן פּנים מיטן הויכן שטערן, מיט די קלאָרע בלויע אויגן און מיט דער ברייטער בלאָנדער באָרד האָבן געמאַכט אויף מיר אַ גרויסן אײַנדרוק. איך האָב דערשפּירט אין אים אַן אמתן רעוואָלוציאָנערן פֿירער (לויט דער מאָס פֿון יענער צייט). פֿעדולאָוו האָט טאַקע באמת געשפּילט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פֿון אָנהייב 90־ער יאָרן די ראָליע פֿון אַן אידעאישן און פּאָליטישן פֿירער. ער איז דאָס געווען איינער פֿון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פֿון יענער ״גרופּע נאַראָדאָוואָלצעס״, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען נאָך דער אין 1890 ״ליקווידירטער״ אָרגאַניזאַציע פֿון קאָטשאַראָווסקי-סאַבונאַיעוו; די ״גרופּע״ איז דערנאָך, פֿון 1892—1896.

געווען דער אַקטיווסטער רעוואָלוציאָנערער צענטר· די פּאָליטישע טעטיגקייט פֿון אַ· אַ· פּעדולאָוון האָט זיך פֿרי איבערגעריסן: נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפֿן קיין פּאַריז (1896), איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער פּסיכישער קרענק, און אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער פּשוט וועגעטירט, אויסער יעטווידער באַוואוסטזיניגן לעבן·

אין דעם רעפֿעראַט, וואָס פּעדולאָוו האָט געלייענט אויף יענער פֿאַרזאַמלונג, האָט ער געמאָלט דירינגס, אַווענאַריוסעס און רילס אַזוי גערופֿענע „קריטישע פֿילאָסאָפֿיע‟, וואָס ווי לעסעוויטש האָט יעמאָלט פּראָפּאַגאַנדירט אין דער פּרעסע; די דאָזיגע סיסטעם האָט געהאַט דעם מיטגעפֿיל פֿון פּ· לאַווראָוון און פֿון נ· ק· מיכאַילאָווסקי· איך בין דאַן נאָך געווען שוואַך צוגעגרייט צו פֿאַרשטיין אַזאַ מין רעפֿעראַט· איך געדענק, אַז צום סוף פֿון זײַן רעפֿעראַט, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט ציטאַטעס, האָט זיך דעם רעפֿערענט אײַנגעגעבן אַריבערצעוואַרפֿן אַ בריק פֿון די טרוקענע פֿראַגן פֿון דערקענטעניש־טעאָריע צו דער ווירקליכקײַט, און ער האט גערעדט וועגן דער מיגליכקייט, וועגן דעם רעכט און וועגן דער פֿליכט פֿונם באַוואוסטזיניגן יחיד צו „דערוועגן זיך‟ ארייַנצומישן זיך אין די סאָציאַלע באַציהונגען· געענדיגט האָט זיך דער פֿאָרטראָג מיט אַ צורוף צו אַ באַהאַרצטן קאַמף פֿון דער רעוואָלוציאָנערער מינדערהייט·

צווישן די פֿיל אײַנטיילנעמער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג דערמאָנט זיך מיר די פֿיגור פֿון מ· פּ· מיקלאַשעווסקין (נעוועדאָמסקי), וואָס איז דאַן נאָך געווען אַ סטודענט, הגם ער האָט שוין געהאַט געענדיגט איין פֿאַקולטעט; ווייטער געדענק איך זיין יעמאָלטיגן גוטן־פֿרײַנט מיאַכקאָווי, אַ סטודענט פֿון בערג-איסטיטוט, וואָס איז געווען מיכאַילאָווסקיס אַ פּלימעניק· דוכט זיך, איך האָב דאָרט געזעהן ווי א· אַגאַפּאָנאָוון· נאָך געדענק איך, אַז אויף דער פֿאַרזאַמלונג איז געווען פּ· ב· סטרובע·

פֿאַרן רעפֿעראַט האָט מיך נ· ווי· וואָדאָוואָזאָוו בײַ זיך אין קאַבינעט אַ ביסל „פֿאַרהערט‟ אָדער, וואָס מען רופֿט, אויסגעפֿאָרשט; ער האָט דורך אַן אומגעצוואונגענעם שמועס געוואָלט קלאָר מאַכן פֿאַר זיך מיין פֿיזיאָנאָמיע· דוכט זיך, דער עקזאַמען איז געגאנגען שוואַכליך, ווייל ביי דער ערשטער באַקענטשאַפֿט האָב איך זיך נאָך אַלץ געשראָקן· יעדנפאַלס געדענק איך, אז איך האָב זיך בעת דער סצענע געפֿילט ניט גוט· אַ מאָדנע זאַך, ווי לאַנג דער זכרון היט אָפּ דעם געפיל פון

אַזעלכע סצענעס׳ וואו מען באַגיסט זיך מיט שווייס׳ פֿאַרשטייענדיג׳ אַז מען פֿירט זיך פשוט מעשה־נאַר׳

פֿונדעסטוועגן האָט וואָדאָוואָזאָווס יונג׳ קרענקליך פנים (ער האָט שוין דאַן געליטן פֿון טובערקולאָז׳ וואָס האָט אים אינגיכן אַריינגע־בראַכט אין קבר) געמאַכט אויף מיר זער אַ סימפּאַטישן איינדרוק׳ און איך האָב מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען זיין איינלאַדונג אַריינצוגיין צו אים׳

דאָס זײַנען געווען די „אַלטע״ סטודענטן; פֿאַראיינס האָבן אויף אונז גענומען אַכטונג געבן די יינגערע סטודענטן׳ וואָס האָבן זיך מיט אַ יאָר פריער פֿאַראייניגט אין אַ קרייזל׳ צווישן די נאַטורוויסנ־שאַפֿטלער זײַנען געווען עטליכע אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס׳ אָט אין איין גרופּע אַזאַ האָבן די מיטגלידער פֿאַרקלערט אַ פֿאַראייניגונג פֿון די קרייז־לעך אויף אַ מין פּאָליטישן באָדן׳

איינמאָל איז געקומען צו גיין אויף אַ זיצונג פֿון אונזער קרייזל דער סטודענט פֿון צווייטן קורס קאָמאַראָוו מיטן פרייען צוהערער מיכאַילאָוו און׳ דוכט זיך׳ נאָך מיט עמיצן׳ און האָט אונז גענומען דערציילן אַ גענוג מטושטשן פּלאַן וועגן פֿאַראייניגן אַ גאַנצע ריי קרייזלעך אין אַ מין פֿעדעראַציע׳ דעם אמתן ציל פֿון דער פֿאַראיי־ניגונג׳ וואָס די בײדע האָבן געהאַט אין זינען׳ האָט מען געקאָנט פֿאַרשטיין נאָר פֿון די אָנצוהערענישן; פֿון איין זייט האָבן זיי גערעדט נאָר וועגן אויסבייטן ביכער׳ וועגן לייענען אין פֿרעמדע קרייזלעך די מער אינטערעסאַנטע רעפֿעראַטן׳ און פֿון דער אַנדער זייט האָבן זיי געגעבן אָנצוהערעניש׳ אַז די „קאָרפּאָראַציע״ (דער נאָמען איז שפּעטער געבליבן פֿאַר דער געשאַפֿענער פֿאַראייניגונג) וועט האָבן אַ פּאָליטישן באַטייט׳

מיר זײַנען זעהר גערן געווען צו גיין אַנטקעגן די אַנדערע קרייזלעך׳ נאָר דאָ האָבן מיר געספּעקט׳ בפרט נאָך אַז ביידע געסט אונזערע האָבן געמאַכט אויף אונז ניט קיין אָנגענעמען אײַנדרוק׳ קאָמאַראָוו האָט זיך שוין עפּעס צו פֿיל געדרייט׳ ניט געוואָלט געבן קיין קלאָרן ענטפֿער אויף בפּירושע פֿראַגן׳ געפּרובט אונז אײַנריידן׳ אַז עס זײַנען פֿאַראַן מער ערנסטע אָרגאַניזאַציעס׳ מיט וועלכע ער איז פֿאַרבונדן — און אַגבֿ־אורחא אַ וואָרף געטאָן אַ וואָרט וועגן אַ מעכטי־גער פֿאַראייניגונג פֿון אַלע ראַדיקאַלע שיכטן פֿון דער סטודענטנשאַפֿט׳ ווען מיר האָבן אים געפֿרעגט׳ וואָסערע צילן׳ וואָס פֿאַר אַ פּראָגראַם וועט האָבן די דאָזיגע „קאָרפּאָראַציע״ האָט ער אונז געענטפֿערט׳ אַז

קיין שום פּאָזיטיווע פּאָליטישע צילן וועט מען זיך ניט שטעלן; און מיט אַן אומגעלומפּערטן דריי (גלייך ער וואָלט האָבן פאַר זיך מענטשן, וואָס ציטערן סתם פאַר פּאָליטיק), האָט ער גענומען אונז איַינשמועסן, אַז דאָ גייט נאָר וועגן פּאַראייניגן די סטודענטנשאַפט לשם זעלבסט-אַנטוויקלונג. מיר ווידער (אָדער ריכטיגער, עטליכע פון אונז) האָבן מורא געהאַט ניט סתם פאַר "פּאָליטיק", נאָר פאַר אַוואַנטוריסטישע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען; מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מען זאָל אונז ניט מאַכן, אָהן אונזער וויסן, פאַר אַ געציַיג פון וועלכע עס איז פּאָלי־טישע פּלענער, וואָס זיַינען אונז ניט צום האַרצן. ספּעציעל זיַינען אַ פּאָר פון אונז, איבערהויפּט גאָלאָווין, געווען אין יענער ציַיט געשטימט דורכויס אַנטי־טעראָריסטיש, און מיר האָבן חושד געווען (שפּעטער האט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער חשד איז געווען אינגאַנצן איבעריג), אַז מען וויל אונז צושטופּקעווען צו עפּעס אַ גרופּע, וואָס שטעלט זיך טעראָריס־טישע צילן.

דווקא גאָלאָווין האט גענומען אויף זיך די אטאַקע קעגן קאָמאַראָווון און מיכאַילאָוון, פּאָדערנדיג אין אַ גענוג גראָבער פאָרם, אַז זיי זאָלן זיך ניט שפּילן אין באַהעלטעניש און אויפדעקן אַלע קאָרטן. קאָמאַראָווס שטייגער ריידן מיט אונז — זיַין גאַווה, זיַין ברייטקייט און זיין דרייען — האָבן געגעבן גאָלאָווינען אַ געלעגנהייט צוצוגלייכן אים צו פּיאָטר ווערכאָווענסקין פון "ביעסי" און אונז אַלעמען האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז דאָס איז זעהר אַ פּאַסיגער משל.

קאָמאַראָווס חבר, מיכאַילאָוו, האָט געמאַכט אויף אונז נאָך אַן ערגערן רושם; זיינע גראָבע גענג און זיין עם־הארצות אין די עלע־מענטאַרסטע פראַגן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן באַלד אויפן אָרט — דאָס אַלץ האָט אונז אָפּגעשטויסן. זיַין ניט איבעריגס סימפּאַטישער פּנים מיט די שעפּסענע אויגן און זיַינע קליינבירגערליכע מאַנירן האָבן אַרויסגערופן ביי אונז אַ שנאה, און מיר האָבן באַלד נאָכן ערשטן וויזיט גענומען ריידן, אַז דאָס איז פּשוט אַ "חשודע פּערזענליכקייט". די איראָניע פונם מזל האָט געוואָלט, אַז מיכאַילאָוו זאָל זיך אַרומדרייען אין די פּעטערבורגער קרייזלעך נאָך צוויי יאָר, איידער ער האָט פאַר־דינט דעם נאָמען, וואָס מיר האָבן אים דאָ געגעבן. ער איז טאַקע אין צוויי יאָר אַרום געוואָרן אַן אַגענט פון דער פּעטערבורגער אָכראַנע און האָט זיך שפּעטער "אַנטוויקלט" — געוואָרן איינער פון די געפער־ליכסטע פּראָוואָקאַטאָרן. געענדיגט האָט זיך זיַין פּראָוואָקאַטאָרישע

קאַריערע אויף אַ טראַגישן אופֿן: ער איז אין 1905 געהרגעט געוואָרן אין סעוואַסטאָפּאָל.

צוליב דעם וואָס די ביידע האָבן אויף אונז געמאַכט אַזאַ איינדרוק, האָט אונזער קרייזל זיך אין אָנהייב אָפּגעזאָגט צוצושטיין צו דער „קאָרפּאָראַציע“. נאָר קאָמאַראָוו און מיכאַילאָוו זײַנען געקומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל; האָבן מיר באַשלאָסן אַ קוק צו טאָן, וואָס עס וועט ווערן פון זייער פּרוּב צו פֿאַראייניקן די סטודענטן, און מיר האָבן צוגעזאָגט צוצושיקן אַ פּאָר פֿאָרשטייער אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון דעלעגאַטן פֿון פֿיר קרייזלעך, וואו די אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפֿט געגרינדעט ווערן. דאָרט אויף דער פֿאַרזאַמלונג איז געבליבן, אַז אַלע וואָך זאָלן זיך צונויפֿקומען די פֿאָרשטייער פֿון די קרייזלעך און אויסבייטן די ערפֿאַרונג פֿון די קרייזלעך, אַוועקשטעלן די פֿראַגן, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אין די איינצלנע קרייזלעך אינטערעסאַנטע דעבאַטן, א. ד. ג.

קיין שום פּאָליטישע אויפֿגאַבן האָט זיך די „קאָרפּאָראַציע“ ניט געשטעלט. און זי איז אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן נאָך אין אַ נייעם דיסקוסיע־קרייזל מיט אַ פֿליסיקן באַשטאַנד, וואָרום גאָלאָווין און אַנדערע מענטשן מיט גרויסע חשדים האָבן ניט אַנדערש געפֿאָדערט, אַז אויף יעדן באַגעגעניש זאָלן גיין אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון די קרייזלעך. אין אַזאַ מין אומשולדיקער פֿאָרם האָט די קאָרפּאָראַציע עקזיסטירט עטליכע חדשים און האָט געגעבן אַ מיגליכקייט צו באַקענען זיך מיט אַסך חברים. נאָר ניט געקוקט אויף דער גאַנצער אומשולדיקייט אירער, האָט זיך די זשאַנדאַרמעריע אין דריטהאַלבן יאָר אַרום פֿאַראינטערעסירט מיט דער אָרגאַניזאַציע, און קעגן די אַלע עטליכע צעהנדליק סטודענטן, וואָס האָבן אין איר אײַנטייל גענומען, איז פֿאַרפֿירט געוואָרן אַן אויספֿאָרשונג. דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען אַסך פֿון זיי, און פֿריער פֿאַר אַלץ דער אויפֿטוער אליין, קאָמאַראָוו, זײַנען שוין אינגאַנצן אַוועק פֿון „פּאָליטיקע“ און זײַנען געוואָרן אמת־„באַלעבאַטישע“ סטודענטן.

אין דערזעלביקער צײַט איז אונזער קרייזל צוגעשטאַנען צו דער אַלגעמיין־סטודענטישער קאַסע, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט געגנזײַטיקער הילף; אין יענער צײַט איז דאָס געווען מי יודע וואָס פֿאַר אַ חטא, און מען האָט דאָס שטרענג פֿאַרפֿאָלגט. מיך האָט מען אַסך מאָל געשיקט פֿאַר אַ דעלעגאַט אויף די זיצונגען פֿון דער קאַסע, און דאָרט

האָב איך זיך באַקענט מיט ווי. אַ. גערדן און זײַן ברודער אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס איז שפּעטער געשטאָרבן פֿון שווינדזוכט, ווײַטער מיט מיקלאַשעווסקין, מיטן פּירשט ווי. אַ. אָבאָלענסקי, וואָס איז איין צײַט געווען אַ סאָציאַלדעמאָקראַט און דערנאָך געוואָרן אַ חשובער טוער פֿון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע“ און פֿון דער קאַדעטישער פּאַרטיי (ער איז געווען אַ דעפּוטאַט פֿון דער ערשטער דומע און האָט אונטערגעשריבן דעם וויבאָרגער אויפֿרוף) און מ'ט נאָך עטליכע פּער־זאָנען, וואָס האָבן געשפּילט שפּעטער אַ ראָליע אין געזעלשאַפֿטליכן לעבן.

דוכט זיך, אין יענער צײַט האָט די סטודענטישע קאַסע געמאַכט דעם ערשטן פּרוב צו שאַפֿן אַן אַלגעמיינע ביבליאָטעק אויף צו באַ־דינען אַלע סטודענטישע קרייזלעך. אין דער קאָמיסיע אויף צונויפֿצו־שטעלן דעם קאַטאַלאָג פֿון יענע ביכער, וואָס מען האָט געדאַרפֿט איינ־קויפֿן, בין איך אויך אויסגעקליבן געוואָרן, צוזאַמען מיט די. וו סטראַנדענען און אַ. נ. פּאָטרעסאָוון; דער לעצטער האָט יעמאָלט גע־האַט געענדיגט דעם נאַטורוויסנשאַפֿטליכן פֿאַקולטעט און איז אָנגעקומען אויפֿן יוריסטישן. פּאָטרעסאָוו האָט באַלד פֿון דער ערשטער מינוט געמאַכט אויף מיר יענעם סימפּאַטישן איינדרוק, וואָס פֿלעגט שפּעטער אויך שטענדיג צוציהען צו אים אַלעמען, וואָס פֿלעגן זיך באַגעגענען מיט אים אין דער געזעלשאַפֿטליכער אַרבעט. איך האָב אָנגעהויבן טיילמאָל באַגעגענען זיך מיט אים אין אוניווערסיטעט, און לויט זײַן איינלאַדונג האָב איך אָנגעהויבן אַרײַנגיין צו אים אין שטוב. מײַנע געשפּרעכן מיט אים האָבן מיך אַרײַנגעפֿירט אין געזעלשאַפֿטליכן לעבן פֿון יענער צײַט, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין די זעמסקע און ליטעראַרישע קרייזן: פּאָטרעסאָוו איז דאָרט געווען אַן איינגייער.

פֿון די אַלע באַקענטשאַפֿטן איז די באַקענטשאַפֿט מיט סטראַנדענען געווען פֿאַר מיר דאָס וויכטיגסטע געשעהעניש.

ער איז געווען אַ פּלימעניק פֿון יענעם סטראַנדענען, וואָס איז באַוואוסט פֿונם ענין־קאַראַקאָזאָוו; ער איז אויפֿגעוואַקסן אין דער שווייץ אין דעם רוסישן פּאַנסיאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן באַוואוסטן עמיגראַנט פֿון די זעכציגער יאָרן, ווי. זאַיצעוו. אין אָנהייב פֿון די 90־ער יאָרן איז ער געווען איינער פֿון די ווייניגע פּעטערבור־גער רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך אָנערקענט אָהן טענות־ומענות פֿאַר סאָציאַלדעמאָקראַטן. אין עטליכע חדשים אַרום נאָכדעם ווי איך האָב

זיך מיט אים באַקענט, איז ער אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַרבעטער און פֿאַרשיקט געוואָרן קיין מזרח־סיביר. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דאָרט, האָט ער זיך שוין ניט גענומען צוריק צו פּאָליטישער טעטיגקייט: ער האָט איינגעטיילגענומען, דוכט זיך, אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און זיך אַריינגעטאָן אין מיסטיציזם. דוכט זיך, איין צייט איז ער געווען אַ רעדאַקטאָר פֿונם אָרגאַן פֿון די רוסישע טעאָסאָפֿן.

בנוגע צו מיר האָט סטראַנדען גערעכנט פֿאַר זיין פֿליכט צו פּועלן ביי דעם רעוואָלוציאָנער־געשטימטן בחור, ער זאָל וואָס ווינציגער לויפֿן איבער די קרייזלעך, וואָס ווינציגער רייסן זיך צו "פּראַקטישער" אַרבעט און פֿאַרנעמען זיך מיט אויסאַרבעטן אַ סאָלידע טעאָרעטישע וועלטבאַנעמונג. ער האָט מיר אויפֿגעוויזן, אַז פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער אַרבעט אין פּראָלעטאַריאַט דאַרף מען האָבן גרונטיקע קענטענישן, און באַקומען דאָס קאָן מען ניט פֿון אומלעגאַלע בראָשורעלעך, נאָך וועלכע איך האָב יעמאָלט געגנישטערט, נאָר פֿון וויסנשאַפֿטליכע אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, קולטורגעשיכטע א. ד. ג. מיטן שכל האָב איך באַנומען, אַז ער איז גערעכט, נאָר דאָס האַרץ האָט געצויגן אין אַן אַנדער זייט, און אָנלייענדיק פֿון אומעטום ערנסטע ביכער, האָב איך זיך פֿונדעסטוועגן געקוויקט מיט אומלעגאַלע בראָשורן, מיט פֿאַרשיידענע ביכלעך וועגן דער געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און מיט אַרטיקלען פֿון די פּראָגרעסיווע פּובליציסטן פֿון די 70־ער יאָרן. פֿאַראיינס האָב איך ניט פֿאַרפֿעלט קיין איין רעפֿעראַט אין פֿאַרשיידענע קרייזלעך, וואו מען האָט גערעדט וועגן די אָדער יענער טאָגפֿראַגן.

און אַ טאָגפֿראַגע איז יעמאָלט געוואָרן אַלץ מער יענער גראַנדיעזער הונגער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גרעסטן טייל פֿונם אַגראַרישן רוסלאַנד און אויפֿגערודערט די פֿאַרשלאָפֿענע אינטעליגענץ. צוויי גרויסע ריכטונגען זיינען אויפֿגעקומען אין איין צייט. איינע, איבערהויפּט די יונגע, האָבן אַ געשריי געטאָן: "אין דאָרף אַריין!" הונדערטער יונגעלייט און מיידלעך האָבן איבערגעריסן זייער לערנען און זיינען אַוועק אין דאָרף, אויף זעמסקע שטעלעס, כּדי צו העלפֿן אָרגאַניזירן די סאַניטאַרע און שפּייז־הילף פֿאַר די הונגעריקע פּויערים. צווישן דער מאַסע זיינען געווען היפּש מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען אין דאָרף מיט אַן אומבאַשטימטער האָפֿענונג, אַז דער פֿאַרהונגערטער

פּויער וועט נעמען „בונטעווען" און זיי האָבן אומבאַשטימט געהאָפֿט, אַז זיי וועלן אײַנטייל נעמען אין אַזאַ מין אויפֿשטאַנד. איינציגע קרייזלעך פֿונם עלטערן דור „נאַראָדניקעס" האָבן געפּרובט אַרײַנטראָגן אין דער באַוועגונג אַ געוויסע פּלאַנמעסיגקייט: מען האָט געגעבן די אַוועקפֿאָרנדיגע אַ ביסל לעגאַלע ליטעראַטור און אַנקעטעבויגנס, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל קלאָר צו מאַכן די מאַס פֿון רעוואָלוציאָנערקייט אין פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָסערע סאָציאַלע פֿאַרלאַנגען די פּויערים האָבן א. אַזוי ווי.

אַן אַנדער טייל פֿון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ האָט זיך לכתּחילה באַצויגן סקעפּטיש צום געדאַנק, אַז מען קאָן אונטער אַלעקסאַנדער III. ממשלה פֿיל ווייניג אָרגאַניזירן הילף פֿאַר די הונגעריגע. די דאָזיגע עלעמענטן האָבן געזעהן אינם הונגער קודם־כּל אַ סימן, אַז דער רעזשים איז באַנקראָט, און זיי זײַנען אינגאַנצן פֿול געווען פֿונם געדאַנק אויפֿצולעבן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אויף אַ גרויסער מדרגה. אין די קרייזן איז אָפֿטמאָל אויסגעקומען צו הערן, אַז פֿון געזעלשאַפֿטליכן שטאַנדפּונקט איז גאָר שעדליך וויפֿיל ניט איז צו העלפֿן דער רעגירונג שפּײַזן די הונגעריגע, וואָרים אויף אַזאַ אופֿן באַרוהיגט מען זיי, אינדערצײַט ווען דער הונגער — האָט מען גערעכנט — וואָלט זיי סוף־כּל־סוף געטריבן צו אַ פּראָטעסט.

איך מוז צו דעם צוגעבן, אַז בײַ אַזעלכע דערקלערונגען איז מיר קיין איין מאָל ניט אויסגעקומען צו הערן, אַז מען זאָל אַרויסטרעטן קעגן הילף פֿאַר די הונגעריגע פֿונם ספּעציעל־מ אַ ר ק ס י ס ט י ש ן שטאַנדפּונקט — אַז מען טאָר ניט, „ווײַל העלפֿן די פּויערים הייסט פֿאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פֿון זייער פּראָלעטאַריזירונג". שפּעטער האָט מען אין דער ליטעראַטור זעהר אָפֿט געשריבן, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג. ס'איז זעהר מיגליך, אַז ערגעץ־וואו אין די קרייזלעך האָט עמיצער אַרויסגעזאָגט אַזעלכע מיינונגען אויך. פֿאַרקערט, טענות קעגן יענעם „גאַנג אין דאָרף" איז מיר אויסגעקומען צו הערן מצד דער יוגנט, וואָס איז געווען געשטימט נאַראָדניש, מיט סימפּאַטיעס צו אַ „בונט" אָדער נאַראָדאָוואָליש. דאָס זיינען געווען אַבסטראַקטע ראַדיקאַלן, אָהן שום פּשרות, און אין נאָמען פֿון די רעוואָלוציאָנערע אויפֿגאַבן האָבן זיי אָפּגעוואָרפֿן יעטווידער טעטיגקייט, וואָס נעמט זיך פֿון ריין־מענטשליכע געפֿילן, אָדער, ווי זיי האָבן דאָס גערופֿן מיט ביטול, „פֿילאַנטראָפּיע". זיי זײַנען גרייט געווען אָנצונעמען

דעם כּלל: „וואָס ערגער, אַלץ בעסער“. דאָס איז געווען אַ רעאַקציע קעגן דעם ריינעם „קולטוריזם“ און דער אידעאָלאָגיע פֿון „קליינע אויפֿטוען“, וואָס האָבן געהערשט אַזוי לאַנג אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די 80־ער יאָרן; די פּאָפּולערסטע פּובליציסטן פֿון דער עפּאָכע, נ. ק. מיכאַילאָווסקי און שעלגונאָוו, האָבן אויך מלחמה געהאַלטן מיט דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע. נאָר שפּעטער, ווען די היץ פֿונם פּאַרטייאישן קאַמף האָט געהייסן אָנריידן אויף די מאַרקסיסטן וואָס אין דער קאָרט שטייט, האָבן די נאַראָדניקעס אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די מאַרקסיסטן, אַז דווקא זיי האָבן דאָס אינגאַנצן געלייקנט די נייטיקייט פֿון הילף פֿאַר די הונגעריגע פּויערים.

פֿאַראיינס האָט דער הונגער דערוועקט אַ לעבעדיגן אינטערעס צו סאָציאַל־עקאָנאָמישע פֿראַגן בכלל און ספּעציעל צו דער פֿראַגע וועגן דער צוקונפֿט פֿונם רוסישן דאָרף. די גאַנצע פּראָגרעסיווע ליטעראַטור („רוסקאַיאַ מיסל“, „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי“, „וויעסטניק יעוראָפּי“, „סעווערני וועסטניק“, „נעדעליאַ“ און „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“) האָבן נאָך אַלץ איבערגעקייַט דעם מישמאַש, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן אין די 80־ער יאָרן פֿון ברעקלעך פֿון דער נאַראָדנישער און ליבעראַלער אידעאָלאָגיע. זיי האָבן גערעדט נאָר וועגן דער פֿאַברעכערישער פּאָליטיק פֿון דער צאַרישער דיפּלאָמאַטיע און וועגן די מניעות, וואָס מען מאַכט אָן דער „געזעלשאַפֿט“ בעת זי וויל העלפֿן דעם הונגעריגן פּויערטום.

אָבער אין דערזעלביגער צייַט איז די רעוואָלוציאָנערע יוגנט דורך דער מאוימדיגער פֿאָלקס־קאַטאַסטראָפֿע אַוועקגעשטעלט געוואָרן פֿאַר דער פֿראַגע: וואָס וועט ווערן פֿון פּויערטום, וואָס האַלט בפֿירוש אין דעגענערירט ווערן און וואָס איז בפֿירוש אומפֿעהיג צו העלפֿן זיך קעגן דעם סטיכישן אומגליק. פֿונדאָסנייַ האָבן אויפֿגעפֿלאַקערט אין אַלע ווינקעלעך פֿונם ראַדיקאַלן וועלטל די וויכּוחים וועגן דער צוקונפֿט פֿון דער דאָרפֿישער „אָבשטשינע“ און וועגן דעם רוסישן קאַפּיטאַליזם, וואָס זיי האָבן געטליעט אין די קרייזלעך אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די אַכציגער יאָרן. איך האָב זיך באַגעגנט מיט די דאָזיגע פֿראַגן אויך אויף פֿאַרזאַמלונגען, וואָס פֿלעגן אייַנגעאָרדנט ווערן פֿון צייַט צו צייַט בייַ די טוגאַן־באַראַנאָווסקיס אין דירה (אויף פּאַנטעליימאָנסקע גאַס) און וואָס זייַנען געווען גענוג גרויס פֿאַר יענע יאָרן*). דאָרט

*) מ. אי. טוגאַן־באַראַנאָווסקי האָט זיך יעמאָלט ניט לאַנג געהאַט אומגעקערט קיין פּעטערבורג, פֿון וואַנען ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין 1887 פֿאַר באַטייליגן זיך אין דער דאָבראָלו־

פֿלעגן אַרויסטרעטן, לויט ווי איך געדענק, ק. אַ. אַראַבאַזשין, מ. אי. טוגאַן־באַראַנאָווסקי אַליין, מיקלאַשעווסקי, דער סטודענט זאָטאָוו (אַ נאַראָדאָוואָלעץ; זײַן ברודער, ב. ל. זאָטאָוו, איז אין 1889 געטייט געוואָרן לויט אַ פּסק־דין פֿון געריכט פֿאַר באטייליגן זיך אינם ענין־יאַקוטסק, ער אַליין איז געשטאָרבן אין 1894 אין אַ פּעטערבורגער טורמע, אין דער "פּרעדוואַרילקע". ווײַטער אַ. ווענצקאָווסקי, וואָס איז איצט ניט לאַנג געווען אין מאָסקווע דער פֿאָרשטייער פֿון פּוילן, יעמאָלט איינער פֿון די עלטסטע פֿאָרשטייער פֿון דער פּעטערבורגער קרייזל־אינטעליגענץ *).

ווײַטער פֿלעגט מען כּסדר ריידן וועגן דער טעמע אין אונזער "קאָרפּאָראַציע" און אין אַנדערע קרייזלעך, וואוהין איינצלנע באַקענטע פֿלעגן מיך אַמאָל פֿאַרבעטן. אַזוי פֿלעג איך גיין, למשל, אין אַ קרייזל פֿון סטודענטן פֿון וועג־אינסטיטוט, וואָס פֿלעגט זיך אַמאָל אויפֿקלײַבן בײַם סטודענט לעשערן־פֿאָן־גערצפֿעלד, דעם פּלימעניק פֿון דער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנערקע פֿון די 90־ער יאָרן; אין אַ קרייזל פֿון סטודענטן פֿון צווייטן קורס, וואו דער הויפּט איז געווען יעווגעני פּעטראָוויטש ראַדין, אַ מיטגליד פֿון אונזער קאָרפּאָראַציע, אַ בפֿירושער נאַראָדניק. געווען נאָך אַ קרייזל, אויך אַ נאַראָדנישער, פֿון סטודענטן פֿון די עלטערע קורסן; אינדערשפּיץ איז געשטאַנען וו. יענקאָ, און דאָרטן האָב איך באַגעגנט דעם איצט באַוואוסטן ס"רישן קאָאָפּעראטאָר אַ. אַ. ניקאָלאַיעוו, דעם אַדוואָקאַט פּערעווערזעוו, וואָס איז ניט לאַנג געווען יוסטיץ־מיניסטער, באַלאַווינסקין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ גאַנץ באַוואוסטער אַדוואָקאַט א. אַז. וו.

מען קאָן זאָגן, אַז אויב ניט דער בפֿירושער טאָנגעבער, נאָר דער חשובסטער שרײַבער איז געווען אין די דאָזיגע קרייזלעך וו. פּ.

באָוושער "מאַניפֿעסטאַציע"; ער האָט זיך יעמאָלט נאָך ניט גערעכנט אָפֿיציעל פֿאַר אַ מאַרקסיסט, הגם אין זײַנע אַרגומענטן האָבן זיך שוין געהערט אַמאָל מאַרקסיסטישע טענער.

*) ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, האָט ווענצקאָווסקי נאָך אין 1878 אײַנטיילגענומען אין רעדאַקטירן דעם ערשטן אומלעגאַלן אָרגאַן, וואָס איז פּעריאָדיש ארויסגעגאַנגען אין רוסלאַנד ("נאַטשאַלאָ"); דאָרט איז, אַגב, מיכאַילאָווסקי אויך געווען אַ מיטאַרבעטער. אין דער צײַט, וואָס איך באַשרײַב, איז ווענצקאָווסקי געווען פֿאַרבונדן מיט די קרײַזן פֿון די רוסישע נאַראָדאָוואָלצעס און פֿאַראיינס מיט יענע פּוילישע ראַדיקאַלע גרופּעס, וואָס האָבן שפּעטער געגרינדעט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

וואָראָנצאָוו (ווי וו׳) דער מחבר פֿון דעם ווערק: „דער גורל פֿון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד״. וועגן אים האָט מען גערעדט מער ווי אַלץ. ווי וואָראָנצאָוו האָט מיט היץ פֿאַרטיידיגט דעם געדאַנק, אַז דער רוסלענדער קאַפּיטאַליזם איז פֿאַרפֿוילט, אַז ער וועט אָנמאַכן אין דער רוסלענדער ווירטשאַפֿט נאָר אַ דעזאָרגאַניזאַציע און אַ חורבן. וואָראָנצאָווס עטיודן פֿלעגט מען לייענען און טײַטשן אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די קרייזלעך.

אַלס קריטיקער פֿלעגן אַרויסטרעטן איבערהויפּט ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטן, נאָר, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען אין פֿלוג, אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט צוריק אויפֿהייבן אין רוסלאַנד די פֿאָן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. זיי האָבן אויפֿגעוויזן, אַז וואָראָנצאָווס נאַראָדנישער אָפּטימיזם, וואָס זאָגט נביאות, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט קיין שום קראַפֿט ניט האָבן, ווערט אָפּגעלייקנט דורך די פֿאַקטן. די פֿאַקטן באַווײַזן — אַזוי האָבן זיי געזאָגט — פּונקט פֿאַרקערט, אַז צוביסלעך צעשטערט דער קאַפּיטאַליזם דעם בוי פֿון דער „אָבשטשינע״ און פֿאַרכאַפּט די ממשלה אין לאַנד. דערפֿון האָבן די נאַראָדאָוואָלצעס געדרונגען, אַז מען דאַרף גיכער אַראָפּוואַרפֿן די זעלבסטהערשונג, ווײַל אויב מען זאָל וואַרטן, וועט דער קאַפּיטאַליזם אונטערן שוץ פֿון אַבסאָלוטיזם אויסוואַקסן אַזוי שטאַרק, אַז מען וועט אים שוין ניט קאָנען בײַקומען.

קיין ריין־מאַרקסיסטישע קריטיק קעגן דער נאַראָדנישער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט באַהערשט די מוחות, איז מיר אין די קרייזלעך ניט אויסגעקומען צו הערן; הגם מען פֿלעגט אָפֿט ברענגען איינצלנע מאַרקסיסטישע ראיות סײַ בנוגע דער סאָציאָלאָגישער באַגרינדונג, סײַ בײַ דער קריטיק פֿון דעם נאַראָדנישן „אַתּה־בחרתּנו״־שטאַנדפּונקט פֿאַר רוסלאַנד. אַלס אַ פּאָליטישע אַקציאָנס־פּראָגראַם האָט מען דעם מאַרקסיזם צום סוף 1891 אין פּעטערבורג ניט געקענט, אָדער ריכטיגער, מען האָט אים געקענט נאָר פֿון פֿלעכאַנאָווס עטליכע בראָשורן. ד. וו. סטראַנדען האָט שמועסנדיג מיט מיר נאָר געוואָלט פּועלן בײַ מיר, אַז מען דאַרף זיך אויסאַרבעטן אַ שלמותדיגע סאָציאָלאָגישע וועלטבאַנעמונג, און ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט דעם מאַטעריאַליסטישן פֿאַרשטאַנד פֿון דער געשיכטע; נאָר ער האָט אַפּנים געהאַלטן, אַז ס׳איז נאָך צו פֿרי אַרײַנצופֿירן מיך אין די פּראָגראַם־פּרטים פֿון יענעם קרייזל, צו וועלכן ער האָט באַלאַנגט. אַ. נ. פּאָטרעסאָוו איז יעמאָלט נאָך געשטאַנען אויפֿן

שיידוועג, און אויף וויפֿיל איך געדענק, האָט ער זיך נאָר געהאַט קלאָר געמאַכט, אַז ער נעמט ניט אָן די טעאָרעטישע יסודות פֿון דער נאַראָד־נישער לערע; אין פּרט פֿון געזעלשאַפֿטליכע אויפֿגאַבן האָט ער נאָר אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז ניט „קליינע אויפֿטוען“ און „קולטוריזם“ דאַרף זײַן דער לאָזונג, נאָר אַ ברייטער קאַמף פֿאַר פּאָליטישער פֿרײַהײַט. מײַן גוטער־פֿרײַנט סטאַווסקי האָט געזוכט פֿאַר זיך אַ מנהיג און האָט זיך דערקליבן ביז פּ. ב. סטרובען, וואָס האָט אין די ראַדי־קאַלע קרייזן געהאַט אַ שם פֿאַר זעהר אַן אָרנטליכן מענטשן, נאָר די שמועסן מיטן קומענדיגן רעדאַקטאָר פֿון „אָסוואָבאָזשדעניע“ און פֿון „וויעכי“ האָבן אים ניט באַפֿרידיגט. „מען קאָן אים ניט פֿאַרשטיין“, האָט מיר סטאַווסקי אַמאָל געזאָגט מיט פֿאַרדראָס, „דאָ איז ער אַ דײַט־שער סאָציאַלדעמאָקראַט, דאָ איז ער אַ ליבעראַל פֿון „וויעסטניק יעוראָפּי“.

צו די ליבעראַלן האָבן מיר זיך באַצויגן, לויט די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, מיט א ביטול און חוזק, און די יעמאָל־טיגע פֿאַרשטייער פֿון דעם סאָרט מענטשן האָבן דאָס כשר פֿאַרדינט. שפּעטער האָב איך זיך אָפּט דערמאָנט אין דער נביאישער כאַראַקטע־ריסטיק פֿון סטרובען, וואָס עס האָט געגעבן מײַן חבר, וועלכער האָט נאָך אָקאָרשט געקוועטשט די באַנק אין גימנאַזיע.

בײַם יעמאָלטיגן שטאַנד פֿון דער רוסישער ליטעראַטור איז אונז שווער געוועזן צו ווערן קלאָר אין פּראָגראַם־פֿראַגן אָהן אַ זײַטיגער הילף. און אַזאַ מין סיסטעמאַטישע אָנפֿירונג האָט אונז געפֿעלט. סטראַנדען, מיט וועמען איך און סטאַווסקי האָבן זיך באַגעגנט גאַנץ אָפּט, האָט נאָר געזעהן צוצוציהען אונזער אויפֿמערקזאַמקײַט צו סאָציאָלאָגיע און צו טעאָרעטישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע; ער האָט אויסגעמײַדט צו ריידן מיט אונז קאָנקרעט, אין וואָסער ריכטונג עס דאַרף הײַנט גיין די אַרבעט פֿון אַ רוסישן סאָציאַליסט.

סטראַנדען האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין דער פֿריערדיגער צײַט פֿון פֿולקומער געזעלשאַפֿטליכער שטילקייט, און ער האָט זיך קאָנטיג ניט פֿאָרגעשטעלט קיין אַנדער וועג צו דערציהען אַ סאָציאַליסט: מען האָט פֿריער געמוזט סיסטעמאַטיש, אין משך פֿון אַ ריי יאָרן, אויס־אַרבעטן אַ וועלט־באַנעמונג, און דערנאָך דאַרף דאָס געקרוינט ווערן דורך דער פּראַקטישער אַרבעט. מיר זײַנען אָבער שוין געוועזן אָנ־גערירט פֿונם ערשטן הייסן אָטעם פֿון דער אויפֿלעבונג, וואָס האָט זיך

אָנגערוקט; מיר האָבן געלייענט מיט התלהבות די „רעדעס פֿון
פּעטערבורגער אַרבעטער דעם 1־טן מאַי 1891"; מיר זײַנען געווען
צערודערט פֿונם הונגער אין עטליכע און דרײַסיק גובערניעס,
וואָס האָט באַטײַט פֿאַר אונז אַן אָפֿענעם באַנקראָט פֿונם רעזשים
פֿאַר אונז איז געווען פּסיכאָלאָגיש אוממיגליך צו פֿאַרמשפּטן זיך אויף
אַזאַ לאַנגן וועג. מיר האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די קרײַזלעך און גע־
זוכט דאָרט אַ לעבעדיק וואָרט, מיר האָבן זיך געוואָרפֿן אַהין און
אַהער צווישן די ביכער. מיר האָבן זיך געכאַפּט צו די נאַראָדנישע
אויספֿאָרשונגען וועגן דער פּויערשער „אָבשטשינע" און וועגן דער
היים־אַרבעט, געכאַפּט מאַקסים קאָוואַלעווסקיס, מענס, מוירערס,
ספּענסערס ביכער, זיבערס אַרבעטן וועגן די אָנפֿאַנגען פֿון קולטור;
מיר האָבן זיך געגראָבן אין די ליטעראַרישע פּאָלעמיקעס פֿון די 70־ער
און 80־ער יאָרן, שטודירט מילס פּאָליטישע עקאָנאָמיע מיט טשערנישעווסקיס
אָנמערקונגען, און אין דערזעלביגער צײַט האָבן מיר פֿון לאַסאַלס
רעדעס און פֿון צוויי־דרײַ פּלעכאַנאָווס בראָשורן („אונזערע חילוקי־
דעות", „סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף", און „ה' טיכאָמיראָווס אומ־
גליק") געזוכט צו באַפֿרידיקן אונזער הויפּט־אינטערעס צום פּ ר אָ־
ל ע ט אַ ר י ש ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם; מיכאַילאָווסקי און טשערנישעווסקי
און די אַלטע ביכלעך פֿונם „וויעסטניק נאַראָדנאָי וואָלי" און די באַ־
ריכטן וועגן די רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסן פֿון די 70־ער און 80־ער
יאָ־ן האָבן אונז כסדר אָפּגעצויגן דערפֿון און געצויגן אונזער אויפֿ־
מערקזאַמקייט צום נאַראָדנישן, פּויערשן סאָציאַליזם.

בײַ מיר פּערזענליך האָבן די באַדינגונגען פֿונם פֿריערדיקן לעבן
און מײַן ליטעראַרישע דערציהונג אויסגעאַרבעט גאָר אַ קנאַפּע נטיה
צו די נאַראָדניקעס. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין באַרירונג
מיטן דאָרף, און די ספּעציפֿיש־נאַראָדנישע בעלעטריסטיק פֿון אַ אוספּענסקי,
אַ זלאַטאָוראַטסקי, אַ קאַרעלין האָבן מיך אויך געלאָזן קאַלט. מײַנע
רעוואָלוציאָנערע סימפּאַטיעס האָבן מיך געצויגן צו צוויי גלענצנדיקע
פּונקטן: צו די העלדישע געשטאַלטן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"
און צו די טיטאַנישע קאַמפֿן פֿונם פֿראַנצויזישן אַרבעטספֿאָלק. וועגן
דעם טעראָר פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָב איך, ווי די גאַנצע
יוגנט פֿון יענער צײַט, געהאַט ניט ווייניק ספֿקות; מיר האָבן נאָך
געלעבט אונטערן אײַנדרוק פֿון יענער טיפֿער געזעלשאַפֿטליכער רע־
אַקציע, וואָס איז געבליבן בירושה נאָך דער מפּלה פֿונם אויספֿיר־

קאָמיטעט פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ‟. אָבער דער רעוואָלוציאָנערער
מוט און די אַקטיווקייט פֿון די נאַראָדאָוואָלצעס, זייער צייטווייליגער
ערפֿאָלג ביים אָרגאַניזירן אַרבעטער און אָפֿיצירן, זייער איינפֿלוס אויף
דער ליבעראַלער געזעלשאַפֿטליכער באַוועגונג — דאָס אַלץ האָט אימ־
פּאָנירט און פֿאַרכאַפּט.

פֿון דער אַנדער זײַט איז אויסגעקומען צו לייענען שעלגונאָווס
אַרטיקלען וועגן דעם פּראָלעטאַריאַט אין ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך
(טיילווײַז איז דאָרטן געווען איבערדערציילט ענגעלסעס ווערק וועגן
דער לאַגע פֿון די אַרבעטסקלאַסן אין ענגלאַנד), מיכאַילאָוו־שעלערס
ביכל „דער פּראָלעטאַריאַט אין פֿראַנקרײַך‟, טשערנישעווסקיס אַרטיקלען
וועגן דער יולי־מאָנאַרכיע, לאַסאַלס רעדעס און שווייצערס ראָמאַן
„עמאַ‟. דאָס אַלץ, און איבערהויפּט די ידיעות וועגן דער אַרבעטער־
באַוועגונג אין דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך, וואָס פֿלעגן אַרײַנפֿאַלן אין
דער יעמאָלטיגער לעגאַלער פּרעסע אויך, האָט געגויט צו זעהן דווקא
אינם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט דעם הויפּט־כּוח פֿון דער רעוואָלוציע, אַלץ
איינס ווי מען פֿאַרענטפֿערט די פֿראַגע וועגן דער קומענדיגער עקאָנאָ־
מישער אַנטוויקלונג פֿון רוסלאַנד. (דאָס איז געווען בעצם די פּאָזיציע
פֿון די אַלע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר דער שיטה פֿון „נאַראָדאָ־
וואָלטשעסטוואָ‟, וואָרים שוין פֿון מיטן פֿון די אַכציגער יאָרן האָט מען
אין די רעוואָלוציאָנערע קרײַזלעך זעהר אָפּט אַרויסגעשטעלט דעם
„נאַראָדאָוואָליזם‟ קעגן דער אָרטאָדאָקסאַלער „נאַראָדניטשעסטוואָ‟.)

בײַ מיר פּערזענליך איז צו די אַלע עלעמענטן פֿון .מײַן פּאָ־
ליטישער אידעאָלאָגיע צוגעקומען נאָך איינער. איך האָב מיט אַן
אמתער ליידנשאַפֿט געלייענט אַלצדינג, וואָס מען האָט געקאָנט באַ־
קומען וועגן דער געשיכטע פֿון רעוואָלוציעס, און מײַנע רעוואָלוציאָ־
נערע אידעאַלן זײַנען געוואָרן ראָבעספּיער און סען־זשיסט, וועמענס
רעדעס איך האָב אַלע גוט געקענט. פֿון דער נייגונג איז געווען גע־
דרונגען א געגנוג פּשוטע, פּרימיטיוו־בלאַנקיסטישע פֿאָרשטעלונג וועגן
דעם, וואָס די רעוואָלוציע דאַרף אויפֿטאָן. איך האָב גערעכנט, אַז זי
דאַרף ברענגען צום זיג געוויסע אַבסטראַקטע פּרינציפּן פֿון פֿאָלקס־הער־
שאַפֿט, וואָס טויגן פֿאַר אַלע צייטן; אויסדריקן דאַרף זיך די פֿאָלקס־
הערשאַפֿט אין אַ רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור, וואָס שפּאַרט זיך פֿעסט
אָן אויף דער „אָרימקייט‟ און קלויבט ניט איבער קיין מיטלען. בײַ
אַזעלכע מיני שטימונגען איז מיר געווען אַ סך גרינגער, ווי פֿאַר מײַנע

חברים, גובר צו זיין יענע מניעות, וואָס זײַנען געשטאַנען אין וועג בײַם אויסאַרבעטן אַ קוק אויף די רעוואָלוציאָנערע אויפֿגאַבן. מײַנע חברים האָבן זיך ערנסטער פֿאַר מיר אָפּגעגעבן מיט דער פֿראַגע וועגן דער היסטאָרישער ראָליע פֿונם פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד און וועגן דער אייגנאַרטיקייט פֿון דער רוסישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. איך האָב ניט ווינציגער מיטגעפֿילט מיטן סאָציאַליזם, נאָר מיר האָט זיך געוואָלט גלייבן, אַז די יאַקאָבינישע רעוואָלוציע עפּנט אויף צו אים אַ גלײַכן וועג, אומאָפּהענגיג פֿון דעם, צי איז באַשערט דער רוסישער דאָרפֿישער „געמיינדע" צעפֿאַלן צו ווערן אָדער ניט און צי וועט דער רוסישער פויער ווערן אַ פּראָלעטאַריער אָדער ניט.

צו־ביסלעך האָב איך אויסגעאַרבעט פֿאַר זיך אַ באַשטימטע פֿאָר־שטעלונג וועגן די נאָהענטסטע אויפֿגאַבן פֿון אַ רעוואָלוציאָנער. כ׳געדענק, אַז אין דעצעמבער 1891, ווען מען האָט אין איינעם פֿון די קרייזלעך געפֿירט אַ דעבאַטע אויף דער יעמאָלט אָנגענומענער טעמע וועגן דעם באַטײַט און די פֿאָלגן פֿון הונגער, האָב איך געפּועלט בײַ זיך צו האַלטן אַ פּאָליטישע רעדע. איך האָב אַרויסגעזאָגט אַזוינע געדאַנקען: דער הונגער וועט געוויס מוזן ברענגען צו פּויערשע סטי־כישע בונטן; זיי קאָנען זיך ענדיגן מיט אַ מלחמה פֿונם צעבונטעוועטן דאָרף קעגן דער שטאַט. אונזער אויפֿגאַבע איז צו שאַפֿן אַ פֿעסטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס זאָל זײַן פֿאַרבונדן מיט די אַרבעטער און סאָלדאַטן; און אינם געהעריגן מאָמענט, ווען די מלוכה וועט זײַן צערודערט, דאַרף מען מאַכן אין דער הויפּטשטאָט אַן איבערקערעניש, כּדי אַראָפּצוואַרפֿן די זעלבסטהערשאַפֿט און צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט.

איך האָב מײַנע צוהערער ניט איבערגעצײַגט מיט מײַנע רייד. סטאַווסקי און האָפֿמאַן, וואָס זײַנען מיר געווען אַמנאָהענטסטן לויט זייערע גייסטיגע אינטערעסן, האָבן זיך געמאַטערט מיט דער פֿראַגע וועגן מאַרקסיזם און „נאַראָדניטשעסטוואָ" און זײַנען ניט נוטה געווען צו אָפּטימיזם. ווען מען האָט גערעדט וועגן אוממיטלבאַרע רעוואָ־לוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, נאָר איין ריזענקאַמף, האָט זיך אַרויס־געוויזן, האָט איבערגעלעבט דאָס אייגענע וואָס איך. אין עטליכע טעג אַרום האָט ער גענומען ריידן מיט מיר, אַז מען וואָלט געדאַרפֿט תּיכּף אָנהייבן אַרבעטן אין דעם גייסט. ער האָט מיר דערציילט, אַז איינער זײַנער אַ באַקענטער איז אַרײַנגעטראָטן אַלס אַ פֿרײַוויליגער אין דער

אַרמײ און פֿירט שוין אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן פּעטערבורגער גאַרניזאָן; און ער, ריזענקאַמף, האָט שוין גענומען זוכן זײַנע אַלטע באַקענטע פֿון יענע אַרבעטער, מיט וועלכע ער האָט זיך מיט צוויי יאָר צוריק באַגעגנט אין די טאָלסטאָיאַנישע קרייזלעך, וואָס האָבן זיך געהאַט גערופֿירט אַרום דעם פֿאַרלאַג „פּאָסרעדניק״. ער האָט געהאָפֿט, אַז אין די קרייזן וועלן זיך געפֿינען מענטשן, וואָס האָבן אַריבערגעוואַקסן דעם טאָלסטאָיאַנישן סעקטאַנטיזם און זײַנען צײַטיג געוואָרן אויפֿצונעמען די רעוואָלוציאָנערע אידעען.

ריזענקאַמפֿס באַקענטער, וועגן וועלכן ער האָט מיר איבערגעגעבן, איז געווען א. ווײַנשטאָק, וואָס האָט ניט לאַנג געענדיגט גימנאַזיע אין פּעטערבורג און האָט זיך געפֿונען אונטער דער ווירקונג פֿון נ. ווי. וואָדאָוואָזאָוון. דוכט זיך, ווײַנשטאָק איז בכיוון אַרײַנגעטראָטן אַלס פֿרײַוויליגער סאָלדאַט אָנשטאָט צו גיין אין אוניווערסיטעט, מחמת ער האָט געוואָלט פֿירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן סאָלדאַטן. מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן געזאָגט, אַז ער איז זעהר אַ פֿעהיגער יונגערמאַן מיט אַן אַגיטאַטאָרישן טאַלענט, נאָר אָהן דעם געהעריגן גייסטיגן גלײַכגעוויכט. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, וואָסערע משונהדיגע זאַכן ער האָט אָפּגעטאָן, כּדי צו פֿאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע אידעען צווישן די סאָלדאַטן. ער האָט צוגעצויגן יונגע קורסיסטינס, און געהייסן זיי גיין אויף פֿאָלקס־יום־טובים, כּדי צו באַקענען זיך מיט סאָלדאַטן; זיי זאָלן זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר דינסטמיידלעך, פֿאַר נייטאָרינס און אפֿילו פֿאַר „פֿריילי׳כע מיידלעך״. דערנאָך זאָלן זיי אויסניצן די גאַלאַנטקייט צו דאַמען, וואָס איז פֿאַראַן בײַ אַלע מיליטערס־לײַט אין אַלע לענדער, און אַוועקפֿירן זיי אויפֿן וועג פֿון רעוואָלוציע. ליידער איז דערזעלביגער ריזיקאַלישער וועג אין אַ ברייטערער מאָס און ניט אָהן טרויעריגע פֿאָלגן אָנגעווענדט געוואָרן אין מאַנכע ערטער דורך די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס פֿון ביידע רעוואָלוציאָנערע פּאַר־טייען. צו וואָס דאָס האָט געבראַכט אין ווײַנשטאָקס פּראַקטיק, ווייס איך ניט, נאָר געהערט האָב איך, אַז צו היסטעריק האָט דאָס די אָרימע קורסיסטינס יעדנפֿאַלס דערפֿירט.

לשם קאָנספּיראַציע איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל זיך ניט אײַלן צו באַקענען זיך מיט ווײַנשטאָקן, וואָרים לויטן פּלאַן האָב איך פּערזענליך געזאָלט האָבן עסקים ניט מיט סאָלדאַטן, נאָר מיט אַרבעטער. ריזענקאַמף איז געבליבן דער פֿאַרמיטלער צווישן ווי. און מיר.

נאָר איידער מיר האָבן זיך גענומען צום ענין, זײַנען מיר אַרײַנ־געצויגן געוואָרן אין אַן אַנדער אומלעגאַלער אונטערנעמונג. איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַז צווישן די קרײַזלעך, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער קאָרפּאָראַציע, איז אויך געווען דאָס קרײַזל פֿון יע. פּ. ראַדינען. ראַדין האָט געהאַט אַ פֿײַערדיקן טעמפּעראַמענט און האָט אויף אונז געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס קאָן עפּעס אויפֿטאָן, נאָר ער איז ניט געווען פֿאָרזיכטיג; ווען ער פֿלעגט זיך אַזוי טראָגן איבערן אוניווערסיטעט מיט זײַן צעשויבערטער פּעך־שוואַרצער באָרד און אין זײַנע דעמאָקראַטישע בגדים, האָט מען באַלד געשפּירט, אַז דאָס לויפֿט ער וועגן עפּעס אַן אומלעגאַלן ענין. איצט, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעשטאַנען העכער אַ פֿערטל יאָרהונדערט אינאַזייט פֿון פּאָליטיק, איז ראַדין, דוכט זיך, געוואָרן אַ קאָמוניסט און פֿאַרנעמט אַ חשובן פּלאַץ אין דער סאָוועטישער היעראַרכיע.

איינמאָל האָט ראַדין פֿאַרבעטן מיך און ריזענקאַמפֿן, מיר זאָלן זיך אויפֿטרעפֿן מיט אים און נאָך עטליכע חברים פֿון זײַן קרײַזל וועגן א וויכטיגן ענין. מיר זײַנען געקומען צו גיין און געפֿונען, אַחוץ ראַדינען, נאָך צוויי סטודענטן: דעם פֿילאָלאָג א. וו. ווינאָגראַדסקין און דעם נאַטורוויסנשאַפֿטלער יאָ. פּ. סטאַוראָווסקין. ראַדין האָט גע־עפֿנט די פֿאַרזאַמלונג מיט אַ רעדע, אַוואו ער האָט פֿאָרגעלייגט די בײַזײַענדיגע, זיי זאָלן גרינדן אַ רעוואָלוציאָנערע גרופּע, וואָס זאָל אַרויסגעבן אומלעגאַלע ליטעראַטור, כּדי צו פֿירן א סיסטעמאַטישע רעוואָ-לוציאָנערע אַגיטאַציע צווישן דער יוגנט.

וואָס איז שייך צו דער „טעכניק״ איז געווען אַ האָפֿענונג אויף אַ ליטאָגראַפֿישן שטיין, און איידער וואָס־ווען איז באַשלאָסן געוואָרן אַוועקצושטעלן א פּשוטן העקטאָגראַף און אויסצוניצן פֿאַר דער אַרבעט די מיטגלידער פֿון אונזערע ביידע סטודענטישע גרופּעס. בנוגע צו די פֿינאַנצן איז בײַ אונז געבליבן צו קלײַבן געלט אויף אַזאַ אופֿן: מיר וועלן איבערדרוקן אויפֿן העקטאָגראַף עטליכע אויסלענדישע בראָשורן, וואָס האָבן געהאַט א שם, אויספֿאַרקויפֿן דאָס צווישן די סטודענטן און שאַפֿן אויף אַזא אופֿן א געלטפֿאָנד, וואָס זאָל אונז דערנאָך געבן אַ מיגליכקייט, שוין אויף אַ שענערן שטייגער, אַרויסצולאָזן פּראָקלאַ־מאַציעס וועגן אַקטועלע פֿראַגן.

מיט די נײַע חברים האָבן מיר זיך אײַנגעלעבט זעהר גוט, און שוין אויף דער אייגענער פֿאַרזאַמלונג האָבן מיר אָנגעמערקט אַרויס־

צוגעבן צוויי אויסלענדישע בראָשורן: „דער בריוו פֿון מ. צעבריקאָוואַ צו אַלעקסאַנדער III.“ און קענאַנס: „די לעצטע ערקלערונג פֿון די רוסישע ליבעראַלן“. אויף דער אייגענער פֿאַרזאַמלונג איז צעטיילט געוואָרן די אַרבעט, און עס האָט גענומען ניט מער ווי אַ וואָך־צוויי, ביז וואַנען מיר האָבן געהאַט אָפּגעדרוקט און פֿאַרשפּרייט די ערשטע בראָשור.

איידער מיר האָבן זיך גענומען צו דער צווייטער בראָשור, האָב איך באַשלאָסן אָנשרייבן אַ מין הקדמה, אַ פּראָגראַם־אַרטיקל: איך האָב געוואָלט געבן אַ קריטיק פֿון דער ליבעראַלער טרייאונטערטעניג־קייט און אָפּאָרטוניזם און אָנצייכענען די פּרינציפּן פֿון אַ רעוואָלוציאָ־נערער פּאַרטיי. אויף קלאָר געדענק איך, אַז ער איז געווען געשריבן „מיט פֿייער און פֿלאַם:“ איך בין שאַרף אָנגעפֿאַלן אויף יעטווידער „צירליך־מאַנירליך“־פּאָליטיק, פֿאַרטיידיגט דעם טעראָר און ניט גע־זשאַלעוועט קיין ציטאַטעס פֿון ראָבעספּיער און סען־זשיסט. איך האָב גערופֿן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, זיי זאָלן בײַ דער פֿאַרענטפֿערונג פֿון טאַקטישע פֿראַגן פֿאָלגן דעם יאַקאָבינישן פּרינציפּ: Perisse notre nom pourque la libertè soit sauvé („זאָל פֿאַרפֿאַלן ווערן אונזער גוטער שם, אַבי די פֿרײַהייט זאָל געראַטעוועט ווערן“).

נאָר פֿאָרלייגן דעם פּראָיעקט גלייך דער גרופּע האָב איך ניט געקאָנט בײַ זיך באַשליסן, און איך האָב דאָס פֿריער איבערגעלייענט, אַלס פּרוב פֿון מײַן פֿעדער, בײַ סטאַווסקין אין זײַן צימער: ס'זײַנען געווען דערבײַ ריזענקאַמף און נאָך ווער עס איז פֿון די חברים. זיי זײַנען עפּעס ניט אַרײַן אין אַזאַ התפּעלות, ווי איך האָב — כ'מוז זיך מודה זײַן — זיך געריכט. פֿאַרקערט, איך האָב געשפּירט, אַז די צוהערער איז אומעטיג; האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל זיך שוין מער ניט אײַלן צו נעמען זיך צו ליטעראַרישער אַרבעט. הגם אין האַרצן האָב איך ווייטער געגלויבט, אז איך בין באַרופֿן צו קעמפֿן מיט דער פּען, דעם אַרטיקל האָב איך צעריסן.

דערווײַלע האָט זיך די „אומלעגאַלקייט“ צוגעקליבן צו מיר נאָך פֿון אַ דריטער זײַט. צו דערזעלביגער „קאָרפּאָראַציע“ האָט געהערט דאָס קרייזל פֿון ווי. פּ. שאַרי (דאָס איז דער שפּעטערדיגער באַוואוסטער טוער פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג ווי. ריזשאָוו). נאָך אַ פּאָר באַגעגענישן האָב איך דערפֿילט אין שאַרין אַ בפֿירושן רעוואָלוציאָנער, כאָטש ער איז אין זײַן ריידן געווען זעהר אײַנגעהאַלטן און האָט קיין

זאַך ניט דערציילט וועגן זײַן פּערזענליכן אײַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. צו אים און זײַן מיטוואוינער, דעם סטודענט אַ. מאָלטשאַנאָוו, פֿלעג איך אַרײַנגיין גאַנץ אָפֿט.

אינגיכן האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז איך בין גערעכט געווען מיט מײַן השערה, אז שאַרי איז פֿאַרבונדן מיט וועלכע עס איז מער ערנסטע גרופּעס מיט א נאַראָדאָוואָלישן כאַראקטער. איינמאָל ניטל־צײַט האָט ער מיך גערופֿן צו גיין מיט אים אויף א פֿאַרזאַמלונג צו באַקענטע חברים. אויף דער פֿאַרזאַמלונג (ערגעץ־וואו אויף יעקאַטירינינסקי קאַנאַל) האָב איך געטראָפֿן עטליכע סטודענטן פֿון די העכערע קורסן פֿון אוניווערסיטעט, וואָס איך האָב זיי געקענט פֿון דער אַלגעמיין־סטודענטישער קאַסע, און ווײַטער עטליכע פּריוואַט־לײַט; צווישן זיי זײַנען געווען דאָקטוירים און בכלל מענטשן, וואָס האָבן געענדיגט אוניווערסיטעט. א באַזונדער גרופּע האָבן געבילדעט די „דערפּעטער“, געוועזענע סטודענטן פֿון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, וואָס זײַנען פֿון דאָרט אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿאַר אומרוהען און זײַנען אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט אין דערפּעט (יוריעוו). ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז די פֿאַרזאַמלונג איז טאַקע צוליב דעם צונויפֿגערופֿן געוואָרן, כדי אויסצוניצן די פֿעריען און צו באַנייען דעם קאָנטאַקט צווישן די גרושים און יענע חברים, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין פּעטערבורג. אויף וויפֿיל איך האָב געקאָנט כאַפּן, זײַנען אין צענטר פֿון דעם קרייזל געשטאַנען אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש יערגין און סעמיאָן אַלעקסאַנדראָוויטש פּעדולאָוו, א ברודער פֿונם אויבנדערמאָנטן אַ. אַ. פּעדולאָוו. אחוץ זיי זײַנען געווען צוויי ברידער ניקיטינסקי, פּ. אַ. סקאַביטשעווסקי, א זון פֿונם באַרימטן קריטיקער, דאָקטאָר גינזבורג, דער סטודענט פֿון נאַטורוויסנשאַפֿט גענקען *). מען האָט געשמועסט וועגן דעם סטודענטישן לעבן אין ביידע אוניווערסיטעטן און אגב אָנגערירט אַקטועלע פּאָליטישע פֿראַגן. לויט געוויסע סימנים, וואָס לאָזן זיך ניט אָנטאַפּן מיט דער האַנט, האָב איך דערשפּירט, אַז דער קערן פֿון דער פֿאַרזאמלונג איז פֿאַרבונדן צווישן זיך דורך עפּעס א שותּפֿותדיגן קאָנספּיראַטיוון ענין, און מיך האָט מען געבראַכט אהער, כדי צו ווײַזן מיך די מיטגלידער פֿונם קרייזל — אפֿשר וועט מען מיך אויך קאָנען צוציהען.

מײַן חוש האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. אין פּעטערבורג האָט זיך

*) אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דאָרט אויך געווען—יעמאָלט נאָך גאָר אַ יונגער סטודענט—וו. מ. טשערנאָוו.

דאַן געבילדעט אַ נאַראָדאָוואָלישע גרופּע, וועלכער ס'איז באַשערט געווען אויפּצוטאָן, לויט ווי פּאַר יענער צײַט, אַ גרויסע אַרבעט; זי האָט געשאַפּן אַ גענוג־פּעסטע אָרגאַניזאַציע, אָנשפּאַרנדיג זיך אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך יעמאָלט געווען זעלטן: אויף אַ געהיימער דרוק, וואָס די גרופּע אַליין האָט געשאַפּן.

אינגיכן נאָך מײַן וויזיט אויף יענער פּאַרזאַמלונג איז אַרײַנגעגאַנגען צו מיר שאַרי און געוויזן מיר צוויי געדרוקטע פּראָקלאַמאַציעס. איינע האָט געהייסן „דאָס פּרײַע וואָרט”; ס'איז געווען אַן אויפּרוף צו דער געזעלשאַפט אין קאָנסטיטוציאָנעלן גייסט, ניט געחתמעט. איצט ווייס מען, אַז דער מחבר איז געווען נ. ק. מיכאַילאָווסקי. דאָס צווייטע בלעטל איז געווען אונטערגעשריבן: „אַ גרופּע נאַראָדאָוואָלצעס” און האָט אַגב געגעבן אָנצוהערעניש, אַז קירצליך וועט זיך פּונדאָסנײַ אָנהייבן אַ סיסטעמאַטישער טעראָר אינם קאַמף פּאַר פּאָליטישער פּרײַהייט. לויטן שריפט פון די ביידע פּראָקלאַמאַציעס האָט מען געקאָנט זעהן, אַז זיי זײַנען אַרויס פון איין דרוק.

שאַרי האָט מיר פּאָרגעלייגט, איך זאָל זיך נעמען פּאַרשפּרייטן ביידע פּראָקלאַמאַציעס. איך האָב מסכים געווען מיט גרויס פּאַרגעניגן און פּאַרשפּרייט די בלעטלעך פּעקלעכווײַז דורך מײַנע פיל באַקענטע אין אוניווערסיטעט; אַמאָל פּלעג איך זיי אַרײַנשטאָפּן אין די קעשענעס פון די מאַנטלען, וואָס זײַנען געהאַנגען אין אוניווערסיטעטישן גאַרדעראָבצימער.

דערווײַלע האָט די טעטיגקייט פון יענער גרופּע אונזערער, וואָס ראַדין האָט געגרינדעט, זיך אַנטוויקלט וואָס ווײַטער אַלץ מער. מיר האָבן פּאַרשפּרייט „צעבריקאָוואַס בריוו”, געלייזט אַרום הונדערט רובל און גענומען זיך פּאַרשפּרייטן קענאַנס בראָשור. איך האָב געהאַט אַזוי פיל צו טאָן מיט טעכנישער אַרבעט, מיט פּאַרשפּרייטן די בראָשורן און די פּראָקלאַמאַציעס און מיט גיין אויף פּאַרזאַמלונגען פון די זעלבסט־בילדונגס־קרײַזלעך, אַז מיר האָבן זיך ניט געקאָנט צוקלײַבן צו רעאַליזירן יענע פּלענער, וואָס איך און ריזענקאַמף האָבן געהאַט צוגעגרייט מכּוח אַרבעטן צווישן אַרבעטער און סאָלדאַטן. דורך ריזענקאַמפּן האָב איך אַגב געוואוסט, אַז ווײַנשטאָק טוט ווײַטער זײַן אַרבעט און ער האָט שוין באַקענט ר.'ן מיט איינעם אַן אַרבעטער; איצטער קוקט זיך ר. צו צו אים, כּדי צו זעהן, אויף וויפיל ער קאָן טויגן פּאַר אונזער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אַז אָך און ווי! גראָד דער „אַרבעטער" איז דאָס געווען יענער שטיין, פֿון וועלכן מיר זײַנען געשטרויכלט געוואָרן אין אונזער רעוואָלוציאָנערן לויף.

צי איז ער אינדעראמתן געווען אַן אַרבעטער, ווייס איך ניט. אין יענער צײַט איז ער געווען אַ שומר אין עפּעס אַ פֿאַבריק און פֿאַר־אײנס א פשוטער אַגענט פֿון דער אָכראַנע. גערופֿן האָט מען אים בעליאַיעוו. ריזענקאַמף, וואָס האָט געוואוינט אויף וואַסיליעווסקי־אָסטראָוו, איז געווען אויף אַזויפֿיל אומפֿאָרזיכטיג, אַז ער האָט עטליכע מאָל באַנוצט די הילף פֿון דעם פּראָוואָקאַטאָר, כדי אויפֿצוטראָגן זיך מיט ראַדינען, וואָס האָט געוואוינט לעבן סאַדאָווע גאַס; ער פֿלעגט אים שיקן דורך דעם חברה־מאַן פֿאַרטיגע אָפּהעקטאַגראַפֿירטע בלעטלעך און באַקומען דורך אים פֿאַרטיגע בראָשורן. בעליאַיעוו האָט אויסגעפֿירט אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפֿט און אויסגעפֿונען יענע פּערזאָנען, וואָס קאָנען אינטערעסירן די אָכראַנע. צוליב עפּעס א טעם האָט מען דאָרטן באַשלאָסן אויף גיך צו „ליקווידירן" דעם ענין, ניט לאָזן אים אויסוואַקסן. אַרום דעם 20 יאַנואַר 1892 האָט פּאַסירט די קאַטאַסטראָפֿע.

איך האָב ניט געוואוסט פֿון קיין בייז. נאָר ווען איך בין אינדערפֿרי געקומען אין אוניווערסיטעט, בין איך געוואויר געוואָרן, אַז מען האָט פֿאַרגאַנגענע נאַכט אַרעסטירט ראַדינען, ווינאָגראַדסקין, ריזענקאַמפֿן און דעם סטודענט פֿון ערשטן קורס אָטראַשקעוויטשן, א מיטגליד פֿון ראַדינס קרייזל, וואָס אין זײַן דירה פֿלעגן מיר דרוקן; אַחוץ דעם האָט מען אַרעסטירט שאַרין און מאָלטשאַנאָוון, הגם זיי האָבן צו אונזער ענין קיין שייכות ניט געהאַט.

ערגער ווי אַלץ איז געווען דאָס, וואָס איך בין דעם לעצטן אָוונט געווען בײַ ריזענקאַמפֿן און אים איבערגעלאָזן צו עטליכע עקזעמפּלאַרן פֿון ביידע פּראָקלאַמאַציעס. מיך האָט געמוטשעט דער געדאַנק, אַז מען האָט דאָס געמוזט פּאַקן בײַ אים.

אינגיכן איז מען דערגאַנגען, אַז פֿאַרשיידענע מיני „טרייפֿענע זאַכן" דערין אויך די צוויי פּראָקלאַמאַציעס, האָט מען געפֿונען בײַ שאַרין אין דירה; ס׳איז שוין דאָרטן געווען דערפֿון צוגעגרייט אַ פּעקל, וואָס עמיצער האָט געזאָלט אויף מאָרגן אַוועקפֿירן קיין ווילנע, וואו ס׳האָט געוואוינט שאַריס א שוועסטער. ביים פּעקל איז שוין געווען בײַגעלייגט אַ בריוול, וואו ס׳איז געווען אָנגערופֿן דער נאָמען פֿון

יענער פּערזאָן, וועמען מען האָט געדאַרפֿט אַוועקגעבן דאָס פּעקל: דאָס איז געווען ג. מיל, שפּעטער באַוואוסט אין „בונד“ אונטערן נאָמען „דזשאָן“. בײַ ריזענקאַמפֿן האָט מען געפֿונען די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס איך האָב איבערגעגעבן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פֿון וואַרטן אין מאַטערניש, וואָס דערפֿון וועט זיך אויסלאָזן. באַלד פֿונעם ערשטן טאָג האָב איך באַמערקט, אַז מיר זײַנען געווען ממש זייג־קינדער אין „פּאָליטיק“. איך האָב געהאַט געמיינט, אַז אויב מיר ריידן וועגן „פּראַקטישער אַרבעט“ ניט אין יענע אויסבילדונגס־קרייזלעך, וואו מיר פֿלעגן זיך באַגעגענען מיט ברייטערע שיכטן סטודענטן, זײַנען מיר שוין גענוג באַוואָרנט פֿון פֿרעמדע אויגן און אויערן. לאָזט זיך אויס, אַז אונזער „קאָנספּיראַציע“ האָט ניט אָנגעהויבן צו טויגן; דער גאַנצער עולם האָט צונויפֿגעקניפּט מײַן נאָמען מיט די אַרעסטירטע און אָהן שום אײַנהאַלטעניש אַרויסגעזאָגט דאָס אויף א קול.

„אַ, הער נאַראָדאָוואָלעץ, ווי אזוי זײַט איר דאָס גאַנץ געבליבן?“ אזא ברוך־הבא האָט מיר אָפּגעגעבן איינער א סטודענט אַ פּלאַפּלער; געווען איז דאָס בײַם אַרויסגאַנג פֿון איינער פֿון די סטודענטישע זאַלן, אין אוניווערסיטעט, און ארום איז געשטאַנען אַ גרופּע אינגאַנצן אומבאַקענטע מענטשן. אין אוניווערסיטעט האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט שפּיאָנען, און בײַ אַזוינע אומשטענדן האָבן זיי שוין אפנים געהאַט א קלאָרע השגה וועגן יענע פֿעדעם, וואָס מיר האָבן געמיינט, אז מיר שפּינען זיי מי יודע מיט וואָס פֿאַר אַ קונסט. אַפנים, מיר האָבן „קאָנספּירירט“ און געשושקעט זיך שוין צופֿיל פֿאַר אַלעמען אין די אויגן. סטאַווסקי און איבערהויפּט האָפּמאַן, אַ פֿאָרזיכטיגער און חשדימדיגער, האָבן אויפֿגעוויזן, אַז מיר זײַנען ניט געווען גענוג אָפּגעהיט. מוסר האָט מיר נאָך געזאָגט, מעשה עלטערער גוטער־פֿרײַנט, נ. ד. סאָקאָלאָוו, און סטראַנדען האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי אויפֿווײַזן מיר, אַז עס איז ניט כדאי צו פּטרן כוחות אויף שאַפֿן רעוואָלוציאָנערע גרופּעס: קיין אריכת־ימים וועלן זיי סײַווי ניט האָבן, ס'איז גלײַכער פֿריער אויסצואַרבעטן פֿאַר זיך א פֿעסטע סיסטעם פֿון אָנשויאונגען, כדי אײַנטיילצונעמען אין א ממשותדיגער אַרבעט פֿון פֿעסטערע אָרגאַניזאַציעס.

איך האָב געשפּירט, אַז איך האָב געזינדיגט, און באַשלאָסן צו פֿאָלגן די חברים, וואָס האָבן מיר געהייסן ניט „אַרויסרוקן זיך“ דערווײַלע

צופיל, כדי איינצושלעפערן דעם חשד פון די אוניווערסיטעטישע שפיאָנען. איך האָב באַשלאָסן ווידער צו נעמען זיך צו די אוניווער־סיטעטישע למודים, וואָס איך האָב אינגאַנצן געהאַט פאַרוואָרפן, און איך האָב גענומען פונדאַסנייַ באַזוכן לעקציעס און אַרייַנשמעקן אין לאַבאָראַטאָריע.

אַזוי איז אוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך. פון די אַרעסטירטע חברים זייַנען אַמאָל געקומען גערוסן דורך די קרובים, וואָס זייַנען געגאַנגען צו עטליכע פון זיי אין דער „פרעדוואַרילקע". אין וואָס מען באַשולדיגט זיי, פאַרוואָס מען האַלט זיי — דאָס האָט מען נאָך אַלץ ניט געוואוסט.

ס'האָט שוין געהאַלטן בייַם סוף פעברואַר. איינמאָל זיץ איך אַזוי אין אָוונט מיט סטאַווסקין און האָפמאַנען, מיט וועלכע איך בין געוואָרן אַלץ נעהעגטער. גייט אַרייַן איינער אַ חבר און גיט איבער, אַז אין דעם טאָג איז ריזענקאַמפּס מוטער געוועזן בייַ איר זון אין טורמע און האָט איבערגעגעבן, אַז זייַן שטימונג האָט זיך שאַרף געביטן. ביז יעמאָלט האָט ער גרינג איבערגעטראָגן זייַן גורל; אַצונד איז ער געוואָרן נערוועאיש און דערשלאָגן. דערציילנדיג דאָס, האָט די מוטער געבעטן איבערגעבן מיר אין נאָמען פון איר זון, אַז עס קאָן זיך אויף מיר אָנרוקן אַ סכנה אָדער אַז ער איז אומרוהיג איבער מיר.

„צי האָט ניט אונזער אַלעקסאַנדר געאָרגיעוויטש אַרויסגעכאַפּט זיך מיט עפעס אַן אומפאָרזיכטיגן וואָרט?" האָט עמיצער משער גע־ווען. מען האָט מיר געגעבן אַן עצה, איך זאָל תּיכּף אַוועקגיין אַהיים און אָפּרייניגן די קוואַרטיר פון אַלע מיני איבעריגע פאַפּירן און „טרפות"; בייַ מיר האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן היפש פון דעם מין, בראָשורן און פראָקלאַמאַציעס. אָבער ס'איז מיר געווען אַזוי צום האַרצן צו זיצן אין דער וואַרימער אָנגערויכערטער שטוב און שמועסן בייַם סאַמאָוואַר מיט די חברים, אַז איך האָב גענומען אייַנריידן זיך און זיי: אויב דאָס איז ניט בכלל אַ פוסטע אויפרעגונג, איז ניט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך טוט זיך עס. כ'וועל נאָך באַווייַזן מאָרגן אויך „בודק חמץ" צו זייַן. שפּעט אין דער נאַכט האָב איך זיך געזעגנט מיט די חברים און אַוועק אַהיים.

אין וועג בין איך מיטאַמאָל געוואָרן אומרוהיג. באַקלערט אַלצ־דינג, איז מיר געוואָרן קשה, ווי אַזוי איז דאָס דער אַלעמאָל פרייליכער,

לעבעדיגער, זאָרגלאָזער ריזענקאַמף פּלוצלינג אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מרה־שחורה און נעמט דאוהנען וועגן מיר. משמעות, האָב איך געטראַכט, ער איז געוואויר געוואָרן וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים שטאַרק צערודערט. אפֿשר האָט זיך געפֿונען אין אונזער קרײַזל אָדער לעבן אים עפּעס אַ פֿאַררעטער, אַ פּראָוואָקאַטאָר? דאָס ערשטע מאָל האָב איך אנגעהויבן קלערן, ווי וועגן אַ רעאַלער זאַך, אַז מען קאָן מיך אויך צוציהען צו דעם פּראָצעס.

געקומען אַהיים, האָב איך שוין געהאַט חרטה, וואָס איך האָב ניט געפֿאָלגט די חברים און ניט אויסגעראַמט די געפֿערליכע פּאַפּירן. איך האָב זיי אויף גיך איבערגעקוקט, צונויפֿגעבונדן אין איין פּעקל און אויף יעדן פֿאַל אַרויסגעטראָגן דאָס פֿון מײַן צימער אין דעם נאָהענטן טואַלעט־צימער אַרײַן; כ׳האָב דאָס באַהאַלטן הינטער דער וואַנע. איין פּאַפּירל, וואָס האָט מיר אָנגעמאַכט אַממערסטן קאָפּדרייעניש, האָב איך באַשלאָסן איבערלאָזן בײַ זיך אין בעט, און אויב מען וועט דאַרפֿן פּרובן דאָס פֿאַרניכטן, געוועזן איז דאָס אַ מאַנדאַט, וואו ס׳איז געשטאַנען געשריבן, אַז אונזער (אומלעגאַלע) סטודענטישע קאַסע באַפֿולמעכטיגט מיך פֿאַר אַ דעלעגאַט אויף עפּעס אַ פֿאַרזאַמלונג. ס׳איז געוועזן אַן אומשולדיג פּאַפּירל, אָבער ס׳איז געוועזן אונטערגעשריבן פֿון נ. ד. סאָקאָלאָוון, סטרובען און נאָך עמיצן, און איך האָב שטאַרק מורא געהאַט, אַז איך זאָל זיי ניט „אַרײַנדרייען". די גלײַכסטע זאַך וואָלט געוועזן פֿאַרניכטן דאָס פּאַפּירל און בעטן דערנאָך אָנשרײַבן אַ נײַעם מאַנדאַט, נאָר ס׳האָט זיך מיר ניט געוואָלט באַלד בײַ דער ערשטער שוואַכער ידיעה וועגן אַ סכּנה גיין אַזוי ווײַט. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַזאַ אָפּגעהיטקייט וועט שוין זײַן געגליכן צו פּחדנות. און אפֿשר האָט מײַן זעלבסטליבע מורא געהאַט, אַז מען וועט דאָס אַזוי אויסטײַטשן.

די נאַכט איז פֿאַרבײַ אומרוהיג. קאָנטיג, איך בין געוועזן מער צערודערט, ווי איך אַליין האָב דאָס פֿריער געוואוסט. ערשט באַגינען בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן, קוועטשנדיג אין האַנט דעם געפֿערליכן מאַנדאַט. פֿאַרשיידענע סצענעס זײַנען מיר געקומען צו חלום. פּלוצלונג האָב איך דערזעהן דאָס ערשטע מאָל אויף מײַן לעבן (לײדער ביט דאָס לעצטע מאָל) אַ חלום, ווי אַזוי זשאָנדאַרן גיבן אָפּ אַ וויזיט מײַן דירה. קײן פּערזענליכע געניטשאַפֿט אין דעם פּרט האָב איך ניט געהאַט, און דער חלום האָט דעריבער געהאַט אַ פֿאַנטאַסטישן כאַראַקטער

(אין די שפּעטערדיגע „זשאָנדאַרישע" חלומות, וואָס לאָזן מיך ניט צורוה אַפֿילו אין דער תּקופֿה פֿון דער רוסלענדער „פּראָלעטאַריש-פּויער-שער דיקטאַטור", איז פֿאַראַן מער רעאַליזם). איך האָב נאָך אין מײַנע פֿאַנטאַזיעס מעשה-העלד מלחמה געהאַלטן מיט דער מחנה שונאים — מיטאַמאָל ווערט מײַן באַוואוסטזײַן אויפֿגעוועקט דורך אַ ליאַרעם פֿון גראָבע קולות. אין דערזעלביגער מינוט האָב איך זיך אומגעקוקט צו דער ממשותדיגערווירקליכקייט, איך האָב אויסגעריבן די אויגן און אַ פֿאַרחידושטער דערזעהן אַ גרופּע מענטשן אין אוניפֿאָרם; זיי זײַנען געשטאַנען לעבן בעט פֿון מײַן עלטערן ברודער, וואָס האָט געוואוינט מיט מיר צוזאַמען אין איין צימער.

„לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿונם גראַדאָנאַטשאַלניק דאַרף איך מאַכן בײַ אײַך אַן אונטערזוכונג. זײַט זיך מטריח און טוט זיך אָן". דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאָ דערהערט דעם סקאַרבאָוון זאַץ. מײַן ברודער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיג, אַז מען מיינט דאָס אייגנטליך ניט אים, און אָנגעהויבן זיך אָנטאָן.

דער געדאַנק וועגן מאַנדאַט האָט אויפֿגעפֿלאַמט אין מײַן מוח און אין איין רגע אומגעקערט מיך צום קלאָרן באַוואוסטזײַן. איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן, גענומען נישטערן איבערן בעט און געפֿונען דאָס פּאַפּירל, וואָס האָט זיך אין שלאָף געהאַט אַרויסגעגליטשט בײַ מיר פֿון האַנט. געפֿונען דאָס פּאַפּירל, האָב איך שטילינקערהייט אַראָפּגענומען די סקאַרפּעטקעס פֿונם נאָהענטן שטול, אָנגעטאָן זיי אונטער דער קאָל-דרע און אין איינער פֿון זיי אַרײַנגעשטעקט דעם מאַנדאַט. חברה האָט דאָס אַלץ ניט באַמערקט, זיי זײַנען געשטאַנען אויסגעקערט צו מיר מיטן רוקן און מיט אַ נאַרישער גאווה בלאָקירט מײַן ברודערס בעט. דער-נאָך האָב איך געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, און ווי ווײַט מיגליך מיט אַ נאַטירליכער שטים געפֿרעגט: „מײַנע הערן, איר קומט אפֿשר צו מיר?" די „הערן" האָבן זיך אַ קער געטאָן און איינער האָט געזאָגט: „מיר דאַרפֿן האָבן דעם סטודענט צ." איבערגעצייגט זיך, אַז דאָס בין איך, האָט דער איינער, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פּריסטאַוו, אויסגעזידלט דעם דוואָרניק, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, פֿאַר זײַן פֿאַלשן אָנווײַז, און געהייסן מיר זיך אָנטאָן.

כ'האָב אויף גיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך די קליידער, צוגעפֿירט די געסט צו מײַן טיש און גענומען דערקלערן זיי דעם באַטײַט פֿון די פּאַפּירן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פֿון די שופֿלאָדן. דערווײַלע איז

אין צימער געוואָרן פֿול. די עלטערן, די דינסטן, די ייִנגערע שוועסטער — אַלע האָבן זיך מיט שרעק צוגעקוקט צו דער אָפּעראַציע, וואָס איז זיי נאָך געווען פֿרעמד.

ס׳האָט מיך זייער פֿאַרדראָסן, וואָס די אונטערזוכונג איז געמאַכט געוואָרן נאָר דורך פּאָליציאַנטן פֿון אונזער צירקל. ס׳זײַנען ניט געווען, פֿאַרוואָס ווייס איך ניט, ניט קיין „בלויע מונדירן“ און ניט קיין „געל־גרויע מאַנטלען“, וועגן וועלכע מיר האָבן געוואוסט פֿון דער העלדישער קאַמף־געשיכטע צווישן דער רעוואָלוציע און דער צאַריזם. אפֿשר איז דערפֿאַר אַלצדינג געווען קאָרעקט, אָהן איבעריגער גראָבקייט, און אָהן איבעריגער קונסט אויך.

זעהענדיג, אַז די געפֿונענע פּאַפּירן רופֿן ניט אַרויס קיין שום אינ־טערעס בײַם פּריסטאַוו און בײַ זײַן געהילף, בין איך געוואָרן אָפּטי־מיסטיש געשטימט בנוגע דעם אויסגאַנג פֿונם וויזיט. נאָר אומרוהיג בין איך געוואָרן, ווען איינער פֿון זיי האָט זיך אָפּגערופֿן, אַז עס וועט זיי אויסקומען אַרומצוזוכן די גאַנצע דירה. איך האָב זיך דערמאָנט אינם פּעקל, וואָס איז געלעגן אין טואַלעט־צימער הינטער דער וואַנע.

„ניאַניע, האָב איך אַ פֿליספּער געטאָן, צוגייענדיג צו דער ניאַניע פֿון מײַנע שוועסטער: הינטער דער וואַנע איז פֿאַראַן אַ פּעקל, מען דאַרף דאָס אַרויסטראָגן“.

זי איז אַרויס פֿון צימער און אײַנגעאָרדנט אַלצדינג געניאַל־פּשוט. זי האָט גענומען דאָס שלעכט אײַנגעוויקלטע פּעקל און אַרויס דערמיט אין קיך, וואו ס׳זײַנען געשטאַנען אויף דער וואַך צוויי פֿאַרשלאָפֿענע גאָראָדאָוויעס. מיטאַמאָל האָט זיך דאָס פּעקל צעריסן און טיילווײַז צעשאָטן איבער דער דיל; די שומרים האָבן זיך גענומען אײַנקוקן. „וואָס איז דאָס?“ האָט איינער פֿון זיי אַ פֿרעג געטאָן. די ניאַניע איז ניט מבולבל געוואָרן און געענטפֿערט: „עפּעס שמאַטעס וואָס זײַנען איבערגעבליבן, מען האָט מיר געהייסן אַרויסוואַרפֿן“. די גאָראָדאָוויעס האָבן דאָס, קאָנטיג, אויסגעטײַטשט אַזוי, אַז דאָס האָט דער פּריסטאַוו געהייסן אַרויסוואַרפֿן איבעריגע פּאַפּירן, און זיי האָבן נאָך צוגעהאָלפֿן דער ניאַניע אויפֿקלײַבן דאָס פֿון דער ערד. זי האָט דאָס אַלצדינג צו־נויפֿגענומען, אַרויס אויף דער טרעפּ און פֿאַרשטעקט דאָס ערגעץ אויפֿן בוידעם.

פּעטערבורגער פּאָליציי איז נאָך יעמאָלט געווען קינדערש־אומ־שולדיג.

עטליכע שעה האָט גענומען׳ ביז וואַנען די אונטערזוכונג פֿון דער גרויסער דירה האָט זיך געענדיגט. מען האָט צונויפֿגעשטעלט און איבערגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל; דאָרט איז געשטאַנען׳ אַז „קיין שום פֿאַרבאָטענע זאַך איז ניט געפֿונען געוואָרן״. אַלע האָבן גרינגער אָפּגעעטעמט׳ בײַ מײַנע כּאַטע־מאַמע האָט גענומען שײַנען דאָס פּנים. אָבער פּלוצלונג נעמט דער פּריסטאַוו אַרויס אַ פּאַפּירל פֿון פּאָרטפֿעל און רופֿט זיך אָן צו מיר: „ה׳ צ׳. לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿונם גראַדאָנאַטשאַלניק מוז איך אײַך אָפּפֿירן אין דעם „הויז פֿאַר פֿאָר־אַרעסט״ (פּרעדוואַרילקע). כ׳האָב זיך געמוזט שטאַרקן׳ כּדי ניט אַרויסצווײַזן מײַן אַנטוישונג. דער פֿאָטער האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן׳ אויפֿגעוויזן׳ אַז אין ערשטן מאַנדאַט איז געשטאַנען „באַגיין זיך לויט די רעזולטאַטן פֿון דער אונטערזוכונג״. די מאַמע האָט אנגעהויבן כליפּען. ס׳איז געוואָרן שווער אויפֿן האַרצן׳ און איך בין געווען צופֿרידן׳ ווען די פּאָליציאַנטן האָבן מיך אַראָפּגעפֿירט די טרעפּ. מיט זיך האָב איך געהאַט אַ קישן און אַ קאָלדרע. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אינאײַנעם מיטן געהילף־פּריסטאַוו אויפֿן אָנגעגרייטן שליטן׳ און ער האָט מיך אַוועקגעפֿירט אינם גאַסטפֿרײַנטליכן הויז אויף שפּאַלערנע גאַס.

איך בין געווען שטאַרק צעטראָגן. גלײַך פֿון דער שולבאַנק האָב איך זיך געהאַט אַ וואָרף געטאָן אין דער קרייזלעך־פּאָליטיק׳ און איך האָב אַפֿילו ניט געהאַט אויסגעפֿרעגט קיינעם פֿון די מער געניטע חברים׳ ווי אַזוי מען באַגייט זיך מיט אַזוינע „מלוכה־פֿאַרברעכער״׳ ווי איך. צווישן מײַנע באַקענטע איז ניט געווען קיין איינער׳ וואָס איז שוין געזעסן צוליב אַ פּאָליטישן ענין׳ און אַלצדינג׳ וואָס איך האָב געוואוסט׳ איז געווען אָטוואָס: אַז אַמאָל האָט מען די „מלוכה־פֿאַרברעכער״ געמשפּט׳ געטייט אָדער געשיקט אויף קאַטאָרגע׳ און דערנאָך האָט מען זיי גענומען כאַפּן „אָהן געריכט און אָהן אויספֿאָרשונג״ און פֿאַרשיקן אין נעהענטערע אָדער ווײַטערע געגנטן. איבערהויפּט האָט געמאַכט אויף מיר אַן אײַנדרוק דזשאָרדזש קענאַן׳ דער מחבר פֿונם בוך „סיביר״׳ פֿון וועלכן אייראָפּע איז צום ערשטן מאָל געוואויר געוואָרן׳ מיט וואָס פֿאַר אַן אַכזריות דער צאַריזם קעמפֿט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. קענאַן האָט טיילמאָל שוין צו שטאַרק פֿאַראײַנפֿאַכט זײַן באַשרײַבונג בײַם שילדערן איינציגע פּערזאָנען׳ וואָס ער האָט אָנגעטראָפֿן אין סיביר׳ און צוליב דעם זײַנען מײַנע השגות וועגן דעם׳ וואָס עס וואַרט מיך׳ געווען שטאַרק נעפּלדיג. איך בין געווען כמעט ווי זיכער,

אַז פֿריער וועט מען מיך אָפּהאַלטן פֿאַרשפּאַרטערהייט, ניט זאָגנדיג קיין וואָרט, און דערנאָך וועט מען מיך פֿירן צום משפּט פֿון עפּעס אַ געהיימען בית־דין, וואָס וועט מיך פֿאַרשיקן ערגעץ אין דער ווײַטעניש, און איך וועל אַפֿילו ניט וויסן, וואוהין און פֿאַרוואָס. ווען איך האָב דערזעהן דעם זשאַנדאַרישן פֿאַרהער, מיט אַלע קליפּערלעך, מיטן פּראָטאָקאָל און די אַנדערע פֿאָרמאַליטעטן, בין איך געווען אָנגענעם פֿאַרחידושט.

בשעתן פֿאָרן מיטן פּאָליציאַנט און שפּעטער, ווען דער אויפֿזעהער האָט מיך אײַנגעקוואַרטירט אין אַ קאַמער אויפֿן אייבערשטן גאָרן פֿון „פּרעדוואַרילקע", האָב איך ניט געשפּירט קיין באַפֿרידיגונג פֿון דעם, וואָס איך ערפֿיל עפּעס אַ העלדישע פֿליכט, און ניט קיין זיסע פֿרייד, אַז אָט ווער איך אַ קדוש. פֿאַרקערט, ס׳איז מיר געווען פֿריקרע, אַז מענטשן מיט בערד, באַוואָפֿנט מיט רעוואָלווערן און שווערדן, דרייען זיך מיט אַן ערנסטן פּנים אַרום מיר, דעם יונגיטשקן סטודענט. יאָ, איך האָב געטרוימט וועגן אַ רעוואָלוציע — נאָר איך אַליין בין נאָך ווײַט ניט געווען זיכער, צי קאָן איך אינדעראמתן אָנמאַכן קאָפּדרייעניש און צרות אָטדי שונאים מיט די בערד. פֿאַראיינס האָט מײַן זעלבסטליבע אַרײַנגעבראַכט אין האַרצן אַ ביטערן ספֿק: וואָס וועט זײַן, טאָמער וועלן די שונאים נעמען אין אַכט מײַן יינגלשן אויסזעהן און מײַן באַשײַנפּערליכע נאַאיוויקייט און וועלן אָנהייבן ריידן מיט מיר מעשה־חוזק, מיט אַ ביטולדיגן שמייכעלע, ווי עס קומט יענעם נעקראַסאָווישן העלד, וואָס האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס ער וויל: צי „די מלוכה צעשטערן", צי „דעם אינספּעקטאָר אָנברעכן די ביינער".

אָבער די מונדיר־מענטשן מיט בערד און רעוואָלווערן האָבן זיך געפֿירט מיט מיר זעהר ערנסט, און זיי האָבן מיך מיט גרויס פֿאָרזיכטיגקייט איבערגעגעבן פֿון איין האַנט אין דער אַנדערער, ווי אַן אמתן פֿאַרברעכער. כ׳האָב זיך באַרוהיגט.

אויפֿן דריטן טאָג פֿון מײַן אַרעסט האָט מען מיר געהייסן קלײַבן זיך „אין שטאָט אַרײַן". איך בין אַזוי ניט געווען געניט אין הלכות פּאָליטישע פֿאַרברעכנס, אַז איך האָב אַ קלער געטאָן: אפֿשר שיקט מען באַלד אַרויס? און איך בין אַוועק צום אויפֿזעהער פֿרעגן, צי זאָל איך מיטנעמען דעם קישן. ער האָט געזאָגט ניין, נאָר איך בין נאָך אַלץ ניט געווען זיכער: אָט באַשרײַבט דאָך קענאַן אויך, אַז מען שיקט אַוועק מענטשן מי יודע ווי ווײַט אָט אַזוי ווי זיי שטייען און גייען . . .

איך זיץ אין אַ אַלטפּרענקישער קאַרעטע צווישן צוויי אמתע זשאַנדאַרן. דאָ האָב איך דעם ערשטן מאָל געהאַט אַן עסטעטישע באַ־פרידיגונג. אַז מען איז אַלט 18 יאָר, מוז זיך ווען זיין אין אַ ראָמאַנ־טישער סביבה, ווי דאָס פּאַסט זיך פאַר אַן ערנסטן פאַל אין לעבן. און אויפצולהכעיס איז אינם אַריבערפאָרן פון מיין דירה אויף שפּאַלערנע גאַס ניט געווען קיין שום פּאַראַד: מען האָט מיך געפירט אין אַן אָפענעם שליטן און באַלייט האָט מיך אַ פּאָליציאַנט פון צירקל...

מען האָט מיך אַוועקגעפירט אויף גאָראָכאָוואַ גאַס נומ. 2, וואו ס'האָט זיך דאַן געפונען די גובערניאַלע זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג; היינט זיצט דאָרטן די אויסעראָרדנטליכע קאָמיסיע צו קעמפן קעגן דער קאָנטררעוואָלוציע, די "טשעקאַ".

איך ווייס ניט, צי די באָלשעוויסטישע פּאָליציי האָט אָפּגעפרישט דעם לאָקאַל, נאָר אין יענער צייט האָבן זיך דאָרט געהערט אַלע גע־שמאַקע ריחות פון אַ פּאָליציייאישן צירקל, און פון דורכגיין די קאָרי־דאָרן איז שוין געוואָרן ניט גוט.

איך האָב לאַנג מיט מאַטערניש געוואַרט אין אַ קאַמער, וואָס איז געווען ספּעציעל איינגעאָרדנט פאַר אַרעסטאַנטן, און ענדליך האָט מען מיך אַריינגעפירט אינם צימער פונם "סלעדאָוואַטעל" (אויספאָרשער).

פאַר מיר איז געזעסן ביי אַ טיש אַ גראָבער אָפיציר, אין מיטעלע יאָרן, אין אַ בלויען מונדיר. זיין פּנים איז געווען פאַרגאָסן פון פעטס; קוים־קוים האָבן זיך אַרויסגעזעהן די חזירשע אייגלעך; ער האָט גע־האַט אַ שוואַרצע באָרד. דער איינדרוק איז געווען וואָס ערגער קאָן שוין ניט זיין. צו אַלע צרות האָט ער נאָך געפּרובט אַלעמאָל פירן זיין שמועס דווקא זעהר העפליך און איידל. גערופן האָט מען אים שטאַב־ריטמייסטער קוזובאָוו. לויט ווי איך ווייס, איז ער שפּעטער געוואָרן פּאָלקאָווניק און פאַרוואַלטער פון דער זשאַנדאַרמעריע אין אַדעס; דאָרטן פלעגט ער קאַטעווען די אַרעסטירטע.

ס'איז געווען גענוג געווען אָפּצוריידן מיטן גראָבן זשאַנדאַר אַ קליינע ווייל, כדי צו דערזעהן, אַז ער איז ניט נאָר אַ בייזער, נאָר אַ נאַר און אַ פלאַכע קאָפּ דערצו. וויבאַלד אַזוי, איז שוין ניט אַזוי שווער געווען צו האָבן מיט אים עסקים. דערפאַר אָבער איז ביי דער אַנדער זייט פון טיש געזעסן אַ געהילף־פּראָקוראָר, וואָס איז געווען ממש עקלדיג אין זיין אויסזעהן און מיט זיינע מאַנירן. זיין גאַנצע פיגור איז געווען טרוקן, אַן אמתער טשינאָווניק; די אויגן זיינען געווען בייז, אָהן אַ

פֿאַרב: די פֿאַרב פֿון פּנים איז געווען, ווי בײַ אַ מענטשן מיט מערידן; זײַן בליק איז תּמיד געווען אָנגעשטרענגט; וואָס ער האָט געקוקט, ווייס איך ניט — צי האָט ער געזוכט דעם רצון פֿון דער „נאַטשאַל־סטווע", צי די טרייפֿענע „קראַמאָלע", מסתּמא דאָס ערשטע, וואָרים אָטדער פּראָקוראָר — ווינק איז געווען זײַן נאָמען — האָט גראָד ניט געמאַכט קיין אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן, וואָס איז פֿאַנאַטיש איבערגעגעבן זיינע (זאָל זײַן אַפֿילו רעאַקציאָנערע) איבערצייגונגען. דער גראָבער קוזובאָוו האָט זיך געחנפֿעט צום אַרעסטירטן, און ווען ער האָט אייך אַרומגענומען מיט זײַנע חזירשע אייגעלעך, האָט זיך אײַך געדוכט, אַז ער האָט אײַך האָלט, אײַך, דעם קרבן פֿון זײַנע רדיפֿות; אָדער ער זעהט לכל־הפּחות אין אײַך אַ טריט צו אַ געשמאַקן ערפֿאָלג אין זײַן דינסט. דער דאַרער ווינק איז געווען פּונקט פֿאַרקערט: ער האָט, דוכט זיך, שוין פֿון פֿריער פֿײַנט געהאַט דעם „אָביעקט", ווײַל ער האָט געשפּירט דעם באַשולדיגטנס מאָראַלישע אומאָפּהענגיגקייט און געוואוסט, אַז אויב ער וועט פּרובן ברעכן די נשמה, וועט ער זיך אָנשלאָגן אויף אַן אומבאַזיגליכן פּסיכאָלאָגישן כּוח. וועגן אַזעלכע גאַליגע אינקוויזי־טאָרן — שוואַרצע אָדער רויטע, אַלץ איינס — זאָגן זייערע ליב־האַרציגע פֿרויען: אוי, ווי די בייזע רעוואָלוציאָנערן (אָדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן) מוטשען אים!

דאָס בײַזײַן פֿונם פּראָקוראָר האָט פֿאַרגרעסערט מײַן אומרויִקייט. כ'האָב געמיינט, אַז בײַ פּאָליטישע ענינים קומט צו גיין אַ פּראָקוראָר נאָר דאַן, ווען מען רעכנט פֿאַרפֿירן אַ פּראָצעס; און וויסנדיג, אַז אַלעקסאַנדער III. רעגירונג האָט ניט האָלט קיין פּראָצעסן, האָב איך ניט געוואוסט, וואָס דאָ טוט זיך.

מען האָט מיך אַוועקגעזעצט, און, ווי דער שטייגער איז, גענומען מאַטערן מיך מיט לאַנגע נאָכפֿרעגענישן: ווען און וואו איך בין גע־בוירן געוואָרן, ווי אַזוי רופֿט מען מײַנע עלטערן, מײַנע ברידער א. ד. ג. דערנאָך האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן עטליכע ווערטער, אַז פֿאַר מיר לוינט בעסער צו זײַן אָפֿן, און מען האָט מיך גענומען פֿרעגן, צי איך קען די און די פּערזאָנען. זיי האָבן אויסגערעכנט די חברים, וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין יאַנואַר, ווײַטער גאָלאָווינען, נאָך עפּעס אַ פֿרײַ־ען צוהערער, וואָס ריזענקאַמף האָט מיך אַמאָל באַקענט מיט אים, און צוויי פּערזאָנען, וואָס איך האָב בכלל ניט געקענט: דעם קאַנדידאַט פֿון מאַטעמאַטיק נ. און איינעם ב., וואָס האָט געהאַט געענדיגט דעם

אוניווערסיטעט. איך האָב געענטפֿערט, אַז מיט גאַלאָווינען האָב איך אינאיינעם געענדיגט גימנאַזיע, עטליכע פֿון די אַנדערע פֿלעג איך באַגעגענען אין מײַן קורס; עטליכע נעמען ווידער האָב איך דערהערט בשעת די אַרעסטן, ווײַל אין אוניווערסיטעט האָט מען גערעדט וועגן דעם.

אויף דעם האָט קוזובאָוו געענטפֿערט, אַז „זיי ווייסן אויף זיכער", אַז איך בין געווען נאָהענט באַקענט מיט די פּערזאָנען; איך וועל בעסער מאַכן, אויב איך וועל אַליין דערציילן, וואָס פֿאַר געשעפֿטן איך האָב מיט זיי געהאַט.

איך האָב זיך געמאַכט ניט וויסנדיג, מען האָט זיך גענומען שפּאַרן ווי דער שטייגער איז. מיטאַמאָל ציהט קוזובאָוו אַרויס פֿונם פּעקל פּאַפּירן די צוויי פּראָקלאַמאַציעס און גיט אַ פֿרעג: „איר וועט דאָך ניט גיין זאָגן, אַז איר ווייסט ניט, וואָס דאָס זײַנען פֿאַר פּאַפּירלעך?"

אין מײַן האַרצן האָט זיך שוין דערווײַלע דערוועקט דער אינסטינקט פֿון יענעם פּסיכאָלאָגישן קאַמף, וואָס קומט תּמיד פֿאַר צווישן דעם אויספֿאָרשער און דעם פֿאַרברעכער. אַ געדאַנק איז אַדורך דורך מײַן קאָפּ: מאַכן זיך אינגאַנצן ניט וויסנדיג, מעשה־יינגל, טויג ניט. האָב איך זיך געפּלײַסט צו זײַן ווי ווײַט מיגליך רוהיג און אָפּגעענטפֿערט:

„ניין, כ'האָב זיי געזעהן: מיט אַ מאָנאַט צוריק האָט מען זיי פֿאַרשפּרייט אין אוניווערסיטעט".

דער זשאָנדאר האָט זיך פֿאַראינטערעסירט און אַ פֿרעג געטאָן:

„פֿון וועמען האָט איר זיי באַקומען?"

כ'האָב געענטפֿערט ווי ווײַט מיגליך מיט אַ נאַטירליכן קול, אַז אַרויסגייענדיג פֿון אוניווערסיטעט האָב איך דאָס געפֿונען אין מײַן מאַנטלקעשענע.

„און וואָס האָט איר געטאָן, געפֿינענדיג די פּראָקלאַמאַציעס? איר וועט געוויס זאָגן, אַז איר האָט זיי ניט איבערגעלייענט און באַלד פֿאַרניכטעט?"

כ'האָב דערשפּירט אַ „פּסיכאָלאָגישע" פּאַסטקע און געפּלײַסט זיך ניט צו פֿאַרהאַקן זיך מיט מײַן ענטפֿער. אַלע געפֿילן זײַנען אָנגעשטרענגט ביז גאָר, דער מוח אַרבעט ענערגיש און קלערט צו אויף גיך אַ פּלאַן.

„ניין, כ'האָב זיי איבערגעלייענט" האָב איך געענטפערט.

„נו, און דערנאָך?"

„דערנאָך האָב איך דאָס פאַרניכטעט".

דער רייטמייַסטער שמייכלט מיט אומצוטרוי.

„נו יאָ, פאַרניכטעט", חזר איך איבער אייַנגעשפאַרט. געפונען און אויפגעעפנט די פּראָקלאַמאַציע האָב איך אויף דער גאַס; האָב איך מורא געהאַט, אַז עמיצער האָט דאָס באַמערקט בייַ מיר אין האַנט, און איך האָב געזעהן פטור צו ווערן דערפון".

„יאָ־יאָ, מיר ווייסן, ווי אַזוי איר זייַט פטור געוואָרן דערפון", מישט זיך אַרייַן מיט גיפט דער פּראָקוראָר: „איר האָט דאָס איבער־געגעבן דעם פרייַען צוהערער ריזענקאַמפן".

איך לייקן.

„און מיר ווייסן אָבער אויף זיכער", זאָגט דער זשאַנדאַר, מיט אַ קוועטש אויפן וואָרט „זיכער", „אַז איר האָט איבערגעגעבן ריזענקאַמפן דרייַ פּראָקלאַמאַציעס פונם "פרייַען וואָרט" און דרייַ פון אַ גרופּע נאַראָדאָוואָלצעס".

אַזוי ווי איך האָב האַרטנעקיג געלייקנט, איז דער זשאַנדאַר גע־וואָרן ווייכער. ער האָט מיר געגומען אייַנריידן, איך זאָל ניט איבער־פירן מייַן קאַריערע; פון מיר אַליין איז געווענדט, צי איך וועל נאָך זיצן לאַנג; איך זאָל ניט מצער זייַן מייַנע עלטערן. ווענדנדיג זיך צום פּראָקוראָר, גיט ער אַ זאָג מיט אַ זיסינקן שמייכעלע, אַז אָקאָרשט איז געווען בייַ אים מייַן מאַמע, „זעהר אַ חשובע פרוי, וואָס גייט אויס פון האַרצווייטאָג איבער מייַן אַרעסט". „זי איז נאָך דאָ, און איר וואָלט זי געקאָנט זעהן", גיט ער מיטאַמאָל אַ וואָרף צו מיר אַ וואָרט, און ער הייבט מיר אָן צו דערציילן, וואָס פאַר אַ צער מייַנע קרובים האָבן פון מיר.

שפּירנדיג, אַז דער פּסיכאָלאָגישער דרוק אויף מיר דערגרייכט די העכסטע מדרגה, ענטפער איך אָפּ מיט אַ באַליידיגטן קול, אַז איך האָב זיך קיינמאָל מיט קיין פּאָליטיק ניט פאַרנומען, איך אינטערעסיר זיך נאָר מיט נאַטורוויסנשאַפטן און איך פאַרשטיי ניט, וואָס מען וויל האָבן פון מיר.

„נו, אויב אַזוי, זיצט אָפּ, וועט איר אפשר פאַרשטיין, אַז ס'איז גלייַכער ניט צו לייקענען", האָט אַרויסגערעדט דער זשאַנדאַר מיט אַ פּנים פול מיט לאַנגווייַליגקייט, און געהייסן מיך אַרויספירן.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומעטיגע צייט אין טורמע; נאָר ווען ניט־ווען פֿלעגט מען אַרויסרופֿן אויף גאַראַכאָווע: פֿריער אויף אָפּצו־פֿאָטאָגראַפֿירן, דערנאָך צו זעהן זיך מיט דער מוטער. זי האָט זיך גאַנץ גיך דערשלאָגן אַן ערלויבעניש אויף אַ „זעהונג״. די מוטער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער פֿאָטער איז זיך משתדל וועגן באַפֿרייען מיך אויף ערבות, און ער שפּאַרט זיך דערביי אָן אויף עפּעס אַ פּראָ־טעקציע. אויך בין איך פֿון איר געוואויר געוואָרן וועגן דעם, וואָס איך האָב שוין אַליין געקלערט: אַז אין דערזעלביגער נאַכט וואָס איך, זיינען אַרעסטירט געוואָרן גאַלאָווין און דער אויבנדערמאָנטער פֿרייער צוהערער, מיטן נאָמען ווינטערפֿעלד. מען האָט צוגענומען נאָך אַזוינע, אויף וועלכע איך האָב ניט געקלערט: דעם פֿרייוויליגן סאָלדאַט וויינשטאָק, אַ באַקענטע מיינע, די קורסיסטקע מאַרגאַריטאַ ניקאָלאַיעווגאַ טיכאָמיראָוואַ, און איר ברודער, אַ גימנאַזיסט; אים האָבן די זשאַנדאַרן געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר — דאָ מיט סטראַשונקעס, דאָ מיט פֿאַרשיידענע צוזאָגן.

גראָד האָבן אין יענער צייט געגומען בטל ווערן אין אונזער טורמע די מאַטאָווע פענסטערשויבן, וואָס פֿלעגן פֿריער אָנמאַכן אין די קאַמערן אַ פֿאַרדראָסיגע האַלב־טונקלקייט און אויף אַן אמת איזאָלירן די אַרעסטירטע. אַמאָל איז דאָס געווען איינגעפֿירט, כדי צו ווייזן, אַז די טורמע איז באמת אַ „מוסטערהאַפֿטע״.

קאָנטיג, די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן אָנגעהויבן, ווי נאָר מען פֿלעגט זיי ברענגען אַהער, אין דער מוסטערהאַפֿטער שינדעריי, אויס־זעצן די קליינע מאַטאָווע שייבלעך אָדער אויסקראַצן אויף זיי קליינטשינקע בלאַנקע ערטער, כדי צו זעהן, וואָס עס טוט זיך אויף גאַטס וועלט. תּחילת האָט די „מוסטערהאַפֿטע״ סיסטעם ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין הנחות, די אַקטיווע כּוחות פֿון דער רעאַקציע האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן, און די טורמע־אַדמיניסטראַציע פֿלעגט אַריינשטעלן אָנשטאָט די אויסגעהאַקטע שויבן נייע, אויך פֿון דעם אייגענעם מין. אָבער צום סוף פֿון די 80־ער יאָרן, ווען די רעוואָלוציאָנערע הידרע איז דערשטיקט געוואָרן, איז די גאַנצע סיסטעם פֿון דער רעאַקציע עפּעס צעקראָכן געוואָרן, די שרויפֿן האָבן זיך אָפּגעשרויפֿט, די באַאַמטע זיינען געוואָרן פֿויל און אָפּגעלאָזן. צי מען האָט זיך געפֿוילט, צי מען האָט געזשאַלעוועט געלט אויף די פֿריערדיגע טייערע שויבן, נאָר די אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעהויבן מאַסנווייז אַריינשטעלן פּשוטע גלאָז

אָנשטאָט די מאַטאָווע, און די זשאַנדאַרן און פּראָקוראָרן האָבן זיך גע־מאַכט ניט זעהענדיג די דאָזיגע „אומאָרדענונג". צו־ביסלעך האָבן זיך אויף די מאַטאָווע שויבן אויך באַוויזן בלאַנקע פליכן, און די „איזאָ־לאַציע פון דער ראיה" האָט זיך געענדיגט. ווער ווייס! אפשר איז דאָס געווען דער ערשטער ריס, וואָס דאָס לעבן האָט אָנגעמאַכט אין דער גראָבער וואַנט פון אַלעקסאַנדר דעם דריטנס רעאַקציע.

נאָר אין יענער צייט — אָנהייב 1892 — איז נאָך די סיסטעם געשטאַנען אויף אַזויפיל פעסט, און פון דער אַנדער זייט איז נאָך די צאָל שונאים געווען אַזוי קליין, אַז עס איז ניט שווער געווען איינצו־קוואַרטירן אַלעמען אין מיידלש־אומשולדיגע מאַטאָווע איזאָלאַטאָרן. איך האָב אויך געהאַט אַזאַ מזל. און ווייל ס'זיינען געווען ניט קיין סך „פּאָליטישע" אין טורמע, האָט מען זיי געקאָנט אויסזעצן אַזוי ווייט איינס פונם אַנדערן, אַז מען האָט ניט געדאַרפט מורא האָבן, זיי זאָלן זיך ניט „דורכקלאַפּן" דורך די ווענט. שפּאַצירן פלעגט מען אונז אַרויסלאָזן אין אַן ענגן שטייגל, און טאָמער פלעגן מיר פּרובן דאָרטן אָנשרייבן עפּעס אויף די ווענט, פלעגט דער שומר דאָס באַלד נאָך יעדער איינעם פאַרשמירן מיט פאַרב. ס'איז דעריבער געווען אַן אמתע שמחה, ווען עפּעס אַן אַרעסטירטן פלעגט זיך איינגעבן פאָרט צו געבן אַ ידיעה זיינע חברים. כ'געדענק, אַז דער ערשטער סימן, וואָס איך האָב געזעהן, איז געווען איין שורה, אויסגעקריצט אויף אַ בלעכענעם טעלער; אויף די טעלערס פלעגט מען אונז געבן קאַשע, און אין קיך פלעגט מען זיי אָפּט פאַרבייטן. דאָרטן איז געשטאַנען: „קופער גריסט ביין". קופער און ביין זיינען געווען די קאָנספּיראַטיווע צונעמען פון מאָלטשאַנאָוו און שאַרין.

אַנדערע סימנים פלעגן די אַרעסטירטע איבערלאָזן אין די ביכער פון דער טורמע־ביבליאָטעק, הגם ס'איז געווען אויף דעם זעהר אַ שטרענגע צענזור. די ביבליאָטעק איז אין יענער צייט געווען באמת אַ מוסטערהאַפטע, ווייל דאָרט האָבן זיך געפונען אַלטע זשורנאַלן פון די 70־ער יאָרן און אַ שפּאָר ביסל קאָנפיסקירטע אויסגאַבן פון די 60־ער יאָרן. פונם ערשטן טאָג אָן האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די ביכער, און, לויט ווי דער כלל איז געווען, פלעג איך אַראָפּשלינגען אַלע טאָג אַ בוך. כ'האָב זאָרגעוודיג געזוכט די פון דער צייט האַלב אָפּגע־מעקטע פינטעלעך (טייל האָט די צענזור אויך אָפּגעמעקט, אָבער ניט אַלעמאָל איינגאַנצן) און סימנימלעך אונטער די אותיות פון טעקסט; די־

אַרעסטירטע פלעגן אויף אַזאַ אופן אויפשטעלן גאַנצע בריוו' געגויע באַשרײַבונגען פון זייערע פּראָצעסן און פון די „דורכפאַלן" איבער וועלכע מען האָט זיי אַרײַנגעזעצט. לויט די דאָזיגע בריוו האָב איך אַ ביסל דערגאַנצט מײַנע קענטענישן וועגן דער געשיכטע פון דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג: ס'זײַנען דאָרטן געווען נאָטיצן פון די אײַנטייל־נעמער פונם ערשטן-מערץ־פּראָצעס פון 1887, פון לאָפּאַטינס ענין א. אזי. וו. איבערהויפט געדענק איך אַסך געשריפטסן פונם פּאָעט פ. פ. יאַקובאָוויטש: ער האָט פאַרשריבן אויף די פאַרגעלטע בלעטער פון די טורמע־ביכער אַסך שירים זײַנע, וואָס זײַנען נאָך דאַן ניט געווען פובליקירט — אַלץ מיט דיזעלביגע פינטעלעך.

מ'קאָן זיך גרינג פאָרשטעלן, ווי שטאַרק דערציהעריש דאָס אַלץ האָט געמוזט ווירקן אויף אַזעלכע יונגעלײַטלעך, ווי איך. איך בין דאָ געקומען אין אַ פאַרבינדונג מיט די שאָטנס פון פאָרשטייער פון די אַמאָליגע, ראָמאַנטיש־פאַרנעפּלטע רעוואָלוציאָנערע דורות; איך האָב זיך אַרײַנגעלייענט אין קורצע באַריכטן וועגן די שווערע מאָמענטן פון זייער קדושים־וועג, אין קורצע צוואות צו די חברים, וואָס זיי פלעגן איבערלאָזן אַוועקגייענדיג אויף קאַטאָרגע אָדער אויף טויט־שטראָף.

שפּעטער, ווען די אַדמיניסטראַציע איז ווידער געקומען צו זיך, האָט מען די מער פאַרשריבענע ביכער צוגענומען; און 1906, ווען איך בין געקומען צו גיין אַהין שוין ביים „נײַעם רעזשים", האָב איך שוין מער ניט געפונען די שפּורן פון יענער טראַגישער צײַט.

איך בין געווען אַרײַנגעטאָן אין לייענען, און ס'איז מיר ניט גע־ווען אומעטיג. פון דעם זשאַנדאַרישן פאַרהער בין איך נאָר אויף אַ ווײַלע אומרוהיג געוואָרן. איך האָב געהאַט אַן אינסטינקטיוון חשק אָפּ־צופטרן אַלע שווערע געדאַנקען, און דעריבער האָב איך, באַקלערנדיג דעם פאַרהער, אָפּגעשטעלט זיך בײַ דער השערה, וואָס האָט זיך אַמ־מערסטן געלייגט אויפן שכל, און דערבײַ בין איך שוין געבליבן, ווי ביי אַ הייליגן אמת. ריזענקאַמפּן האָט מען אַפּנים אויסגעשפּירט — אַזוי איז ביי מיר געבליבן. איך בין געווען בײַ אים ערב דעם אַרעסט, אפשר בין איך גאָר געווען בײַ אים דער לעצטער גאַסט. אַפּנים מען האָט מיך אויסגעשפּירט, און געפינענדיג בײַ אים די פּראָקלאַמאַציעס, האָט מען באַשלאָסן, אַז דאָס האָב איך געקאָנט אַרײַנטראָגן צו אים. אָנגענומען די דאָזיגע דערקלערונג, האָב איך באַשלאָסן, אַז ס'איז אַן ערע־זאַך פאַר מיר ניט מודה צו זײַן בשום־אופן, אַז איך האָב

געבראַכט די פּראָקלאַמאַציעס, וואָרים ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך קאָן מיט דעם אונטערשטעלן אַ פּיסל ריזענקאַמפּף׳ צעשטערנדיג זײַן פאַרטיידיגונג: ס׳קאָן דאָך, למשל, געמאָלט זײַן, ער זאָל האָבן געזאָגט, אַז מען האָט אים אונטערגעוואָרפן די בלעטלעך. אין אַ וואָך צוויי אַרום איז פאָרגעקומען דער צווייטער שמועס מיט די זשאַנדאַרן, און מחמת איך האָב זיך געהאַט אײַנגעגעסן אין דעם געדאַנק, האָב איך כסדר געלייקנט שטיין און ביין, ניט געקוקט אויף מיין אומגעניטשאַפט און מײַן שרעקעדיגקייט.

ווידער בין איך געפאָרן מיט די זשאַנדאַרן אין אַ קאַרעטע, און ווען דאָס פאַרהענגל פלעגט זיך אָפּרוקן אינאַזײַט, פלעג איך אויס־ניצן די רגע און אַרויסקוקן אין דרויסן, כדי צו כאַפּן מיטן אויג אַ שטיק לעבן, צו דערזעהן אַ פּאָר אַדורכגייער אָדער צו וואַרפן אַ בליק אויף דער ברייטער פּערספּעקטיוו פון דער שיינער נעוואַ.

ווידער האָט מען מיך געלאָזט וואַרטן אין אַ דומפּיגער קאַמער, ווידער האָב איך זיך דערשפירט ניט־גוט, ווען איך בין אַרײַן אין דעם ניט־היימליכן קאַבינעט פונם זשאַנדאַרישן אויספאָרשער און באַגעגנט זיך מיטן בליק פונם רײַטמײַסטער און דעם פּראָקוראָר.

פריער האָט קוזובאָוו מיר געשטעלט אַ פּאָר בייסיגע פראַגן, צי בין איך ניט בעסער געוואָרן, אָפּזיצנדיג איינער אַליין; דערנאָך האָט ער דערקלערט מיט אַ וואָגיגער שטים, אַז די אויספאָרשונג האָט אויס־געפונען נײַע ראַיות אויף מײַן אײַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע סדרה: איר זייט דאָך אַ מענטש מיט שכל, איר דאַרפט דאָך אַליין פאַרשטיין, אַז מיט אײַנשפּאַרן זיך פאַרציהט איר נאָר די אויספאָרשונג, און צוליב דעם וועט אײַך אויסקומען זיצן לענגער. דערנאָך גיט דער וואוילער זשאַנדאַר אַ זאָג מיט אַ געהייבענעם קול:

„נו, איך וועל אײַך זאָגן, וואָס איר האָט געטאָן. אין דעם און דעם טאָג האָט איר זיך אויף דער און דער דירה אויפגעטראָפן מיט ראַדינען, ווינאָגראַדסקין און ריזענקאַמפּן און באַשלאָסן אָפּצודרוקן אויפן העקטאָגראַף די בראָשורן פון קענאַנען און צעבריקאָוואַ. דעם און דעם טאָג האָט איר זיך פונדאָסנײַ אויפגעקליבן דאָרט און דאָרט, און ווען איר האָט געהאַלטן אין אַוועקגיין, האָט ראַדין אײַך אויפן טרעפּ גע־הייסן באַקומען ערגעץ העקטאָגראַפישע טינט; איר האָט צוגעזאָגט.“

די פֿאַקטן זײַנען אַלע געווען ריכטיג. דערציילנדיג דאָס, האָט קוזובאָוו געקוקט אין אַ העפֿט מיט דער „דיעלע", און ס'האָט זיך גע־דוכט, אַז ער לייענט פֿון דאָרט גאַנצע זײַטן. משמעות ער האָט געהאַט פֿאַר זיך עמיצנס אויסזאָג. געענדיגט זײַן דערציילונג, האָט ער מעשה־זיגער אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זײַנע חזירשע אייגעלעך.

די געדאַנקען האָבן זיך בײַ מיר פֿאַרפּלאָנטערט; איך בין מטושטש געוואָרן. דער אינסטינקט פֿון זעלבסט־אויפֿהיטונג האָט מיר געזאָגט: „ספֿק ניט, טראַכט ניט", נאָר ערגעץ אין די ווינקעלעך פֿון מוח איז שוין אָנגעגאַנגען אַ קלערעניש. כ'האָב געפּרובט טרעפֿן, ווער ס'האָט געקאָנט איבערגעבן אָטדי פּרטים, וואָס נאָר אַ קליינע גרופּע מענטשן האָט זיי געוואוסט. איך האָב אָנגעשטרענגט מײַן גאַנצן ווילן, כדי אָפּצוטרײַבן דעם געדאַנק, אַז עמיצער פֿון די חברים האָט זיך געקאָנט מודה זײַן. כ'האָב, דוכט זיך, געפֿילט, אַז ווען איך פֿאַרליר כאָטש אויף איין רגע דעם צוטרוי צו די חברים, ווער איך בטל פֿאַר די צוויי געניטע שפּירהינט און ס'נעמט זיך טרייסלען מײַן אייגענע פֿעסטקייט. דער שכל האָט אונטערגעזאָגט אַ תּירוץ: אויב זיי וואָלטן דאָס געוואוסט פֿון עמיצן פֿון אונזערע לײַט, וואָלטן זיי מיר אָנגערופֿן זײַן נאָמען, זיי וואָלטן מיר געוויזן זײַן אויסזאָג. נאָר אין דער אייגע־נער צײַט האָט דער אינסטינקט פֿון זעלבסט־אויפֿהיטונג פֿאַרהאַלטן די פֿראַגע, וואָס איז מיר שוין געלעגן אויפֿן שפּיץ צונג: „נו, זאָגט, ווער האָט דאָס אייך דערציילט?" כ'האָב מורא געהאַט פֿאַר דער פֿראַגע און מורא געהאַט פֿאַרן ענטפֿער, ד"ה איך האָב ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר וועט ווערן, אויב איך וועל דערהערן דעם אמת אָדער דעם כלומרשטיגן אמת. מײַן געדאַנק האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער ערשטער בעסטער השערה („הינטער ראַדינס וואַנט האָט עמיצער אונטערגע־הערט"), און איך בין געבליבן שטײַף בײַ זיך: דער זשאָנדאַר האָט געפֿרעגט, דער פּראָקוראָר האָט קוים אײַנגעהאַלטן זײַן כעס, און איך האָב אַלץ געטענהט מײַנס: איך הייב ניט אָן צו וויסן; בײַ ראַדינען אין דירה בין איך ניט געווען, קיין העקטאָגראַפֿישע טינט האָב איך ניט געקויפֿט, פֿון קענאַנס און צעבריקאָוואַס בראָשורן ווייס איך ניט, פֿון אַלע אָנגערופֿענע פֿערזאָנען קען איך מערניט איין ריזענקאַמפֿן.

דער זשאָנדאַר האָט זיך אומגעקערט צו דער באַשולדיגונג, אַז איך האָב איבערגעגעבן די פּראָקלאַמאַציעס, נאָר איך האָב דאָס אויך געלייקנט. דער פּראָקוראָר איז געוואָרן אַ צעקאָכטער, דערקלערט, אַז

מער איז ניטאָ וואָס צו ריידן, און פֿאַרגעלייגט מיר, איך זאָל איבערגעבן מײַן לייקעניש שריפֿטליך. דער רײַטמײַסטער האָט געזאָגט, אַז עס פֿאַרדריסט אים זעהר, נאָר מײַן אײַנגעשפּאַרטקייט וועט שווערער מאַכן מײַן פּסק, מחמת דאָס איז אַ סימן, אַז איך בין אַן אײַנגעגעסענער עקשן. איך האָב געפֿרעגט, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער מיט מיר, און מען האָט מיר געענטפֿערט מיט ברייטקייט, אַז ווען עס וועט פֿאַרענדיגט ווערן די אויספֿאָרשונג, וועט מען באַשליסן, צי מען זאָל מיך איבערגעבן צום געריכט אָדער פֿאַרענדיגן די זאַך אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון שטייגער.

אומגעקערט זיך אויף שפּאַלערנע גאַס, האָב איך געהאַט גענוג צײַט צו באַקלערן קאַלטבלוטיג, וואָס דאָ טוט זיך. מײַנע חברים, אַחוץ ריזענקאַמפֿן, האָב איך געקענט ווייניג, נאָר ווײַל איך האָב זיי געקענט פֿאַר עלטערע מענטשן, מיט אַ ביסל גענויטשאַפֿט אין קאָנספּיראַציע, האָב איך זיך אַפֿילו ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז ווער עס איז פֿון זיי זאָל פֿון אומפֿאָרזיכטיגקייט אָדער פֿון נאַרישקייט וועגן אַרײַנפּלאָנטערן אין זייער ענין מיך, וואָס מען האָט מיך בײַ קיין זאַך ניט געכאַפּט. אָט איז, למשל, סטאַווראָווסקי, האָב איך געקלערט; ער האָט זיך אויך באַטייליגט אינם ענין, נאָר אים האָט מען ניט אויסגעשפּירט בשעת די יאַנואַר־אַרעסטן, און אָט ווערט זײַן נאָמען ניט דערמאָנט אין די אויסזאָגענישן. און כ'האָב זיך ווידער אומגעקערט צו דער השערה, אַז מען האָט נאָכגעקוקט נאָך ראַדינען אין זײַן דירה, מ'איז געוואויר געוואָרן וועגן אונזערע פֿאַרזאַמלונגען בײַ אים און בײַ זײַן גוטן־פֿרײַנט אָטראַשקעוויטשן, מ'האָט אויף עפּעס אַ סודותדיגן שטייגער אונטערגעהערט אַ טייל פֿון אונזערע שמועסן, און אויף דעם סמך האָט מען אויפֿגעבויט „אַ בילד פֿונם פֿאַרברעך". פֿאָרשטעלן זיך, אַז מײַן נאָהענטסטער חבר ריזענקאַמף האָט געקאָנט אויסזאָגן פֿון חדר אָדער בפּועל־ממש פֿאַרמסרן מיך — דאָס האָב איך בשום־אופֿן ניט געקאָנט, און מיט אַ געפֿיל, אַז איך פֿאַרזינדיג זיך פֿאַרן חבר, פֿלעג איך אָפּטרײַבן דעם דאָזיגן געדאַנק. אָבער שוין דאָס איבערקלערן אַליין האָט מיך דעמאָראַליזירט און אַרויסגעשלאָגן פֿון גלײַכגעוויכט.

שפּעטער האָב איך אָפֿטמאָל געטראַכט, ווי טעמפּ ס'זײַנען געווען אויף פּסיכאָלאָגיע אָטדי מיטלמעסיגע טוער פֿון זשאַנדאַרמעריע און פֿון אויספֿאָרשונג, ווען זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט אונז יונגוואַרג. נאָכן צווייטן פֿאַרהער איז מײַן גייסטיגער צושטאַנד געווען אַזאַ, אַז

ווען זיי רופֿן מיך אַרויס נאָכאַמאָל און ווײַזן מיר דעם אָריגינאַל פֿון ריזענקאַמפּס אויסזאָגי, אָדער ווען זיי פֿירן מיך צונויף מיט אים אינאיינעם און באַווײַזן מיר נאָך „אויף פֿאַרבײַסנס“ דעם פּראָטאָקאָל, וואו ראַדין (אויף וועלכן איך האָב געקוקט, ווי אויף אַן אויסגעפּרובטן רעוואָלוציאָנער), באַשטעטיגט ריזענקאַמפּס ווערטער — ווער ווייס, צו איך וואָלט געבליבן פֿעסט. כ׳קאָן ניט זאָגן אויף זיכער, אַז נאָך אַזאַ קלאַפּ וואָלט איך נאָך געקאָנט מיט דער אייגענער באַהאַרצטקייט מלחמה האַלטן מיטן שונא.

דאָס אַלץ האָב איך איבערגעקלערט, ווען איך בין געוואויר געוואָרן, ווי אַזוי די זאַך האָט זיך אַנטוויקלט. איך האָב זיך דערשראָקן פֿאַר דער גרויסער סכנה, אין וועלכער מײַן מאָראַלישע פּערזענליכקייט וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן, ווען מען זאָל מיר געווען באַווײַזן דעם חורבן, וואָס די גריבענע זשאָנדאַרן האָבן אָנגעמאַכט אין דער נשמה פֿון איינעם פֿון אונזערע מיטקעמפֿער. און וויבאַלד אַזוי, האָב איך שוין כמעט אין דער ערשטער מינוט גובר געווען מײַן צאָרן אויף ריזענקאַמפֿן, און איך בין דורכגעדרונגען געוואָרן מיט אַ טיפֿער רחמנות צו אים: זעהענדיג, ווי גיך ער האָט זיך אונטערגעגעבן, האָב איך פֿאַרשטאַנען, ווי ניט־צוגעגרייט מיר אַלע זײַנען אַרויס אין קאַמף, וואָס האָט אונז געצויגן צו זיך.

ווען איך בין אַרויס פֿון טורמע, בין איך דערגאַנגען, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז פֿאָרגעקומען, צי ראַדין, צי ריזענקאַמף, דאָס ווייס איך ניט אויף קלאָר — נאָר איינער פֿון זיי האָט אײַנגעשפּאַנט אין דער טעכני־שער אַרבעט דעם אויבנדערמאָנטן בעליאַיעוון, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן אַגענט פֿון אָכראַנע. די איראָניע פֿונם מזל האָט געוואָלט האָבן, אַז מען זאָל דעם פּראָוואָקאַטאָר גראָד איבערגעבן די פֿאַרבינדונג צווישן די קוואַרטירן: טראָגן די אָפּגעדרוקטע בויגנס, היטן דעם וואַליק א׳ ד׳ ג׳ אויף אַזאַ אופֿן האָט ער געקאָנט אָנווײַזן דער אָכראַנקע, אויף וועלכע דירות מען דאַרף וואַרפֿן אַן אויג: ראַדינס, אָטראַשקעוויטשעס, ווינאָגראַדסקיס און שאַריס מיט מאָלטשאַנאָווס (מיט שאַרין האָט ראַדין געהאַט נאָך באַזונדערע אומלעגאַלע געשעפֿטן). צופֿעליג האָט בעליאַיעוו ניט געוואוסט ניט וועגן מיר, ניט וועגן סטאַוראָווסקין. אָנהייבנדיג די אונטערזוכונג, האָט קוזובאָוו זיך געבומען צו ריזענקאַמפּס מוטער: דאָס איז געווען אַ גענעראַלס אַ ווײַב מיט עקסט־רעאַקציאָנערע איבערצײַגונגען, וואָס האָט אָדער זעהר

שטאַרק ליב געהאַט דעם זון אָדער געווען אויפֿגעבראַכט׳ אַלס פריצטע· וואָס איר זון האָט זיך געפֿירט מיט כלערליי „גאָרנישטן” און געוואָרן אַ „מלוכה־פֿאַרברעכער”· דער זשאָנדאַר האָט געפרובט ווירקן דורך איר; ער האָט איר אײַנגערעדט׳ אַז די זאַך קאָן ווערן ערנסט׳ און געהייסן איר ווירקן אויפֿן זון׳ אַז ער זאָל אָפֿן מודה זײַן׳ די אַלטע מכשפה האָט זיך ניט לאַנג געלאָזט בעטן און מיט איר אייגענעם אינסטינקט (אפֿשר האָט נאָך דער זשאָנדאַר אונטערגעהאָלפֿן) האָט זי אָנגעהויבן באַלד פֿון די רעכטע געדיכטע· זי האָט אויסגענאַרט בײַם זון די ידיעה׳ ווער עס האָט אים איבערגעגעבן די פּראָקלאַמאַציעס (ס׳קאָן זײַן׳ אַז ער האָט דאָס איר אַליין דערציילט און געבעטן איבערגעבן מיר׳ איך זאָל זיך היטן)׳ און אויסגעזאָגט דאָס דעם זשאָנדאַר· אַ פסיכאָלאָגישער קוריאָז: נאָכדעם ווי זי האָט דאָס אָפּגעטאָן׳ האָט די פריצטע געפֿונען פֿאַר נייטיג צו וואָרענען מיך מיט האַלבע ווערטער· ווען מען האָט מיך אַרעסטירט׳ האָבן די זשאָנדאַרן גענומען אײַנריידן ריזענקאַמפֿן׳ אַז „זיי וויסן אַלצדינג”׳ און די אַלטע האָט אים פֿאַרסמט אַלע באַגעגענישן מיט היסטערישע קולות׳ ער זאָל זיך אָפֿן מודה זײַן׳ סוף־כל־סוף האָט ריזענקאַמף טאַקע „באַשטעטיגט”׳ אַז ער האָט באַקומען פֿון מיר די פּראָקלאַמאַציעס׳ און נאָכדעם ווי ער איז געווען דעמאָראַליזירט פֿון דער ערשטער זינד׳ האָט ער שוין אויסגעזאָגט סודות וועגן דער אַרבעט פֿון אונזער קרייזל; וועגן יענע פערזאָנען און מעשים׳ פֿון וועלכע די זשאָנדאַרן האָבן אינגאַנצן ניט געוואוסט׳ האָט ער געשוויגן·

וועגן ריזענקאַמפֿס „אַנטפּלעקונגען” האָבן די זשאָנדאַרן צוליב עפּעס אַ טעם ניט דערציילט קיינעם׳ אַחוץ ראַדינען׳ וועמען זיי האָבן געהאַלטן פֿאַרן „אָנפֿירער” (אַזוי האָט זיך טאַקע גערופֿן דער גאַנצער „ענין”: „דער ענין פֿון ראַדינען”)· בכדי מען זאָל ניט זוכן ווײַטער׳ האָט ראַדין באַשטעטיגט׳ אַז ער איז געשטאַנען אין צענטער פֿון אונזער גאַנצער „קראַמאָלע”; ער האָט דערבײַ ניט קיין קלער געטאָן׳ אַז ער פסלט דערמיט די פֿאַרטיידיגונג פֿון יענע חברים׳ וואָס זײַנען געגאַנגען מיט דעם גאַנג׳ ווי איך: לייקענען שטיין און בײַן· שפּעטער׳ בײַ מער ערנסטע ענינים׳ פֿלעגט אַזאַ אומפֿאָרזיכטיגקייט אָנמאַכן די גרעסטע צרות·

דאָס בין איך אַלצדינג געוואויר געוואָרן שפּעטער׳ ווען איך בין שוין באַפֿרייט געוואָרן· באַלד נאָך יענעם פֿאַרהער האָט מײַן מוטער

מיר איבערגעגעבן, אַז מען הייבט אָן באַפֿרײַען אויף קליינע ערבות־געלט די פּערזאָנען, וואָס זײַנען אַרעסטירט וועגן אונזער ענין; וועגן מיר האָט מען שוין אויך אָנגעגעבן אַ בקשה. צו־ביסלעך האָט מען באַפֿרײַט אַלעמען, אַחוץ ראַדינען, שאַרין און מיר. די ערשטע צוויי האָט מען זיך בכלל אָפּגעזאָגט צו באַפֿרײַען, מיך האָט מען „פֿאַר מײַן אײַנגעשפּאַרטן לייקענען" געוואָלט אָפּהאַלטן וואָס לענגער. נאָך לאַנגע השתדלותן האָט מען ענדליך אײַנגעשטימט אַרויסצולאָזן מיך פֿאַר 1000 רובל ערבות. לויט יענער צײַט איז דאָס בכלל געווען ניט קיין קליינע סומע, און אַחוץ דעם איז מײַן פֿאָטער געווען אַזוי אָנגעשראָקן פֿון די זשאַנדאַרישע רייד וועגן מײַן „עקשנות", אַז ער האָט געקלערט, אַז מען וועט מיך אפֿשר מוזן משלח־זײַן שטילערהייט אין אויסלאַנד; מפֿקיר זײַן די 1000 רובל, וואָס ער האָט געמוזט לײַען אויף אַ וועקסל, איז ער ניט געווען אימשטאַנד. ס'זײַנען אַוועק נאָך צוויי וואָכן, מ'האָט זיך אַלץ געדונגען, און די זשאַנדאַרמעריע־פֿאַרוואַלטונג האָט סוף־כל־סוף אַראָפּגעלאָזן דעם „מקח" ביז 300 רובל. ס'איז שוין געווען ווײַט אין פֿרילינג אַרײַן, ווען מען האָט מיך געבראַכט אויף גאָראָכאָווע און אַרויסגעלאָזן; מען האָט גענומען בײַ מיר אַ חתימה, אַז איך וועל זיך אונטערוואַרפֿן אונטער אַ „באַזונדערער פּאָליצייאישער אויפֿזיכט". ראַדינען און שאַרין האָט מען באַפֿרײַט נאָך אין צוויי מאָנאַטן אַרום.

אַסך ערגער איז געווען מיט ווײַנשטאָקן. די פֿאַקטן וועגן זײַן פֿלאַמענדיגער פּראָפּאַגאַנדע אין די קאַזאַרמעס זײַנען געווען אַזוי בולט, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן אָפּצוטרעטן פֿונם כלל — צו פֿאַרענטפֿערן אַלע פּאָליטישע ענינים אויפֿן אַדמיניסטראַטיוון וועג — און מען האָט אים איבערגעגעבן צום קרייז־מיליטער־געריכט, וואָס האָט אים פֿאַרמשפּט אויף 10 יאָר קאַטאָרגע. מען האָט אין יענע יאָרן נאָך פֿאַרשטאַנען צו האַלטן אַלצדינג אַזוי בסוד, אַז אין משך פֿון אַ לאַנגער צײַט האָט קיינער ניט געהאַט קיין באַשטימטע ידיעות וועגן ווײַנשטאָקס גורל. ערשט אַסך שפּעטער זײַנען קיין אויסלאַנד אָנגעקומען פֿון סיביר ידיעות וועגן ווײַנשטאָקן, און פֿון דאָרטן זײַנען מיר געוואויר געוואָרן, אַז דער סאָלדאַט, וואָס איז געווען אומדירעקט פֿאַרבונדן מיט אונז, האָט אַזוי טײַער באַצאָלט פֿאַר זײַנע עסקים מיטן פּראָוואָקאַטאָר בעליאַיעוו *).

*) מיט וויינשטאקן האב איך זיך באגעגנט פאר 1905 אין זשענעווע; ער איז שוין דאן

די חברים האָבן מיך צוגענומען מיט גרויס פֿרייד, אָבער שוין פֿון די ערשטע טעג אָן האָב איך געהערט פֿון זיי זעהר האַרבע רייד וועגן ריזענקאַמפֿן. איך האָב זיך געפֿלײַסט ווייכער צו מאַכן זייער באַציהונג, אָנווײַזנדיג אויפֿן אומגעוואוינטליכן מאָראַלישן דרוק, אונטער וועלכן ער האָט זיך געפֿונען. מײַנע גוטע־פֿרײַנט, האָפֿמאַן און סטאַווסקי, האָבן זיך ניט געוואָלט קריגן מיט מיר, און זיי האָבן דעריבער נאָר געפֿאָדערט, אַז איידער ער וועט געבן דערקלערונגען, זאָל מען ניט אָנקניפּן מיט אים די אַלטע חברשע באַציהונגען. איך האָב אײַנ־געשטימט; אָבער איך האָב מורא פֿאַר דער שווערער סצענע פֿון אָפֿי־ציעלע „דערקלערונגען", און כ'האָב דעריבער באַשלאָסן אַוועקצוגיין צו ריזענקאַמפֿן און דורכצורײדן זיך מיט אים פּריוואַט; איך האָב געוואָלט הערן, וואָס ער וועט זאָגן, און באַשטעטיגן מײַן אינעווייניגסטע איבערצײַגונג, אַז ער איז יעדנפֿאַלס ניט געוואָרן קיין „פֿאַררעטער".

איך בין אַוועק אויף ריזענקאַמפֿס דירה אויף וואַסיליעווסקי אָסטראָוו: כ'האָב געקלערט ווי אַזוי צו פֿירן דעם שמועס, און כ'האָב זיך אויפֿגערעגט בײַם געדאַנק, ווי אַזוי דאָס וועט זײַן. מיטאַמאָל וואַקסט אויס פֿאַר מיר ריזענקאַמף אַליין, וואָס איז גראָד אַרויס פֿונם טויער פֿון זײַן הויז. כ'האָב פֿאַרגעסן אַלצדינג, אַ כאַפּ געטאָן זײַן האַנט און גענומען זי טרייסלען. דער דאָזיגער אוממיטלבאַרער אויסדרוק פֿון מײַן געפֿיל האָט שטאַרקט געווירקט אויף אים; ער איז בלייך געוואָרן, האָט זיך פֿאַרלוירן און אויסגעשריען: „יולי אָסיפּאָוויטש, מײַן ליבער, כ'האָב דאָך אייך פֿאַרראַטן אין דער לענג און אין דער ברייט („קרעסטאָם ווידאַל" האָט ער געזאָגט, אַ מאָדנער אויסדרוק, וואָס איך האָב שפּעטער קיינמאָל ניט געהערט)".

פֿון דעם בין איך אַליין נאָך מער מבולבל געוואָרן — איך האָב בטבע אַלעמאָל פֿײַנט געהאַט פּאַטעטישע סצענעס — און איך האָב אים גענומען באַרוהיגן, פֿילנדיג, אַז איך בין אַליין צעטראָגן: „מען דאַרף וועגן דעם ניט ריידן, איך פֿאַרשטיי, אַז איר האָט דערבײַ קיין שלעכטס ניט געמיינט". נאָר ער האָט געהאַט אַ באַדערפֿעניש צו שטראָפֿן זיך אליין. ער האָט געמוזט וויסן, האָט ער געזאָגט, אַז ער באַרעדט מענטשן, אויף וועלכן די זשאַנדאַרן האָבן ניט געהאַט קיין

געווען נאך דער קאטארגע—פון דער „פרייער באזעצונג" איז ער אנטלאָפן. ער איז געווארן אן אנארכיסט־קאמוניסט און האט געהאט א געוויסע השפעה אין קאמוניסטישע קרייזן, אונטערן נאמען ו. אלעקסאנדראוו. נאך 1905 האב איך מער ניט באגעגנט ניט אים, ניט זיין נאמען.

באַווייַזן, אָבער די מוטער האָט אים ניט געלאָזן צורוה מיט איר געוויין; איצט האָט ער זי געשאָלטן מיט די ביטערסטע ווערטער. איך האָב מורא געהאַט, אַז אָט ווייַן איך זיך פֿונאַנדער מעשה־ייִנגל, און כ׳האָב דעריבער געזאָגט, אַז איך בין אינגאַנצן באַפֿרידיקט פֿון זייַנע דערקלערונגען און איך בעט אים ניט אומקערן זיך מער צו דעם ענין.

גייענדיק אַהיים פֿון ריזענקאַמפֿן, האָב איך דערשפּירט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק. פֿון גרויס גוטהאַרציקייט האָב איך אָפּגעפּטרט מיט אַ פּערזענליכער „מחילה” אַ זאַך, וואָס קאָן פֿאַרענטפֿערט ווערן נאָרן אויף עפּעס אַ געזעלשאַפֿטליכן וועג. אָבער אָפּגעטאָן — איז פֿאַרפֿאַלן. דעמזעלביקן אָוונט האָב איך געטראָפֿן האָפֿמאַנען און סטאַווסקין און געזאָגט זיי אַזוי: „איך האָב געפֿונען ריזענקאַמפֿן אינגאַנצן אַ דערשלאָגענעם, איך האָב זיך דורכגערעדט מיט אים און כ׳בין געקומען צום באַשלוס, אַז ער האָט באַגאַנגען דעם חטא אין אַ מאָמענט פֿון שוואַכקייט; די גלייכסטע זאַך איז, מען זאָל די גאַנצע מעשה וואָס גיכער פֿאַרגעסן”. פֿון איידלקייט וועגן האָבן זיך די חברים ניט געשפּאַרט, אָבער האָפֿמאַן האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו באַמערקן: אונזער פּערזענליכע באַציהונג צו ריזענקאַמפֿן קאָן, געוואוינטליך, אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרענטפֿערט ווערן, נאָר דערמיט גופֿא נעמען מיר אויף זיך אַ התחייבות ניט צו דערלאָזן אים איבעראַנייַס צו קיין שום אומלעגאַלער אַרבעט. סוף־כּל־סוף האָט די מיינונג גובר געווען ביי אונז, הגם איינציקע חברים, למשל גאָלאָווין, זייַנען געווען פֿון דעם שטאַרק אומצופֿרידן.

איך דערצייל די געשיכטע דערפֿאַר, ווייַל זי האָט געהאַט אַ טראַגישן אויסלאָז, צו וועלכן ס׳האָט געטריבן די גאַנצע צייַט. ריזענקאַמפֿן האָט קיינער ניט דערציילט וועגן די תּנאים, וואָס מיר האָבן אויסגענומען ביי זיך מכּוח זייַן אומקער צו אונז אין קרייז. און ער אַליין איז געווען אויף אַזויפֿיל לייַכטזיניק און היציק, אַז ער האָט אײַנגיכן פֿאַרגעסן אַלצדינג און גענומען ווענדן זיך דאָ צו מיר, דאָ צו אַן אַנדערן מיט פֿאָרשלאָגן וועגן פֿאַרשיידענע קאָנספּיראַטיווע אונטערנעמונגען. ווען מיר זייַנען 1893 אָפּגעקומען פֿאַר דעם „פֿאַרברעך” און אַרויסגעגאַנגען פֿון דער טורמע „קרעסטי”, האָט ריזענקאַמף געוואָלט לערנען ווייַטער אין אוניווערסיטעט און צוגעשטאַנען צו די געמיינזאַמע גוטע־פֿרייַנט וועגן אָרגאַניזירן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. איך בין שוין דאַן ניט געווען אין פּעטערבורג; די חברים האָבן זיך באַקלערט און באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער אומבאַשטימטער לאַגע. זיי האָבן

אָנגעשריבן ריזענקאַמפֿן אַ בריוו, וואו זיי האָבן אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זיי האָבן ניט געביטן זייער פּערזענליכע באַציהונג צו אים, נאָר זיי האָבן זיך איבערגעצייגט, אז ער פֿאַרמאָגט ניט אין אַ גענוגער מאָס די מעלות, וואָס מען דאַרף האָבן פֿאַרן רעוואָלוציאָנערן קאמף, און דעריבער לייגן זי אים פֿאָר, כדי אויסצומייַדן דעם נסיון, ער זאָל אַוועקפֿאָרן פֿון פּעטערבורג און נעמען זיך לערנען אין אַן אַנדער אוניווערסיטעט. וועגן דעם בריוו בין איך געוואויר געוואָרן ערשט אחר־המעשה; דערבײַ האָבן מיר די חברים אָנגעוויזן, און זיי זײַנען געווען גערעכט, אַז ריזענקאַמפֿס ענין איז ניט קיין פּערזענליכער סכסוך צווישן מיר און אים, און דאָס, וואָס איך בין אים „מוחל“, איז נאָך ווייניג.

ריזענקאַמף האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, געפֿאָלגט און אַריבערגעפֿאָרן קיין דערפּעט. אָבער אין דער דאָזיגער „חברשער פֿאַרשיקונג“ האָט געשטעקט אַ חסרון אויך. אויפֿן נײַעם אָרט, וואו קיינער האָט ניט געוואוסט זיין געשיכטע, איז נאָך גרעסער געווען פֿאַר ריזענקאַמפֿן דער נסיון אַרײַנצולאָזן זיך אין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט; איז ער זיך טאַקע צונויפֿגעגאַנגען נאָהענט מיט די אָרטיגע רעוואָלוציאָנערע קרייזן. סוף 1895 האָבן פּערזענליכע טעמים אים גענייט צוריק אַריבערצופֿאָרן קיין פּעטערבורג, און די פֿראַגע וועגן זײַן התחייבות האָט זיך שוין אַוועקגעשטעלט פֿאַר אים אין דער גאַנצער ברייט. אגב האָט זיך אין פּעטערבורג, בײַ זײַן אומקער, באַלד פֿאַרשפּרייט דער קלאַנג וועגן עפּעס אַ פֿלעק אין זײַן פֿאַרגאַנגענהייט; אַרומגערינגלט פֿון פֿרעמדע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך אָקאָרשט באַקענט, האָט ער דערשפּירט, אַז מען באַציהט זיך צו אים מיט חשד. גראָד אין יענער צײַט האָב איך זיך אויך אומגעקערט קיין פּעטערבורג פֿון ווילנע, וואו איך בין אָפּגעווען צוויי יאָר אונטער פּאָליציייאישער אויפֿזיכט. ריזענקאַמף האָט מיר אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, אַז די מאָדנע באַציהונג פֿון די חברים צו אים שטעלט אים אין אַ קרומער לאַגע; ער פֿאָדערט פֿון מיר אַ קאַטעגאָרישע דערקלערונג, צי באַשולדיג איך אים פֿאַר דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען — ווײַל ער האַלט, אַז נאָר איך, וואָס איך האָב געליטן פֿון דעם, בין באַרעכטיגט אַרויסצוטראָגן אַ פּסק־דין. דער בריוו איז געווען אָנגעשריבן אין זעהר אַ צערייצטן טאָן; ער האָט נאָך צוגעגעבן בטולדיגע באַמערקונגען וועגן געמיינזאַמע חברים, וואָס זײַנען געוואָרן מאַרקסיסטן און זײַנען דורך דעם, לויט ריזענקאַמפֿס מיינונג, געוואָרן בטלנים, אָהן אַ רעוואָלוציאָנערן פֿונק, וואָס מיידן

אויס דעם פּאָליטישן קאַמף. פֿאַר מיר איז געווען קלאָר: ריזענקאַמף איז פֿאַר די יאָרן געוואָרן א געגנער פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, און ער דערקלערט די באַציהונג צו אים אַזוי, אַז מען ווײַכט פֿון אים, ווײַל ער איז געבליבן גײַסטיג אומאָפּהענגיג אַנטקעגן אונזער קרײַזל.

איך האָב שוין לאַנג פֿאַרשטאַנען, ווי יינגלש־נאַאיוו איך בין געווען מיט דרײַ יאָר צוריק, מײַנענדיג, אַז דער ענין פֿון מײַן געוועזענעם גוטן־פֿרײַנט קאָן ליקווידירט ווערן דורך מײַן „גרויסהאַרציגקייט" אָדער פּשוט דורך רחמנות. איצט האָב איך דערזעהן, אַז די רחמנות ניט אינדערצײַט. וואָס האָט דאַן גובר געווען דעם געזעלשאַפֿטליכן שטאַנדפּונקט, קאָן אָנמאַכן גרעסערע צרות, איידער ווען איך וואָלט פֿון אָנהייב אָן געבליבן פֿעסט. איצט איז ריזענקאַמף שוין ניט געווען קיין יונגערמאַן, נאָר אַ צײַטיגער טוער, און איצטער האָט מען אויף אים געמוזט אַרויפֿלייגן די אַחריות פֿאַר זײַן אַמאָליגער אויפֿפֿירונג. מען האָט געמוזט משפּטן זײַן פּערזענליכן ענין לויט איינגעשטעלטע אַלגעמיינע כּללים. איך האָב באַשלאָסן צו דערקלערן ריזענקאַמפֿן אַטוואָס: איך בין אינגאַנצן מסכּים מיטן „פּסק־דין" פֿון מײַנע חברים; מײַן „מחילה" אָנערקען איך פֿאַר אַ קינדעריש־אומבאַקלערטן אַקט. און איך זעה פֿאַר אים און פֿאַר דער זאַך נאָר איין נאָרמאַלן אויסוועג — ער זאָל זיך ערליך און מיטן גוטן ווילן אָפּזאָגן פֿון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

מיר איז ניט אויסגעקומען איבערצולעבן די שווערע סצענע פֿון אַ שמועס מיט אים. איך האָב געלאָזט וויסן ריזענקאַמפֿן, אַז איך בעט אים אַרײַנגיין צו מיר, כּדי זיך דורכצורײדן. ער איז ניט געקומען צו גיין, נאָר איך האָב געהערט, אַז ער איז זעהר נערוועאיש און פֿאַרביטערט. עמיצער פֿון די באַקענטע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז פֿאַרבײַגײענדיג אויף נעווסקי־פּראָספּעקט פֿאַרן הויז, וואו איך האָב געוואוינט, האָט ער געזעהן ריזענקאַמפֿן אַ פֿאַרטראַכטן לעבן אַרײַנגאַנג: ער איז אָפּגעשטאַנען אַ ווײַלע, קאָנטיג געשלאָגן זיך מיט דער דעה, דערנאָך האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז ריזענקאַמף האָט זיך פֿאַרסמט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אין יענער צײַט איבערגעלעבט נאָך אַן אַנדער פּערזענליכע דראַמע, און די צוויי סיבות האָבן אים אַ שטופּ געטאָן צו געזעגענען זיך מיטן לעבן.

*   *

*

קאפיטל IV

איך ווער א מארקסיסט. — דער ערשטער טראנספארט. — „די פעטערבורגער גרופע פאר באפרייאונג פון דער ארבעט". — מיין ליטעראַרישער דעביוט. — אין דער „מוסטערהאפטער" טורמע.

אַרויסגייענדיג פֿון טורמע, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ס׳איז פֿאָרגעקומען אַ שטאַרקע ענדערונג אין דער שטימונג פֿון מײַנע נאָענטע חברים. די קאַטאַסטראָפֿע, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, האָט אַרויסגערופֿן בײַ זיי אַ געזונטע רעאַקציע קעגן דער פֿריערדיגער טאַקטיק; מ׳האָט אויפֿגעהערט אַרומצעוואַרפֿן זיך איבער די קרייזלעך און יאָגן זיך אין פֿיבער נאָך „ממשותדיגער אַרבעט". עס האָט זיך געשפּירט אַ באַדערפֿעניש קודם כּל אָפּגעבן זיך אַליין אַ דין־וחשבון אין די סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס האָבן זיך אינטערעסירט די מער רײַפֿע עלעמענטן פֿון דער אינטעליגענץ, איידער מ׳טרעט צו אַליין צו פּראַקטישער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט.

די קורצע צײַט, וואָס איך בין געזעסן אין דער טויטער טורמע, און דער קאַלטער דוש, מיט וועלכן עס האָט מיך באַגאָסן די ווירקליכקייט, האָט אַראָפּגעטראָגן, ווי אַ קאָרטנהײַזל, מײַן ערשטן רעוואָלוציאָנערן בנין, און איך בין געווען אויך אַזוי געשטימט, ווי מײַנע חברים. אינאיינעם מיט זיי האָב איך זיך אַוועקגעזעצט לייענען אַלע ווערק, וואָס די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט אַרויסגעגעבן, די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור פֿון די 80־ער יאָרן, און דערבײַ האָבן מיר געזעהן צו האַלטן זיך אָן אַ געוויסן סדר. מיר האָבן נאָך אויך געזוכט מאַטעריאַל אין דער לעגאַלער זשורנאַליסטיק פֿון די 60־ער און 70־ער יאָרן, כּדי אינגאַנצן צו באַקענען זיך מיט דער וועלט־אָנשויאונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער „נאַראָדניטשעסטווע".

ס׳איז געקומען זומער. דער גרעסטער טייל פֿון מײַנע חברים האָט זיך געקליבן פֿאָרן אַהיים, צום טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און איך האָב געמוזט די גאַנצע קאַניקולן בלײַבן לחלוטין איינזאַם.

איינמאָל דערציילט מיר פּאָטרעסאָוו׳ אז די דאָקטוירים הייסן אים פֿאָרן אויף זומער קיין דרום־פֿראַנקרייַך ; ער רעכנט אַזוי טאָן און וויל שוין פֿאַראיינס זייַן אין זשענעווע און אין פּאַריז און זעהן זיך מיט אונזערע עמיגראַנטן. עס וואָלט געווען גוט׳ האָט ער זיך אָנגערופֿן ווען מ׳וואָלט געקאָנט אויסניצן זייַן נסיעה אויף צו ברענגען קיין פּעטערבורג די נייַע זאַכן פֿון דער רוסישער און אויסלענדישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. איך האָב מודיע געווען וועגן דעם מייַנע חברים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן׳ אַז ס. י. האָפֿמאַן האָט אַ מעגליכקייט דורכצופֿירן פּאָטרעסאָווס פּלאַן אָהן שוועריגקייטן. זייַן טאַטע איז געווען אַן אייַזנבאַן־באַאַמטער אויף דעם רוסיש־דייַטשישן גרעניץ אין קאָוונער גובערניע. ער האָט דעריבער געהאַט אַ מעגליכקייט שטענדיג אַריבערצוגיין דעם גרעניץ און ער פֿלעגט דאָס רוב מיטנעמען מיט זיך דעם זון קיין קעניגסבערג. האָפֿמאַן האָט פֿאָרגעלייגט׳ אַז ער זאָל פֿאָרן קיין קעניגסבערג און וואַרטן דאָרטן אויף פּאָטרעסאָוון׳ בעת ער וועט פֿאָרן צוריק. דערנאָך וועט ער מיט דעם טאַטנס שוץ׳ וואָס קען זיך מיט אַלע זשאַנדאַרמען פֿון אַרום גרעניץ׳ צושטעלן קיין קאָוונע די ליטעראַטור׳ וואָס פּאָטרעסאָוו וועט ברענגען צו פֿירן. דער דאָזיגער פּלאַן׳ האָט זיך אונז אינגאַנצן איינגעגעבן.

איך געדענק שוין ניט׳ ווער פֿון די באַקענטע האָס מיר פֿאָרגעלייגט׳ אַז היות ווי איך בלייַב איבער אויף זומער אין אַ פּוסטער שטאָט׳ זאָל איך נעמען אַרבעטן פֿאַרן פּאָליטישן „רויטן קרויץ״. מ׳האָט מיך באַקענט מיט דער קורסיסטקע מ. וו. וואַסיליעוואַ אין איר אָרימן צימערל אויף „פּעסקי״״ וואוהין איך האָב אָפּט אָנגעהויבן צו קומען. דאָ האָב איך זיך ערשט דערוואוסט פֿון אָהן אַ שיעור ליידן׳ וועלכע עס איז שוין דעמאָלט אויסגעקומען דעם פּאָליטישן „רויטן קרויץ״ לייַכטער צו מאַכן.

מייַן אַרבעט אין „רויטן קרויץ״ איז באַשטאַנען אין קריגן ביכער פֿאַר דער ביבליאָטעק פֿון דער טורמע׳ אין זאמלען געלט און העלפֿן זיי בשעת פֿונאַנדערקלייַבן דעם מאַטעריאַל אין דער אַנקעטע׳ וואָס זיי האָבן געמאַכט. אָטדי אַרבעט האָט מיר געגעבן די מעגליכקייט קלאָר צו מאַכן פֿאַר זיך די רעוואָלוציאָנערע לאַגע אין רוסלאַנד אין דעם איצטיגן מאָמענט. די מאַטעריאַלן פֿון די אַנקעטעס האָבן זעהר בולט געוויזן צוויי לחלוטין פֿאַרשיידענע באַוועגונגען אין רוסלאַנד און אין פּוילן. די רוסישע פֿאַרמשפּטע זייַנען כמעט שטענדיג געווען

סטודענטן אָדער „געוועזענע סטודענטן" און מ׳האָט זיי באַשולדיגט פֿאַר געהערן צו רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך מיט אַן אומבאַשטימטער טעראָריסטישער פּראָגראַם. אַקעגן־זשע פֿון די פֿאַרמשפּטע פּאָליאַקן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אַ זעהר אָנשטענדיגן פּראָצענט פֿון דער גאַנצער צאָל אַרעסטירטע, איז דער רוב געווען אַרבעטער און כמעט אַלע זיינען געווען פֿאַרמשפּט פֿאַר געהערן צו רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. דערביי האָט די אַכזריות פֿון זייער שטראָף באַשיימפּערליך געוויזן, וואָס פֿאַר אַ באַדייטונג דער צאַריזם גיט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס, אַגבֿ, האָט מען געזעהן ניט נאָר פֿון דער אַנקעטע אַליין. דעם 1־טן מאַי 1892 האָט דער לאָדזער פּראָלעטאַריאַט געלאָזט הערן פֿון זיך מיט אַ גראַנדיעזן שטרייק. עס האָט אים שוין אַפֿילו נישט געקאָנט פֿאַרשווייגן די צאַרישע צענזור, צוליב די מוראדיגע אומאָרדע־נונגען מיטן פּאָגראָם אויף די יידישע קראָמען, וואָס האָבן פֿאַרענדיגט די דאָזיגע סטאַטשקע. די פּרעסע האָט פּובליקירט דאָס טעלעגראַם פֿון וואַרשעווער גענעראַלגובערנאַטאָר גורקאָ צו דער לאָדזער מאַכט, דאָס איז געווען דער באַרימטער לאָזונג פֿון „נישט קאַרגן קיין פּאַטראָנעס", וועלכן טרעפּאָוו האָט אַזוי אומגעלומפּערט איבערגעחזרט אין 13 יאָר אַרום. מיט דעם שטרייק פֿון מאַי האָט זיך דער פּוילישער פּראָלעטאַרי־אַט קלאָר אַוועקגעשטעלט אין די רייען פֿון דער אַלגעמיין־אייראָפּע־אישער אַרבעטערבאַוועגונג.

אין רוסלאַנד גופֿא זיינען נאָך אַזוינע סימנים נישט געווען. דעמ־זעלביגן זומער, אין 1892, זיינען אין אַ ריי שטעט אויך פֿאָרגעקומען גרויסע אומרוהען, וואו מ׳האָט, פֿאַרשטייט זיך, געקאָנט מערקן אַ שפּור פֿון סאָציאַלע יוירן. אָבער די ווילדע פֿאָרם, וואָס די אומרוהען האָבן אָנגענומען, — די „כאָלערע־בונטן" פֿון אַסטראַכאַן און צאַריצין, יוזאָווקע און סאַראַטאָוו, וואָס זיינען געווען ראשית־כּל געווענדט קעגן די דאָק־טוירים און רופֿאים, האָבן נישט געגעבן קיין גרונט אַפֿילו פֿאַר די ראַ־מאַנטיש־געשטימטע יונגעלייט צו אַ באַזונדערן ענטוזיאַזם; אַדרבה, דאָס האָט ערשט געצוואונגען צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דער גוואַלטיגער גרויס פֿון דער אַרבעט, וואָס שטייט נאָך פֿאַר אפּצוטאָן, איידער די סטיכיע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די דאָזיגע באַוועגונגען, וועט ווערן אַ באמת רעוואָלוציאָנערע. איך געדענק שוין ניט, צי אונטער דער השפּעה פֿון דעם לייענען צי פֿון די שמועסן מיט די חברים, אָבער

אין יענער צײַט האָט זיך מײַן באַציהונג צו דער סטיכיע שטאַרק גע־ענדערט: פֿון מײַן פֿריערדיגן אויסגעשפּראָכענעם בונטעווען איז שוין ווייניג־וואָס געבליבן. נישט קוקנדיג אויף די כאָלערע־אומרוהען, וואָס אין יוזאָווקע זײַנען זיי געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם פּראָ־טעסט פֿון די אַרבעטער קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע, און אַז אומעטום האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן האַס מצד די מאַסן קעגן דער פּאָליציי, האָבן זיי מיך בשום־אופֿן נישט באַגייסטערט און ניט באַפֿליגלט מיט דער האָפֿענונג, אַז די רעוואָלוציע איז נאָענט. פלעכאַנאָווס און אַקסעלראָדס ווערק, וואָס זײַנען דעמאָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין רוסלאַנד, האָבן שוין גע־האַט אויף מיר אַ השפעה. זיי האָבן אונטערגעגראָבן די וואָרצלען דעם גלויבן אין אַ זעלבשטענדיגן רעוואָלוציאָנערן שאַפֿן פֿון אַזוינע מאַסן, וואָס שטייען מחוץ דער אייראָפּעאישער קולטור. פֿון מײַן פֿריערדיגער איבערצײַגונג, אַז דער הונגער־יאָר וועט זײַן אַ יאָר פֿון רעוואָלוציע איז אַפֿילו קיין שפור נישט געבליבן. איך האָב גענומען לייענען וועגן דער אייראָפּעאישער געשיכטע און וועגן רוסלאַנדס עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג אַלצדינג, וואָס עס האָט זיך מיר געמאַכט אונטער דער האַנט. אין דער צײַט האָב איך זיך אַוועקגעזעצט בײַ דעם ערשטן באַנד „קאַ־פּיטאַל״, וועמעס פֿראַנצויזישע אויסגאַבע (לאַפֿאַרגס איבערזעצונג) די צענזור האָט דעמאָלט דערלאָזן צו פֿאַרקויפֿן. אַז איך האָב זיך אַלץ מער און מער פֿאַרטיפֿט אין דעם ווערק און האָב געהאַלטן בײַם סוף, איז פֿאַר מיר עפּעס מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר, ווי אויבערפֿלעכליך און ניט ממשותדיג עס איז ביז איצט געווען מײַן גאַנצער רעוואָלוציאָניזם לגבי אָטדער פֿילאָזאָפֿישער און סאָציאָלאָגישער הויך, אויף וועלכער עס הייבט אויף דער מאַרקסיזם. איך בין אַליין נשתּומם געוואָרן פֿון מײַן בעריע־שקייט איבערצולייענען מיט באַגייסטערונג דעם מאַניפֿעסט פֿון מאַרקסן און לאַסאַלס רעדעס, ממש ווערן פֿאַרכאַפּט, און נישט באַמערקן דאָס סאַמע וויכטיגסטע — דעם סינטעז פֿון די סוביעקטיווע רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן און די וויסנשאַפֿטליכע הכּרה פֿון די געזעצן פֿון דער געזעל־שאַפֿטליכער אַנטוויקלונג. גלײַכצײַטיג האָב איך מיט איינמאָל פֿאַר־שטאַנען פלעכאַנאָווס געדאַנק און ווי ריכטיג עס זײַנען זײַנע אַרויס־טרעטונגען קעגן די טעאָריעס פֿון די „נאַראָדניקעס״, וואָס טענהן פֿון רוסלאַנדס אייגנאַרטיגער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב, סוף־כּל־סוף, געפֿונען מײַן ריכטיגן אָרט און איך ווייס, וואָס עס דאַרף איצטער טאָן אַ רוסישער סאָציאַליסט.

תּיכּף האָב איך אַוועקגעשיקט צו סטאַווסקין קיין טשערניגאָוו אַ התפּעלותדיקן בריוו. איך האָב אים געשריבן, ווי אונטער דער השפּעה פֿון „קאַפּיטאַל” האָבן זיך בײַ מיר געעפֿנט די אויגן אויף דער גרונט־פֿראַגע: „וואָס דאַרף מען טאָן?” אינגיכן האָב איך באַקומען אַן ענטפֿער. סטאַווסקי האָט געשריבן, אַז בײַ אים איז אויך אַוועק דער גאַנצער זומער אויף שטודירן „קאַפּיטאַל” און אַז אויך אויף אים האָט דאָס דאָזיגע ווערק שטאַרק געווירקט. איצט איז שוין אַ סוף צו די ספֿיקות וועגן דעם קומענדיקן גורל פֿון דעם רוסישן קאַפּיטאַליזם. „איך בין מער מאַרקסיסט פֿאַר מאַרקסן גופֿאָ”, האָט ער האָפֿערדיק פֿאַרענדיקט זײַן בריוו און פֿאָרגעלייגט מיר, אַז איך זאָל וואַרטן ביז ער וועט קומען צוריק אין דער הויפּטשטאָט, כּדי מיר זאָלן אינאיינעם זעהן אָנווענדן אין דער פּראַקטיק די רעזולטאַטן פֿון אונזער זעלבסטדערקענטעניש.

ס'איז געקומען האַרבסט. די חברים האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿצופֿאָרן. עס זײַנען געקומען צוריק פּאָטרעסאָוו און האָפּמאַן אויך. אין הסכּם מיט דעם אָפּמאַך, האָבן זיי אונז געבראַכט צו פֿירן, אמת אַ נישט קיין גרויסן, אָבער אַ טײַערן פּעקל אויסלענדישע ליטעראַטור, וואָס איז פֿאַר דער דעמאָלטיקער צײַט געווען אַ גאַנצער אוצר. אין דעם דאָזיקן פּעקל איז געווען אַ פֿולשטענדיקער קאָמפּלעקט פֿון אַלע אויסגאַבן פֿון דער „גרופּע פֿאַר באַפֿרײַאונג פֿון דער אַרבעט” (אָסוואָבאָזשדעניאַ טרודאַ), אײַנשליסליך פּלעכאַנאָווס נאָרוואָס אַרויסגעגאַנגענער אַקטועלער בראָשור: „די אויפֿגאַבן פֿון די סאָציאַליסטן אינם קאַמף מיט דעם הונגער”. חוץ דעם זײַנען געווען נאָך עטליכע דײַטשישע בראָשורן און פּראָטאָקאָלן און אַ ריי אויסגאַבן פֿון דער פֿראַנצויזישער און בעלגישער אַרבעטערפּאַרטייען, — בתוכם אויך די בראָשורן פֿון זש. געד, פּ. לאַפֿאַרג און ג. דעוויל.

אויסער דער ליטעראַטור האָט אַ. פּ. פּאָטרעסאָוו געבראַכט זײַנע אייגענע אײַנדרוקן וועגן דער אַרבעטערבאַוועגונג אין אייראָפּע (דער עיקר אין פֿראַנקרײַך) און פֿלעגט זיך מיט גרויס חשק טיילן מיט אונז. צום ערשטן מאָל, געדענק איך, האָב איך דערהערט פֿון אים זשאַן זשאָרעס נאָמען. זשאָרעסן איז אים אויסגעקומען צו דערמאָנען, בעת ער האָט דערציילט, ווי דער גיכער ערפֿאָלג פֿון געדס אַרבעטערפּאַרטיי האָט אָנגעהויבן צוציהען אויפֿן זײַט פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט די באַגאַבטע פֿאָרשטייער פֿונם בורזשואַזן ראַדיקאַליזם. אינאיינעם מיט זשאָרעסן, האָט פּאָטרעסאָוו אָנגערופֿן אַלעקסאַנדער מיליעראַן — וועמעס נאָמען

עס האָט שוין געשמט אין רוסלאַנד פֿון דער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אַלס אַדוואָקאַט אין דעם פּראָצעס מיט „די רוסישע באָמבעס" (כּידוע, איז דאָס געווען אַ פֿאַבריצירטע שטיקל אַרבעט פֿון דעם באַוואוסטן פּראָוואָקאַטאָר האַרטינג־לאַנדייזען, כּדי צו פֿאַרשטאַרקן דעם פֿראַנצויזיש־רוסישן בונד). דערציילנדיג פֿון די גרויסע פּאָליטישע טאַלאַנטן, וואָס עס זייַנען בלתי ספֿק קלאָר געווען די ביידע נעאָפֿיטן פֿונם סאָציאַליזם, האָט מיר פּאָטרעסאָוו איבערגעגעבן זייַן געשפּרעך מיט פּ. לאַפֿאַרגן. ער האָט אים געפֿרעגט, צי מ'קאָן זיך פֿאַרלאָזן אויף אָטדי דאָזיגע פּאַרלאַמענטאַריער, וואָס זייַנען פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם ערפֿאָלג פֿון דער אַרבעטערפּאַרטיי. לאַפֿאַרג האָט געענטפֿערט, אַז, הגם זיי זייַנען ביידע פֿרעמד דעם מאַרקסיזם, אָבער אויף זשאָרעסן קאָן מען זיך, נאָך זייַן מיינונג, פֿאַרלאָזן; וואָס ס'איז שייך אָבער מיליעראַנען, וועט דער דאָזיגער אַדוואָקאַט בלתי ספֿק באַגיין אַ בגידה. איך פֿלעג שפּעטער זעהר אָפֿט דערמאָנען די דאָזיגע נבואה לאַפֿאַרגס.

מיט אַ שטאַרקן באַגער האָב איך זיך מיט די חברים אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער אָנגעקומענער ליטעראַטור: פּלעכאַנאָווס פֿונדאַמענטאַלע מאמרים וועגן טשערנישעווסקין, וועגן די נאַראָדניקעס־בעלעטריסטן (גלעב אוספּענסקען און קאַראָנינען), וועגן דעם עבר פֿון דער רוסישער אַרבעטערבאַוועגונג, אַקסעלראָדס אַרטיקלען וועגן דער דייַטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, זאַסוליטשעס אַרטיקל „רעוואָלוציאָנערן פֿון דער בורזשואַזער סביבה" און פּלעכאַנאָווס גלענצנדיגע „איבערזיכטן" וועגן דער אינערליכער לאַגע פֿון רוסלאַנד, — אָטדעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿון די פֿינף זאַמלביכער פֿון דעם זשענעווער „סאָציאַלדעמאָקראַט", וואָס איז גאָר ניט געווען צום שעצן, האָבן מיר דורכגעשטודירט מיט קאָפּ־באַטראַכט און דיסקוטירט. פֿון זיך גופֿא האָט זיך ביי אונז געבילדעט אַ קרייזל פֿון אַזוינע פּערזאָנען, וואָס זייַנען געווען ראוי פֿאַר דער זאַך. אין דעם דאָזיגן קרייזל זייַנען אַרייַן האָפֿמאַן, סטאַווסקי, סטאַוראָווסקי, דער סטודענט אירעניוכין, מ. ווי. וואַסיליעוואַ און איך. אין אַ קורצער צייַט אַרום האָבן מיר זיך גוט אייַנגעלעבט צווישן זיך און האָבן זיך אָנערקענט, נישט צונויפֿגערעדטערהייט, פֿאַר סאָציאַלדעמאָקראַטן — פֿאַר נאָכפֿאָלגער פֿון דער „גרופּע פֿאַר באַפֿרייַאונג פֿון דער אַרבעט". איצט האָבן מיר זיך שוין לחלוטין נעגאַטיוו באַצויגן צו די פּראָגראַמאַטישע אַרויסטרעטונגען פֿון דעם אַלטן שניט

פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. צו דעם דאָזיגן מין האָבן געהערט סטעפּניאַקס בראָשור „וואָס דאַרפֿן מיר?" און „דער אָנהייב פֿון סוף", וואָס מיר האָבן דעמאָלט באַקומען פֿון אויסלאַנד דער מחבר האָט געזאָגט, אַז צוליב דעם קריזיס, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן דער הונגער, דאַרפֿן זיך די סאָציאַליסטן פֿאַראייניקן מיט די ליבעראַלן אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלער פּלאַטפֿאָרם. דערצו האָט נאָך געהערט דער ערשטער נומער „פֿלוגבלאַט", וואָס האָט געמאַכט אַ סענ־סאַציע. דעם דאָזיגן פֿלוגבלאַט האָט אַרויסגעלאָזן אין אַ געהיימער דרוק דיזעלביקע פּעטערבורגער גרופּע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואָס האָט אין אָנהייב יאָר פֿאַרשפּרייט די פּראָקלאַמאַציע און צוליב וועלכער איך בין אַרעסטירט געוואָרן. דער „פֿלוגבלאַט" האָט פּראָפּאַגאַנדירט אויפֿ־צושטעלן צוריק די טעטיקייט פֿון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" מיט טעראָר אַלס צענטראַלער אויפֿגאַבע.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן מיר אָנגעהויבן באַטראַכטן די פֿראַגע וועגן אונזער טעטיקייט, ווי פֿון אַ קאָלעקטיוו, וואָס איז אידעעל צוזאַמען באַהעפֿט. דאָס פּראָגראַם פֿון אונזער טעטיקייט איז פֿאַר אונז געווען קלאָר — אַרבעטן פֿאַר דער אַרבעטערבאַוועגונג. אויף דער פֿראַגע אָבער: „ווי אַזוי צו אַרבעטן?" האָבן מיר קיין קלאָרע תּשובה נישט געקאָנט געבן. מיר האָבן נאָר געוואוסט אין אַלגעמיינע שטריכן, ווי אַזוי עס פֿירט די אַרבעט דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער קרייזל אין פּעטערבורג.

נאָך דעם, ווי מ'האָט סטראַנדענסן אַרעסטירט, האָט זיך בײַ אונז אײַנגעשטעלט מיט דעם דאָזיגן קרייזל אַן אינדירעקטע פֿאַרבינדונג דורך דער קורסיסטקע ל. פּ. באַראַנסקאַיאַ (שפּעטער האָט זי געהייסן ראַטשענקאָ). פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג איך קומען צו איר אין שטוב. זי האָט געוואוינט אינאיינעם מיט וו. פּ. קאָזשעווניקאָוואַ (שטעמער), וואָס איז געשטאָרבן פֿון טובערקולאָז אין די רעאַקציע־יאָרן. מיר פֿלעגן זיך בײַטן מיט דער אומלעג־גאַלער ליטעראַטור און, הגם עס איז אונז קיינמאָל נישט געקומען צו רייד, צי די באַלעבאָסטעס געהערן צו דעם רעוואָלוציאָנערן קרייזל (וואָס דאָס וואָלט געווען אַ פֿאַרלעצונג פֿון דער עלעמענטאַרער קאָנספּיראַציע), איז פֿונדעסטוועגן, נישט טועה צו זײַן זיך, פֿאַר אונז געווען קלאָר, אַז זיי באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פֿון דעם דאָזיגן קרײַזל. מיר האָבן גע־וואוסט, אַז זײַנע מיטגלידער פֿירן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט צווישן עטליכע אַרבעטער־קרייזלעך. די צאָל פֿון די דאָזיגע אַרבעטער־קרייזלעך איז

לאַנגזאַם געוואַקסן, וואָרים די גאַנצע אַרבעט האָט זיך געפֿירט אויף אַ זעהר קאָנספּיראַטיוון אופן, די מיטגלידער פֿון דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער גרופּע גופֿא האָבן געזעהן אויסצומײַדן יעטווידער מגע ומשא מיט די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פֿון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, אָט מיט יענער רעלאַטיוו ברייטער סביבה, וואו עס האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט די גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע אַקטיווקייט. די דאָזיגע שטרענגע קאָנספּיראַציע אין די קרייזלעך האָבן מיר געהאַלטן פֿאַר דעם יסוד פֿון יעדער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. מיר זײַנען אָבער געוואָרן ניט אומזיסט פּאָליטיש רייף אין דער אַטמאָספֿער פֿון דעם „הונגער"-יאָר, וואָס האָט גורם געווען דעם דאָזיגן איבערבראָך, בעת אין דער שטאָק-פֿינסטערניש פֿון דער רעאַקציע האָט זיך באַוויזן ווי אַ שײַן פֿון אויפֿלעבונג. מיר האָבן אינסטינקטיוו געשפּירט, אַז די קרייזל-פּראָפּאַגאַנדע אַליין איז אַ סכּנה, מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די מאַרקסיסטן קאָנען בלײַבן ער-געץ אָנאַזייט פֿון דעם אמתן רודער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מיר האָבן דעריבער געטראַכט, מ'מוז דערגאַנצן די קרייזל-פּראָפּאַגאַנדע מיט אַזאַ מין אַרבעט, וואָס זאָל זיין ביכולת צו פֿאַר-שפּרייטן אונזערע אידעען אויך צווישן דעם אַרבעטערקלאַס גופֿא, און אַז מיר זאָלן קאָנען האָבן אויך אַ פּאָליטישע השפּעה אויף דער דעמאָ-קראַטישער סביבה, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין אַ פּראָצעס פֿון יוירן. אָבער די דאָזיגע אַרבעט, האָט אונז אויסגעזעהן, שטייט אין אַ שאַרפֿער סתּירה מיט דער נויטיגקייט פֿון אַ שטרענגער קאָנספּיראַציע פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער. טרויסטן זיך מיטן געדאַנק, אַז דער לאַנגזאַמער וואַקסן פֿון די אַרבעטער-קרייזלעך וועט געבן אַ מעגליכקייט די מאַרקסיסטן מיטדערצײַט אַוועקצושטעלן ברייטער און ניט אַזוי קאָנספּיראַטיוו די אַרבעט, האָבן מיר נישט געקאָנט: פֿאַר אונז איז פּלעכאַנאָווס בראָשור „די אויפֿגאַבן פֿון די סאָציאַליסטן אינם קאַמף מיט דעם הונגער" ניט אַריבער אָהן אַ השפּעה. אָטדי בראָשור, וואָס די רוסישע פּראַקטיקער, וועלכע זײַנען געווען פֿאַרטאָן מיט דער מאַרוד-נער אַרבעט פֿון קרײַזל-פּראָפּאַגאַנדע, האָבן אויפֿגענומען מיט נישט קיין קליינער אומצופֿרידנקייט, זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער אויפֿרוף פֿון דער בראָשור צו אַ ברייטער אַגיטאַציע צווישן דעם גאַנצן פֿאָלק, איז אַ זאַך, וואָס איז איצט לגמרי ניט צודערצײַט. בײַ דער קליינער צאָל פֿון די אַרבעטער-קרייזלעך און בײַ זייער אָפּגעריסנקייט איינער פֿון דעם אַנדערן, איז דער דאָזיגער רוף אויסגעקומען פֿאַר זיי ווי אָפּגעלאַכט.

מיר אָבער זײַנען פֿון פּלעכאַנאָווס בראָשור געוואָרן פֿעסט איבערצייגט, אַז די מאַרקסיסטן מוזן שטרעבן צו ווערן אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל זײַן ביכולת מיט ערע אַרויסצוטרעטן אויפֿן שלאַכטפֿעלד אין אַזוינע מאָמענטן, ווי עס האָט איבערגעלעבט רוסלאַנד.

אָט פֿאַרוואָס מיר זײַנען געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז פּשוט פֿאַרלייגן אונזער אַרבעט דער פּעטערבורגער ס.־ד. גרופּע אַלס פּראָפּאַ־גאַנדיסטן — וואָס אונז אַליין איז אויסגעקומען נאַטירליכער פֿאַר אַלץ — וואָלט געווען ניט גוט. אַנשטאָט דעם איז געבוירן געוואָרן אַ נייער גע־דאַנק: מיר זאָלן אָנהייבן באַדינען די פּראָפּאַגאַנדע גופֿא דורך דעם, וואָס מיר זאָלן אַרויסגעבן אַ ריי בראָשורן א. א. ווי מיר האָבן גערעכנט, אַז דאָס אַליין וועט אונז געבן די מעגליכקייט, פֿון איין זייט, העלפֿן אויפֿשטעלן די באַציהונגען צווישן פּעטערבורג און די אַנדערע שטעט, וואו עס עקזיסטירן אַרבעטער־קרייזן, און פֿון דער אַנדער זײַט זאָלן מיר קאָנען משפּיע זײַן אויף די קרייזלעך פֿון דער שטודירנדיגער יוגנט און דער אינטעליגענץ בכלל, צווישן וועלכע עס האָט זיך אַלס שאַרפֿער פֿונאַנדערגעברענט דער שטרייט צווישן דער שטרעמונג פֿון „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ“ און דעם מאַרקסיזם. דערמיט גופֿא, האָבן מיר געטראַכט, וועלן מיר פֿאַרשטאַרקן די קאַדרען פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

אַרומצוטראָגן זיך מיטן געדאַנק אויף צו שאַפֿן אַזאַ מין פּאָלי־טישן צענטער, איז געווען אַ שטיקל העזה פֿאַר אַ קליינינקן קרייזל פֿון זעקס סטודענטן, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צוציען צו זיך, שטאַרק אי־בערקלייבנדיג, נאָך נײַע חברים און גערעכנט צו שאַפֿן בהדרגה אַן אַנשטענדיגע אָרגאַניזאַציע. טעכניש האָבן מיר באַשלאָסן צו אַרבעטן מיט דער הילף פֿון אַ העקטאָגראַף, אַ ליטאָגראַפֿישן שטיין, וואָס איינעם פֿון אונז האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן, און אַ שרײַבמאַשין, אויף וואָס מ׳האָט דעמאָלט געדאַרפֿט האָבן אַ ספּעציעלע ערלויבעניש. די ער־לויבעניש האָבן מיר געקראָגן, געלט אויך, און מיר האָבן שוין די מאַשין מיט מזל געהאַט (אגב, ערשט אין אַ צײַט אַרום).

אונזער קרייזל האָבן מיר באַשלאָסן אָנצורופֿן „די פּעטערבורגער גרופּע פֿאַר באַפֿרײַאונג פֿון דער אַרבעט“ כדי אונטערצושטרײַכן אונזער אידעלן צוזאַמענהאַנג מיט דער זשענעווער גרופּע, פֿון די בראָשורן, וואָס מ׳האָט געבראַכט פֿון אויסלאַנד, האָבן מיר אָנגעמערקט אויף אַרויסצוגעבן געדס רעדע וועגן קאָלעקטיוויזם און בעבעלס רעדע „דער מיליטאַריזם און דער סאָציאַליזם“, אויסער דעם פּלעכאַנאָווס בראָשור וועגן הונגער,

וועלכע מיר האָבן געוואָלט איבערדרוקן אין מעגליכסט אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן· צו אונזער ערשטער אויסגאַבע (צו געדס רעדע) האָב איך זיך אָנגענומען אָנצושרײַבן אַ פּראָגראַם־הקדמה· לויט וועלכער מיר האָבן געדאַרפט פונאַנדערוויקלען אויף דעם רוסישן באָדן די ס״ד· פּאָן· וועלכע עס האָבן אויפגעהויבן אין אויסלאַנד אונזערע עמיגראַנטן·

אין אָנהייב דעצעמבער איז מײַן הקדמה שוין געווען אָנגעשריבן· און די גרופּע האָט זי אָנגענומען· אין דער דאָזיגער הקדמה האָב איך ״לויט העגעלן״ געשילדערט די אַנטוויקלונג פון דעם רוסישן רעוואָלו־ציאָנערן געדאַנק· די ״נאַראָדניטשעסטווע״ פון די זיבעציגער יאָרן — דער טעזיס — איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע דורך דעם בונט פון די פּויערים· אויסמײַדנדיג די בורזשואַזע קאָנסטיטוציע· די שיטה פון ״נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ — דער אַנטיטעזיס — איז די פּאָליטישע רעוואָ־לוציע געשאַפן דורך די ״קריטיש דענקענדיגע״ פּערזאָנען· אויסמײַדנדיג דאָס פּאָלק· די סאָציאַלדעמאָקראַטיע — דער סינטעז — איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע דורך אַ פּאָליטישע אומבויאונג· פּאַרווירקליכט דורך אַ באַוואוסטזיניגן אַרבעטערקלאַס· ״די רוסישע רעוואָלוציע״· איז געווען געשריבן אין דער הקדמה· ״האָט זיך געפונען פאַר זיך אַ נײַען פעסטן יסוד· דער דאָזיגער יסוד איז — דער וויסנשאַפטליכער סאָציאַליזם· דער פּרינציפּ פון דער פּאָלקסרעוואָלוציע איז געהייליגט אויף דער פּאָן פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן· אָבער די דאָזיגע רעוואָ־לוציע איז נישט קיין רעוואָלוציע פון אַן אַנאַרכיסטישן פּויערים־גייסט קעגן דער בורזשואַזער ציוויליזאַציע· נישט קיין רעוואָלוציע פון דער דענקענדיגער אינטעליגענץ קעגן דער דעספּאָטישער רעגירונג· דאָס איז — די רעוואָלוציע פון דער אַרבעט קעגן דעם קאַפּיטאַל· דער נאָענטסטער ציל פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז די דערגרײַכונג פון פּאָליטישער פרײַהייט· איר וויכטיגסטע אויפגאַבע — אָרגאַניזירן אַן אַרבעטערפּאַרטײַ· צי וועט זיך אײַנגעבן צו פאַרווירקליכן די דאָזיגע אויפגאַבע ביז יענער צײַט· ווען עס וועט פאָרקומען די איבער־קערעניש· צו וועלכער עס פירט די איצטיגע לאַגע פון רוסלאַנד· צי ניט· דאָס איז אַלץ איינס· ווען ניט· וועלן מיר נעמען אַן אָנטייל אין דער איבערקערעניש גלײַך ווי די אַנדערע פּראָגרעסיווע פּאַרטייען· ווען יע· — וועט די אָרגאַניזירטע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי זײַן אימשטאַנד אײַנצוהאַלטן די פּירות פון דעם נצחון אין די הענט פון דעם אַרבעטערקלאַס·״

״די סאָציאַלדעמאָקראַטישע באַוועגונג הייבט זיך ערשט אָן״ האָט זיך גערעדט אין אַ צווייטער שטעלע. ״אַ שטאַרקע באַוועגונג וועט זי ערשט ווערן דעמאָלט, ווען אַלע ווירקליכע כוחות וועלן זײַן אָרגאַניזירט. אָבער די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע קאָן נאָר געמאָלט זײַן, אַז עס וועלן עקזיסטירן שטאַרקע גרופּעס. פאַראייניגן זיך אין אַ פּאַרטיי קאָנען נאָר קרייזלעך, וואָס האָבן פעסטע באַציהונגען צווישן די אַרבעטער און זײַנען פאַרזיכערט פון אַ פולשטענדיגן אונטערגיין בײַ דעם ערשטן ניט געלונגענעם טראָט. די אויפגאַבע פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן אין דעם איצטיגן מאָמענט איז — אָרגאַניזירן אַזוינע גרופּעס. דעריבער איז דאָס פּראָפּאַגאַנדירן דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישן אני מאמין אַ וויכ־טיגע זאַך.

די אַרויסגעבער פון דער דאָזיגער בראָשור האָבן בדעה צו אַרבעטן אויף אָטדעם געביט״.

אינאייינעם מיט מ. ווי. וואַסיליעוואַ און מיט אירער אַ פרײַנדין, אַן אַקושערקע פּיסאַריאָוואַ, זײַנען מיר אַן ערך אינמיטן דעצעמבער צוגע־טראָטן צו דער מאַרודנער אַרבעט פון העקטאָגראַפירן עטליכע צעהנדליג זײַטלעך פון געדס רעדע און פון מײַן הקדמה. דערבײַ האָט דער גאַנצער סביבה נישט געפעלט אויך קיין פּיקאַנטער עלעמענט: די וואוינונג, וואו מיר האָבן געאַרבעט, האָט זיך געפונען אין אַ הויז, וואָס האָט געהערט צום קייזערליכן פּאַלאַץ. איך געדענק שוין ניט די פּיסאַריאָוואַ, צו אירע אַ חברטע איז געווען אַלס אַקושערקע אין איינע פון די הויף־פאַרוואַלטונגען.

די אַרבעט האָט זיך פאַרצויגן אויף אַסך טעג. צוליב דעם, וואָס מ'האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרקער צו שפּיאָנירן, האָט מען מיך געמוזט פאַרבײַטן מיט אַ צווייטן חבר. די בראָשור איז געווען פאַרטיג, ווען איך בין שוין ווידער געזעסן אין טורמע.

אינמיטן דעצעמבער איז געוואָרן באַוואוסט, אַז דער קיסר האָט שוין אונטערגעשריבן דעם פּסק־דין און איך מיט מײַנע חברים האָבן זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן אַריבערצוקלײַבן זיך אין אונזער ״מקום מנוחה״. דעם 17־טן דעצעמבער איז צו מיר געקומען אַ גאַראָדאָוואָי, האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר מיט דעם נוסח פון מײַן אורטייל. נאָך דעם האָט ער מיך אַוועקגעפירט מיט די זאַכן אין די ״קרעסטי״ און האָט מיך איבערגעגעבן דער קאַנטאָרי, באַקומענדיג אַ קבלה־צעטל.

דער ערשטער אײַנדרוק פון די ״קרעסטי״ נאָך דער ״פּרעד־

װאַרילקע״, איז געװען אַן אײַנדרוק, אַז דאָ הערשט אויסערגעװײנליכע שטרענגקײט און אַז דאָ האַלט מען באמת אויס דעם סטיל פֿון טורמע־אַ טויטע שטילקײַט אין די קאָרידאָרן, װאָס פֿלעגט נאָר װערן איבער־געריסן דורך דעם טעמפּן קלאַפּן פֿון די װעבשטולן אין דער טעקסטיל־אָפּטײלונג; די געװאַלטיגע גרויס פֿון די טורמע־געבײַדעס, די אָנגעצויגנ־קײט פֿון די אויפֿזעער און זײערע פֿינסטערע פּנימער, — דאָס אַלץ האָט זײער שטאַרק געװירקט.

מ׳האָט מיך געפֿרעגט, װאָס פֿאַר אַ מלאכה איך װיל אויסקלײַבן, װיסנדיג פֿון פֿריער, אַז דער עלטערער אַרבעטער פֿון פֿלעכטן שטולן איז אַן אָנשטענדיגער מענטש, האָב איך אויסגעקליבן דעם דאָזיגן טאַלאַנט.

נישט קוקנדיג אויף דער גרויסער צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די ״קרעסטי״ האָט זיך אײַנגעגעבן פֿונאַנדערצוזעצן זײ אויף אַזאַ אופֿן, אַז זײ זאָל זײַן אוממעגליך אָדער, װײניגסטנס, זײער שװער, צו האָבן צװישן זיך װעלכע עס איז באַציהונגען דורכן איבערקלאַפּן זיך. געזעסן זײַנען מיר אײנער איבער דרײען — אין די צװישנקאַמערן זײַנען געזעסן קרימינעלע, — און פֿון אויבן אויף אונטן האָט מען בײם פֿונאַנדערזעצן די אַרעסטאַנטן אָפּגעהיט דעם סדר פֿון די קעסטלעך אויף אַ שאַכברעט, אַזוי אַז סײַ איבער דעם פּאָליטישן סײַ אונטער אים האָט געמוזט זיצן אַ קרימינעלער. אַרויסלאָזן, דורכגײן זיך פֿלעגט מען אונז אין גרופּעס צו 50—40 מאַן. אין משך פֿון דער האַלבער שעה פֿלעגן מיר אַרומגײן אין אַ קרײז, אײנער הינטערן אַנדערן, און ניט טאָרן אַ דרײ טאָן דעם קאָפּ אויף הינטן.

אין דער גאַנצער גרופּע פֿון די 50—40 מאַן פֿלעגן זײַן ניט מער פֿון 4—3 ״פּאָליטיקער״. דער חילוק פֿון די פּאָליטיקער ביז די קרימי־נעלע איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס זײ האָבן געטראָגן אײגענע קלײדער, אָבער אויפֿן פֿלײצע איז בײ זײ אויך געװען אַן אָנגענײהטע בלעכל מיטן נומער פֿון דער קאַמער. צוקוקנדיג זיך צו דעם תמיד זעלביגן עולם פֿון מײַן גרופּע, האָב איך באַלד באַמערקט, אַז אײנער פֿון די שפּאַצירנדיגע, װאָס איז געװען אָנגעטאָן אין אַרעסטאַנטן־קלײדער, האָט עפּעס גאָר אַ גאַנץ אַנדערן אויסזעהן, אַזוי אַז ס׳איז געװען שװער צורעכענען אים אויך צו די קרימינעלע. אַ הויכער מאָגערער און שטאַטליכער, האָט דער דאָזיגער יונגערמאַן געטראָגן דאָרט זיך דיזעלביגע אַרעסטאַנטן־קלײדער מיט עפּעס אַן אויסער־

געוויינליכער עלעגאַנץ. זײַן בלאָנד בערדל, וועלכן ער פֿלעגט תּמיד פֿאַרן דורכגיין זיך פֿאַרקאַמען מיט אַ קליין קעמעלע, פֿלעגט נאָך דער־גאַנצן די דאָזיגע עלעגאַנץ. אַ בליק האָט ער געהאַט אַ גלײַכגילטיקן און אַ רוהיקן, נישט ליב געהאַט בעתן שפּאַצירן צו פֿאַרקוקן זיך אָנאַ־זייט און איז קענטיק געווען אינגאַנצן פֿאַרטיפֿט אין זײַנע אייגענע געדאַנקען. אַז איך האָב זיך אײַנגעקוקט אין דעם נומער פֿון זײַן בלעכל, האָב איך דערזעהן, אַז עס איז אויך אַ "גראַד" ווי מײַן אייגענער, און אַז דאָס איז אַ נומער פֿון אַ "פּאָליטיקער" וואָס גייט יעדן טאָג אין דערזעלביגער ריי, ד.ה. אַז מיר זײַנען אָפּגעטיילט דורך דרײַ קאַמערן. אַלזאָ איז דאָס מסתּמא אַ "פּאָליטיקער". איך האָב גע־פּרובט פֿאַרפֿירן מיט אים אַ "שמועס מיט פֿינגער" לויטן אלף־בית פֿון טורמע, עס האָט אָבער נישט געהאַט קיין ערפֿאָלג: דער אומבאַקענטער צי ער האָט נישט באַמערקט, צי ער האָט נישט געוואָלט באַמערקן מײַנע סימנים... איך האָב אַ פֿרעג געטאָן בײַ אַן אַרעסטאַנט אַ יידן, וועל־כער האָט געקענט אַלע אַרעסטירטע, ווייל ער איז שוין געווען אַ לאַנגע צײַט אין די "קרעסטי". ווער דאָס איז אָטדער סודותפֿולער יונגערמאַן. "אַנעלעווסקי, פֿאַרמשפּט אויף 5 יאָר" האָט ער געענטפֿערט. דער דאָזי־גער נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט: אין פּלעכאַנאָווס "סאָציאַלדעמאָ־קראַט" איז געשטאַנען וועגן אים, אַלס דעם איינציקן אַרבעטער פֿון רוסלאַנד, וואָס האָט זיך באַטייליקט אויף דער פּאַריזער סאָציאַליסטישער קאָנפֿערענץ פֿון 1889 יאָר אַלס דעלעגאַט פֿון דער פּוילישער פּאַרטיי "פּראָלעטאַריאַט". דערנאָך האָב איך זיך אין "רויטן קרייץ" דערוואוסט, אַז דײַטשלאַנד האָט אים אַרויסגעגעבן, ווײַל מ'האָט אים באַשולדיקט אין האָבן באַציהונגען מיט פּאַדלעווסקין, וואָס האָט דערהרגעט אין פּאַריז דעם זשאַנדאַרם־גענעראַל סליווערטאָוון. מ'האָט אים פֿאַרמשפּט אויף 5 יאָר מזרח־סיביר. אַנעלעווסקי האָט זיך "פּרינציפּיעל" אָפּגעזאָגט פֿון צו נעמען פֿון "דרויסן" וועלכע עס איז הילף, אויסער ביכער. דעריבער האָט ער ניט געניצט די ציווילקליידער, וואָס מ'פֿלעגט אים צושיקן. אין 1899־טן יאָר האָט ער אין סיביר געענדיקט דאָס לעבן מיט זעלבסטמאָרד.

אַ צווייטער שכן מײַנער אין דעם "שפּאַצירן" איז געווען אַ גע־זונטער, שטאַרקער סיבירער סטודענט אַמוואָראָסאָוו. אַ יאָר צײַט איז ער געזעסן פֿאַרן געריכט און דערנאָך האָט מען אים אַריבערגעפֿירט אויף אַ יאָר אין די "קרעסטי". מיט אים פֿלעג איך זיך יעדן טאָג גריסן, האָב געפּרובט דורך דער קייט פֿון די קרימינעלע פֿאַרפֿירן

אַ שמועס׳ אָבער עס האָט זיך נישט איינגעגעבן׳ איינמאָל האָט זיך באַוויזן נאָך א „פּאָליטיקער״ מיט א פֿינסטערן און נערוועזן געזיכט׳ וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק פֿון א מענטשן׳ וואָס איז שוין אויסגעמאַטערט פֿון דער טורמע׳ פֿון דעמזעלבֿיגן יידן האָבֿ איך זיך דערוואוסט זײַן פֿאַמיליע׳ דאָס איז געווען ד׳ ב׳ גאָלדנדאַך׳ דער איצטיגער ראַזאַנאָוו ווײַטער האָט ער מיר דערציילט׳ אַז גאָלדנדאַך איז א פֿאַרשיקטער פֿון אָדעס אויף 4 יאָר׳ אַז ער איז שטאַרק ניט געזונט און וועט בשום אופֿן ניט קאָנען אויסהאַלטן אַזאַ לאַנגע צײַט׳ אינגיכן איז ג׳ נעלם געוואָרן; דאַכט זיך׳ אַז ער האָט זיך געלייגט אין דעם טורמע־שפּיטאָל׳

ס׳איז געקומען פֿרילינג און איך האָבֿ באַקומען א שרעקליכע בשורה׳ אַז ס׳איז געשטאָרבֿן איינער פֿון די אַרעסטירטע׳ פּערזענליך האָבֿ איך אים נישט געקענט׳ איך האָבֿ אים אָבער גוט געקענט פֿון מ׳ ווי׳ וואַסיליעוואַס דערציילן׳ וואָס פֿלעגט קומען צו אים אַלס זײַן „כּלה״׳ נאַפּאָליאָן זאַלצער — אַזוי האָט ער געהייסן — איז געווען אַ יונגער האַנטווערקער און פֿאַרמשפּט אינאיינעם מיט זײַן ברודער און נאָך אַנדערע׳ וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דעם קרייזל „פּראָלעטאַריאַט״׳ אויף 5 יאָר „קרעסטי״׳ ווי מ׳ ווי׳ וואַסיליעוואַ האָט מיר איבערגעגעבֿן׳ האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן באַגאַבטקייט און מיט דער טיפֿקייט פֿון זײַנע סאָציאַליסטישע איבערצײַגונגען׳ שוין פֿון לאַנג אָן׳ נאָך אַז איך בין געווען פֿרײַ׳ האָט מען זיך געשראָקן פֿאַר דעם צושטאַנד פֿון זײַנע לונגען׳ די פּערזאָנען׳ וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם „רויטן־קרייץ״׳ האָבן געזעהן ווי עס איז צו פֿאַרבעסערן זײַן לעבן׳ סײַ אין פּרט פֿון עסן סײַ אין קליידער און דערשלאָגן זיך׳ אַז מ׳זאָל אים אַריבערפֿירן איז אַ טרוקענער קאַמער׳ אָבער די האַנטוועבערײַ׳ מיט וואָס ער האָט זיך פֿאַרנומען אין טורמע׳ איז געווען אין אַזאַ מין ניט היגיענישן צושטאַנד׳ דאָרטן איז געווען אַזאַ מין שטויב׳ אַז דער פּראָצעס פֿון דער קראַנקייט איז גיך געגאַנגען פֿאָרויס׳ דער געדאַנק וועגן דעם אומבאַקענטן חבר׳ וואָס האָט געפֿירט דעם לעצטן קאַמף פֿאַרן לעבן אין די פֿינסטערע און קאַלטע ווענט פֿון דעם טורמע־שפּיטאָל׳ האָט מיר אסך נעכט נישט געלאָזן שלאָפֿן׳

באַלד ווי איך בין אַרײַן אין טורמע׳ האָבֿ איך אָנגעהויבן באַקומען אין די ביכער׳ וואָס מ׳פֿלעגט מיר צושיקן׳ ס׳ א׳ האָפֿמאַנס זעהר פֿאָרזיכטיג שיפֿרירטע בריוו׳ אין דעם ערשטן בריוו איז געשטאַנען׳ אַז אונזער בראָשור איז שוין אַרויס און זי האָט געהאַט אין די ראַדי־

קאַלע קרייזלעך אַן ערפֿאָלג. „די זקנים״ האָט געשריבן האָפֿמאַן
(אַזוי האָט מען בײַ אונז גערופֿן די מיטגלידער פֿון דער ס. ד. פּראָ־
פּאַגאַנדע־גרופּע), „סטאַרען זיך צו דערגיין, ווער עס האָט געשריבן די
הקדמה, כדי אַרײַנצוציִען דעם מחבר אין זייער קרייזל. אין דעם צווייטן
בריוו האָט ער געשריבן, אַז עס איז געלונגען אַרויסצוגעבן די צווייטע
בראָשור, וואָס מיר האָבן אָנגעמערקט — בעבעלס רעדע וועגן מילי־
טאַריזם. זי איז טעכניש אַרויס ניט אין אַן ערך בעסער, ווײַל מ׳האָט
זיך פֿאַרפֿולקומט מיטן העקטאָגראַף און מ׳האָט שוין געהאַט די שרײַב־
מאַשין. אָבער פֿון די ווײַטערדיקע בריוו איז געוואָרן קלאָר, אַז די
טעטיקייט פֿון דעם קרייזל איז שוואַכער געוואָרן: עס האָט זיך ווידער
דערנעהענטערט די צײַט פֿון די עקזאַמענס און דאָס לערנען פֿון אוני־
ווערזיטעט מיטן אַרומלויפֿן געבן אורעקן און זוכן עפּעס צו פֿאַרדינען,
האָט אָוועקגענומען בײַ די חברים די גאַנצע צײַט. דעריבער האָב
איך זיך נאָך מער געריסן צו ווערן פֿרײַ. רעכענענדיק, אַז מיט מײַן
פֿרײַער צײַט וועל איך זײַן ביכולת אויפֿצולעבן די טעטיקייט פֿון דעם
קרייזל. ווי גרויס איז אָבער געווען מײַן אַנטוישונג, ווען איך האָב
מיט אַ צוויי וואָכן פֿריִער פֿאַר מײַן באַפֿרײַט ווערן, באַקומען אַ פּאַפּיר
פֿון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וואו ס׳איז געשטאַנען, אַז עס איז מיר
פֿאַרווערט אין משך פֿון צוויי יאָר צײַט צו וואוינען סײַ אין די
הויפּטשטעט אַזוי אויך אין די אוניווערסיטעט־שטעט. איך זאָל דעריבער
אויסקלײַבן פֿאַר זיך אַן אָרט אויף צו וואוינען, נישט צוגעגרייט צו
דעם דאָזיקן סורפּריז, האָב איך געבעטן די עלטערן, זיי זאָלן דערגיין
בײַ די חברים, וואוהין זיי עצהן מיר צו פֿאָרן. איך גופֿא האָב געוואָלט
פֿאָרן קיין וואָראָנעזש, ווײַל אַהין זײַנען אַוועקגעפֿאָרן די צוויי פּעטער־
בורגער אַרבעטער, די סאָציאַלדעמאָקראַטן פּ. באָגדאַנאָוו און א. פּילימאָנאָוו
גלײַך ווי זיי זײַנען אַרויס פֿון טורמע. איך האָב געהאָפֿט, אינאיינעם
מיט זיי קאָנען פֿאַרנעמען זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. האָפֿמאַן האָט
מיר אָבער געשריבן, אַז די חברים ראַטן מיר צו פֿאָרן קיין ווילנע,
וואו עס זיינען פֿאַראַן, לויט די ידיעות, וואָס זיי האָבן, אסך אַרבעטער־
קרייזלעך. זיי האָבן גערעדט מיט ל. נ. באַראַנסקאַיאַ און זי זאָגט צו,
אַז זי וועט מיך קאָנען פֿאַרבינדן מיט זיי. אַזוי אַרום איז געבליבן
ווילנע.

דעם 17־טן מאַי 1893 בין איך אַרויס פֿון די „קרעסטי״. די
עלטערן האָבן באַקומען א דערלויבעניש פֿאַר מיר צו בלײַבן אַ חודש

צײַט אין פעטערבורג. איצט האָבן מיר אַלע אין אונזער קרייזל באַטראַכט די פלענער פֿון דער ווײַטערדיגער אַרבעט און די פֿראַגן פֿון דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישן קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען סוף זומער אין צירין. מיר האָבן געהאַלטן פֿאַר צוועקמעסיג ווי עס איז צו פֿאַרבינדן זיך מיט דעם דאָזיגן קאָנגרעס און מיר האָבן אַרויסגעטראָגן אַ החלטה צו שיקן אויפֿן קאָנגרעס אַ מאַנדאַט דער „גרופּע פֿאַר באַפֿרײַאונג פֿון דער אַרבעטער” גלײַכצייטיג בעטן, זיי זאָלן פֿאָרשטעלן אונזער קרייזל, אַלס איינעם פֿון די פראָפּאַגאַנדע־קעמערלעך פֿון דער אַנטשטייענדיגער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי. האָפֿמאַן האָט זיך אָרויסגערופֿן, אַז ער איז ווידער גרייט אַריבערצוגיין דעם גרעניץ און אַריבערשיקן אונזער מאַנדאַט, צו וועלכן מיר האָבן צוגעלייגט אַן אַדרעס פֿון דער „גרופּע פֿאַר באַפֿרײַאונג פֿון דער אַרבעט”. אין דעם דאָזיגן אַדרעס האָבן מיר זיי באַגריסט פֿאַר דער צעהניאָריגער עקשנותדיגער אַרבעט אויף צו פראָפּאַגאַנדירן די לערע, אויף וועמעס יסוד עס וועט קאָנען טריאומפֿירן די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. דער מאַנדאַט און דער אַדרעס איז געווען אונטערגעשריבן פֿון דער „פעטערבורגער גרופּע פֿאַר באַפֿרײַאונג פֿון דער אַרבעט”. האָפֿמאַן האָט פֿאַרווירקליכט זײַן פּלאַן, איז אַריבער דעם גרעניץ און אַוועקגעשיקט דעם בריוו קיין זשענעווע. וועגן זײַן גורל האָב איך אַ לאַנגע צײַט קיין זאַך ניט געוואוסט. ערשט אין אַ יאָר צעהן אַרום האָט מיר פּ. ב. אַקסעלראָד צופֿעליג דערציילט, וואָס פֿאַר אַן אָנגענעמער סורפּריז דער דאָזיגער מאַנדאַט איז געווען פֿאַר אים, פֿאַר זאַסוליטשן און פֿאַר פּלעכאַנאָוון. דאָס איז געווען דער ערשטער מאַנדאַט, וואָס זיי האָבן באַקומען צום קאָנגרעס פֿון רוסלאַנד גופֿא. ער האָט זיי געראַטעוועט פֿון דער שלעכטער לאַגע, אין וועלכער זיי פֿלעגן ביז דעמאָלט זײַן אויף קאָנגרעסן, זײַענדיג געצוואונגען צו דערלאַנגען מאַנדאַטן מער ניט ווי פֿון עמיגראַנטן־אָרגאַניזאַציעס.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון מאָנאַט יוני האָב איך פֿאַרלאָזן פעטערבורג און בין אַוועקגעפֿאָרן קיין ווילנע.

קאַפּיטל V.

װילנע אונטער דעם יאָך פֿון רוסיפֿיקאַטאָרן· דער יידישער פּראָלעטאַריאַט
אין משך פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע־תּקופֿה· די װילַ־ער מאַרקסיסטן·

קיין װילנע בין איך געקומען צופֿאָרן· נישט האָבנדיק קיין איין באַקענטן· מ׳האָט מיר נאָר צוגעזאָגט· אַז עס װעלן מיך אויפֿזוכן די מיטגלידער פֿון דעם אָרטיגן סאָציאַלדעמאָקראַטישן קרייזל· פֿון פּעטערבורג האָט מיך די „אָכראַנקע" פֿאַרזאָרגט מיט אַ „פּראָכאָדנאָיע סווידיעטעלסטווע", ס׳איז געשטאַנען· אַז די רגע ווי איך קום קיין װילנע· מוז איך זיך מעלדן בײַ דעם פּאָליצײַמײַסטער·

געפֿינענדיק אַ דירה· האָב איך תּיכּף· טאַקע בײַ דער באַלעבאָסטע גופֿא· געקראָגן צוויי אוראָקן — לערנען מיט איר זון און מיט אירן אַ פּלימעניק· דערנאָך האָב איך· מיט דער הילף פֿון אַ פּעטערבורגער רעקאָמענדאַציע־בריוו צו איינעם אַ בוכהענדלער· געקראָגן א דר׳טן אוראָק אויך· אין אַ קורצער צײַט אַרום האָב איך פֿאַרדינט פֿון אוראָקן איבער דרייסיק רובל אַ חודש — וואָס איז לויט דער דעמאָלטיגער צײַט געווען דורכויס גענוג אויף א ניט קיין אָרימן סטודענטן־לעבן· פֿאַרן צימער האָב איך געצאָלט 5 רובל אַ חודש· פֿאַר 20 קאָפּיקעס געגעסן אין גאָרקיך אַ מיטאָג פֿון צוויי געריכטן· וואָס האָט מבטיח געווען· אַז מ׳קאָן קריגן אַ קאַטאַר ניט פֿריער ווי אין אַ יאָר אַרום·

נאָך דעם ווי איך האָב זיך אײַנגעאָרדנט· האָב איך אָנגעהויבן וואַרטן מיט אומגעדולד· אַז עס זאָלן קומען די פֿאָרשטייער פֿון דעם אָרטיגן סאָציאַלדעמאָקראַטישן קרייזל· די צײַט האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנגזאַם· אַז ס׳איז געווען ניט אריבערצוטראָגן· אין אַ לחלוטין פֿרעמדער שטאָט האָב איך זיך געשפּירט אינגאַנצן אָפּהענטיג· גאַנצע טעג פֿלעג איך אַרומגיין איבער די גאַסן· פֿלעג זיך צוקוקן צו די פֿאַרבײַגייענדיגע מענטשן· כאַפּנדיק אָפּגעריסענע שטיקלעך פֿון זייערע שמועסן· כּדי צו דערפֿילן דעם דופק פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכן לעבן·

מער פֿאַר אַלץ· וואָס אַ געקומענעם אין דער הויפּטשטאָט פֿון ליטע האָט צו יענער צײַט ערשטוינט· איז דאָס געווען די חוצפּהדיגע מודעה פֿון דעם גענעראַלגובערנאַטאָר אָרזשעװסקי· די דאָזיגע מודעה האָט פֿאַרווערט צו ריידן אויף פּויליש אין טעאַטער· געשעפֿטן· רעסטאָ־

ראַנען, אין גאַס, אין גאָרטן און בכלל אין אַלע עפֿנטליכע ערטער. כּדי דער דאָזיגער געזעץ זאָל דערפֿילט ווערן, האָבן שוין אַכטונג געגעבן שפּיאָנען, סטראַזשניקעס און מוסרס. ס׳איז געווען גענוג, אַז מ׳זאָל אַ קוק טאָן אויף דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט נאָך דער יידישער כּמעט אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער שטאָט, כּדי מ׳זאָל זעהן, ווי חוצפּהדיג דער דאָזיגער פֿאַרבאָט איז; ס׳איז געווען גענוג, מ׳זאָל הערן אין אַ קראָם, ווי דער פּוילישער קונה גיט צו פֿאַרשטיין מיט מאַטערניש דעם פּוילישן קרעמער אויף רוסיש, וואָס ער וויל, און זעהן מיט וואָס פֿאַר אַ האַס און עקל עס צינדן זיך בייַ אים אָפּטמאָל אָן די אויגן, אַז מ׳זאָל ניט אָפּשאַצן די אומגעלומפּערטקייט פֿון דער דאָזיגער רוסיפֿיקאַטאָרישער התמדה.

איינמאָל איז צווישן די שילער פֿון דער גימנאַזיע, וואָס איינעם פֿון זיי האָב איך געגעבן אַ אוראָק, פֿאָרגעקומען אַ גוואַלטיגער טומל. אַ שילער, אַ פּאָליאַק, ווען די עלטערן האָבן געשיקט אין אַ קראָם, איז געלאָפֿן מיט די גאַנצע כּוחות אַהיים, כּדי צו קומען צו דער באַשטימטער שעה, נאָך וועלכער גימנאַזיסטן האָבן ניט געטאָרט אַרויסגיין אויפֿן גאַס. פֿליהענדיג, האָט ער שיר ניט אַ וואָרף געטאָן עפּעס איינעם אַ הער. ער האָט אין אייַלעניש געבעטן אַנטשולדיגונג אויף פּויליש און איז אַוועקגעלאָפֿן ווייטער. אויף מאָרגן האָט מען ארויסגערופֿן זיינע עלטערן אין גימנאַזיע: עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער הער, וועמען ער האָט אַ שטויס געטאָן איז געווען איינער פֿון די פּעדאַגאָגן־רוסיפֿיקאַטאָרן. תּיכּף נאָך דער מעשה האָט ער מודיע געווען דעם דירעקטאָר, אַז דער יינגל האָט געבעטן אַנטשולדיגונג אויף פּויליש.

צום אומגליק זייַנען די עלטערן געווען גראָד פֿון יענעם מין פּאָלאָניזירטע ווייַסרוסן פֿון דעם בורזשואַזן קלאַס, וואָס זייַנען געווען דער ספּעציעלער אָביעקט פֿון גענעראַל אָרזשעשקאָס רוסיפֿיקאַטאָרישער פּאָליטיק. מ׳האָט זיי די שטעל געמאָלדן, אַז זיי זאָלן צונעמען דעם זון פֿון גימנאַזיע. אַז זיי האָבן אָנגעהויבן בעטן זיך רחמים, האָט מען זיי געגעבן אַ פֿרעג, אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך ריידן זיי מיט די קינדער אין שטוב. סוף־כּל־סוף, האָט זיך די „נאַטשאַלסטווע“ דערבאַרעמט און געלאָזן דעם יינגל אין גימנאַזיע; זי האָט אים אָבער אַרייַנגעזעצט אין קאַרצער אויף אַזאַ צייַט, אַז אַפֿילו דער יינגל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שאַרפֿן קעפּל, האָט געקאָנט פֿאַרשטיין, אויף וויפֿיל עס לוינט בעסער, אַז מ׳טרעט אָן אַ „נאַטשאַלניק“ אויפֿן פֿוס, אינגאַנצן ניט בעטן

קיין אַנטשולדיגונג און ווערן באַשטראָפט פאַר גראָבקייט, איידער אַנט־שולדיגן זיך אויף דער אייגענער שפּראַך און ווערן פאַררעכנט פאַר אַ מורד במלכות.

מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ געפילן די דאָזיגע פּאָליטיק האָט אַרויסגערופן ביי דער פּוילישער און פּאָלאָניזירטער שטודירנדיקער יוגנט. אין די מיטלשולן האָט זיך צווישן די פּוילישע שילער אַנטוויקלט אַ סאַמער קרענקליכער נאַציאָנאַליזם. שפּעטער — אין 1895־טן יאָר — האָב איך זיך דערוואוסט פון מיינע שילער, אַז עס עקזיסטירט זייערער אַ קרייזל, וואָס גרופּירט זיך אַרום דעם פּעהיגן בחור מאַלעצקין און אַז ער האָט אַ גרויסע השפּעה אויף זיינע חברים; מאַלעצקי איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם קריסטליך־אַסקעטישן פּאַטריאָטיזם און האָט אָנגעשטעקט די גימנאַזיע מיט מיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. שפּעטער בין איך נשתומם געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון די צייטונגען וועגן דעם גרויסן פּראָצעס פון אָטדעם, קענטיק באַ־גאַבטן, אָבער צעבראָכענעם בחור. ער האָט געענדיגט מיט אַ קרימי־נעלער מעשה, וואָס ניט מ׳זאָל זאָגן, זי האָט געהאַט אַ פּאָליטישן, ניט אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישן גרונט. די פּרטים פון דעם פּראָצעס געדענק איך ניט, איך געדענק נאָר, אַז פאַר אַ פאַרטיידיגער איז אַרויס־געטראָטן ספּאַסאָוויטש און אַז די זאַך האָט זיך געענדיגט מיט קאַ־טאָרגע.

די פּוילישע באַפעלקערונג האָט, פאַרשטייט זיך, געצאָלט פאַר דער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק מיט אַ ווילדן האַס. דער ספּעציעלער אָביעקט פון אָטדעם האַס איז געווען מוראַוויאָוו דעם תּליונס דענקמאָל וואָס מ׳האָט דעמאָלט געשטעלט.

זעהר פּאָפּולער איז דעמאָלט געווען אין שטאָט די באַרימטע זינ־גערין מאַרטשעלאַ זעמבריך. זי האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק גע־געבן אַ קאָנצערט, אויף וועלכן זי האָט „אויף ביס“ געזונגען אַן אומשולדיג פּויליש לידל. תּיכף איז דער פּאָליציימייסטער צוגעלאָפן צו איר הינטער די קוליסן, זיך גאַלאַנט פאַרנויגט פאַר איר און געזאָגט, אַז ער באַשטראָפט זי מיט 50 רובל. דערלאַנגענדיג אים הונדערט, האָט די זינגערין זיך אָנגערופן: „נעמט שוין פאַראיינס פאַר צוויי“, און איז אַרויס אויפן סצענע און האָט אָפּגעזונגען אַ צווייט פּויליש ליד, איצט שוין אַן אמת אַ פּאַטריאָטישע. נאָך דער דאָזיגער מעשה האָט מען זי אַרויסגעשיקט און פאַרווערט נאַכאַמאָל צו קומען קיין ווילנע.

די צווייטע העלדין׳ וואָס די רוסיפֿיקאַציע האָט אַרויסגעבראַכט׳
האָט געהאַט אַ קלענערן נאָמען׳ איך האָב זיך שוין פֿאַרגעסן׳ ווי מ׳האָט זי
גערופֿן׳ דאָס איז געווען אַ יונגינקע ליטווישע מיידעלע׳ וועמעס פֿאָר־
טרעט מ׳האָט פֿאַרשפּרייט׳ ווי אַ קמיעה׳ סײַ צווישן דער העכערער גע־
זעלשאַפֿט׳ סײַ צווישן דעם פשוטן המון׳ „זשאַנאָ ד׳אַרק פֿון זשמוד״
האָבן זי גערופֿן מיט התלהבות די פּויליש־ליטווישע פּאַטריאָטן׳ פֿון
דעם דאָזיגן פֿאָרטרעט האָבן מיט אַ טרויער און פֿאַרחלומטקייט
אַראָפּגעקוקט אַ פּאָר צאַרטע אויגן אויף אַ באחנטן איינפֿאַכן פויערשן גע־
זיכט׳ איר נאָמען איז געווען פֿאַרבונדן מיט „מעשה־קראָזש״ — אַ שטע־
טעלע אין קאָוונער גוב —׳ וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַזאַ רעש. די מעשה
גופֿא איז באַשטאַנען אין דעם׳ וואָס די פּויערים פֿון אַ גאַנצער געמיינדע׳
צי פֿון עטליכע׳ האָבן ניט געלאָזן פֿאַרמאַכן דעם קאָסטעל בײַ דעם מאָ־
נאַסטיר׳ איך געדענק שוין ניט׳ אויף וואָס׳ אייגנטליך׳ פֿאַר אַ סמך האָט
מען אין ליטע סיסטעמאַטיש פֿאַרמאַכט די קאָסטעלן; איך וואָלט שווערן׳
ס׳איז געווען׳ דאַכט זיך׳ אַ תּירוץ׳ אַז די געביידעס זײַנען צו אַלט׳ דערבײַ
אָבער האָט אַ ספּעציעלער אוקאַז פֿאַרווערט מ׳זאָל זיי אָפּבויען פֿונדאָסנײַ׳
אין קראָזש האָבן די פויערים׳ געפֿירט פֿון דעם קסאָנדז׳ מיט גוואַלט ווידער
אויפֿגעעפֿנט דעם קאָסטעל און אפּגעריכט די תּפֿילות׳ נאָך עטליכע צו־
זאַמענשטויסן מיט דער מאַכט׳ איז די זאַך דערגאַנגען דערצו׳ אַז ס׳איז
אַראָפּגעקומען אַ שטראָף־עקספּעדיציע און עס איז אַוועק אַ מעשה מיט
אַרעסטן און מיט שמײַסן די פויערים׳ דער סוף איז געווען׳ אַז די זאַך
איז דערגאַנגען צו אַ „באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד״׳ וועלכער איז געוואָרן דער־
שטיקט מיט אַ דעמאָלט אומדערהערטער אַכזריות׳ און צו אַ געריכטליכן פּראָ־
צעס. אָט בײַ דעם דאָזיגן פּראָצעס איז דאָס אַרויסגעשוואומען זשאַנאַ ד׳ארקס
נאָמען׳ וואָס האָט באַגייסטערט די פויערים צום קאַמף פֿאַרן „פֿאַרשוועכטן
קריסטוס״׳ אין משך פֿון אַ יאָר צײַט האָט ליטע געלעבט מיט „מעשה-
קראָזש״׳ און אין די טעג פֿון פּראָצעס האָט אין ווילנע געקאָכט׳ דער פּראָ־
צעס האָט זיך׳ כּדרך הטבע׳ געענדיגט מיט קאַטאָרגע און מיט אַרעסטאַנטן־
ראָטעס׳ דער פֿאַרטיידיגונג האָט זיך אָבער אײַנגעגעבן אויפֿצודעקן די
מעשים־תּעתּועים פֿון דער רוסיפֿיקאַטאָרישער עפּאָפּעע און דערלאַנגען
אָרזשעשעווסקיס פּאָליטיק אַ שווערן קלאַפּ׳ אָרזשעשעווסקין גופֿא האָט מען באַלד
באַזייטיגט׳ און דער נאָמען פֿון דעם דירעקטן דורכפֿירער פֿון זײַן פּאָליטיק
אין קראָזש — פֿון דעם קאָוונער גובערנאַטאָר קלינגענבערג — האָט שוין
דעמאָלט דורכגעטראָגן זיך׳ווי אַ דונער׳ איבער ליטע׳ — נאָך אַ לאַנגע צײַט

פֿאַר דעם, ווי עס האָבן אים באַרימט געמאַכט זײַנע שפּעטערדיקע גבורות אין וויאַטקער און מאָהילעווער גובערניע.

וואַרטנדיק אַזוי די גאַנצע צײַט האָב איך שוין אָנגעהויבן צו ווערן פֿאַרצווייפֿלט, אויב די אָרטיקע סאָציאַלדעמאָקראַטן וועלן מיך ווען עס איז אויפֿזוכן, בשעת עס האָבן בײַ מיר איינמאָל אין אַ פֿריִמאָרגן אָנגעקלאַפּט צוויי מענטשן אין טיר. איינער פֿון זיי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס אַן אויסגעשלאָסענער סטודענט־טעכנאָלאָג קאַץ, ל. נ. באַראַנסקאַיאַס אַ באַקענטער, פֿון וועלכן ער האָט באַקומען אַ שליחות צו באַקענען מיך מיט די אָרטיקע חברים. קאַץ איז געפֿאָרן קײַן אַמעריקע און איז געווען אין ווילנע דורכפֿאָרנדיק. זײַן באַגלייטער, וואָס האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס „אַלעקסאַנדער" איז געווען אַ מענטש פֿון מיטעלן וואוקס, מיט אַ טונקל־בלאָנדן בערדל און מיט לעבעדיקע ברוינע אויגן — אַ מין סתּירה צו זײַן פֿלעגמאַטישן באַנעמען זיך. מיר האָבן געשמועסט וועגן אַלגעמיינע פֿראַגן, מער טעאָרעטישע, וואָס האָבן דעמאָלט אינטערעסירט די מאַרקסיסטן. געזעסן אַ ווײַלע, איז „אַלעקסאַנדער" אַוועקגעגאַנגען צוזאָגנדיק, אַז ער וועט קומען ווידער.

דעם צווייטן מאָל איז ער געקומען מיט אַ חבר, וואָס איז געווען אויפֿן אויסזעהן אַסך אַ ייִנגערער פֿאַר אים. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דאָס געווען ס. גאָזשאַנסקי. זײַן ברייטע געזיכט מיט די שוואַרצע וואָנצעס האָט אָפּט געציטערט פֿון אַ נערוועזער באַוועגונג. דער נײַער באַקענטער האָט זיך גלייך אָנגעהויבן פֿונאַנדערפֿרעגן וועגן דעם גייסטיקן און פּאָליטישן לעבן פֿון יענע פּעטערבורגער קרייזן, צווישן וועלכע איך האָב געלעבט. איך האָב מיט גרויס חשק געענטפֿערט אויף די פֿראַגן, כאַראַקטעריזירט איינצלנע קרייזלעך און שטרעמונגען, שילדערנדיק, בדרך אגב, דעם שטאַנדפּונקט פֿון אונזער קרייזל אויף די טאָג־טעגלעכע רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען. אונזער שמועס איז געוואָרן אַ זעהר לעבעדיקער, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו דערמאָנען, אַז פֿון די קרייזלעך „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין אוניווערזיטעט האָבן מיר זיך, צוליב זייער קנאַפּע קאָנספּיראַטיוקייט, געהאַלטן אָנאַזײַט.

דאָ האָבן זיך מײַנע חברים דורכגעקוקט און געגעבן אַ שמייכל. אויף מײַן פֿרעגנדיקן בליק, האָט מיר דער נײַער באַקענטער געענטפֿערט אָהן קיין שום צערעמאָניעס, אַז דאָס האָט זיי שטאַרק פֿאַרוואונדערט, וואָרים איך גופֿא האָב גערעדט מיט זיי, מיט לחלוטין פֿרעמדע מענטשן, נישט אָפּהיטנדיק אַפֿילו די עלעמענטאַרע געזעצן פֿון קאָנספּיראַציע.

איך בין געוואָרן רויט און זיך אָנגערופֿן מיט ברען, אַז מיר האַלטן ניט פֿון קיין אומנוציגן שפּילן אין קאָנספּיראַציע, און אַז אין דעם וואָס איך האָב זיי דערציילט, איז נישט געווען דערמאָנט קיין איין איינציגער נאָמען. פֿאַר מײַנע חברים איז אָבער געווען נישט שווער צו דערווײַזן, אַז שטרענגע קאָנספּיראַציע פֿאָדערט, אַז מ׳זאָל נישט אַרויסגעבן ניט נאָר נעמען אַליין, וואָרים ווען מ׳דערציילט אויספֿירליך וועגן פֿאַרשיידענע קרײַזלעך און מ׳גיט אָן זייער „געאָגראַפֿישע״לאַגע,איז שוין לחלוטין גענוג פֿאַר אַזוינע, וואָס וואָלטן אויפֿן סמך פֿון אָטדי באַווײַזן געוואָלט פֿעסטשטעלן די נעמען פֿון די טוערי.

אַקיצור, איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אויפֿן עקזאַמען פֿון קאָנ־ספּיראַציע בין איך דורכגעפֿאַלן. כאָטש אַפֿילו איך האָב געגעבן צו פֿאַרשטיין מײַנע געסט, אַז אויף זיי האָב איך געקוקט, ווי אויף עלטערע חברים, צו וועמען איך בין געקומען לערנען זיך און פֿאַר וועמען איך האָב דעריבער נישט געהאַט קיין שום גרונט צו פֿאַרבאָרגן אַזוינע זאַכן, וואָס איך וואָלט אין אַ געשפּרעך מיט אַנדערע נישט אָנגעהויבן צו דערציילן, האָב איך פֿונדעסטוועגן דעם פֿאַרדריסליכן געפֿיל קעגן זיך גופֿא נישט געקאָנט דערשטיקן.

דער ענין קאָנספּיראַציע איז געווען דער ״קאָניאָק״ פֿון דעם ווילנער סאָציאַלדעמאָקראַטישן קרייזל, חוץ דעם נאָך פֿון אייניגע אַנדערע, וואָס זײַנען צוגעטראָטן אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון רוסלאַנד אויפֿצולעבן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען צווישן די ברעקלעך פֿון דער אַלטער באַוועגונג. אין דער אַטמאָספֿער, וואָס איז געווען אויף אַסך יאָרן פֿאַרסמט מיט דעם פּונאַנדערפֿאַלן פֿון דער ״נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, מ׳ט דער ״דעגאַיעווּשטשינע״ איז די דאָזיגע אַרבעט געווען אַ זעהר שווערע. עס איז געווען פֿאַר די נײַ אַנטשטאַנענע רעוואָלוציאָנערע גרופּן אַ לעבנס־געזעץ צו באַהאַלטן, אויף וואָס אַ לענגערער צײַט, די עקזיסטענץ גופֿא פֿון די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע נעסטן. דעריבער האָט מען דאָס גענדאַרפֿט גוט פֿאַרמאַסקירן ניט נאָר פֿון דעם אַרום בכלל, נאָר פֿון דער ברייטער ״ראַדיקאַלער״ סביבה בפֿרט. אמת, נאָך די עטליכע ערפֿאָלגן פֿון דער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט מען נישט געקאָנט באַהאַלטן קיין נאָל אין זאַק, אָבער אַ חוק איז געווען, אַז מ׳זאָל זיך פֿירן אַזוי, ווי עס וואָלט נאָך כלומרשט קיינער ניט גע־וואוסט אין שטאָט, אַז עס עקזיסטירט אַ געהיימע סאָציאַלדעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציע. די לאַנגע דערפֿאַרונג פֿון אַרבעטן אין איין פּונקט

האָט אַנטוויקלט אַזאַ אופן פון קאָנספּיראַציע, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו קונסט. איך גופא האָב דערנאָך געשפּירט אין זיך, ווי די דאָזיגע עלעמענטאַרע געזעצן פון קאָנספּיראַציע עסן זיך אײַן אין פלייש און בלוט. קיינמאָל נישט אָנרופן מיטן נאָמען איינער דעם צווייטן, נישט אָנרופן מיטן נאָמען (אַפילו אונטער פיר אויגן) קיין מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס פלעגן פעלן, אין ערגעץ ניט שיקן אַפילו קיין "אומשולדיגע" בריוו, און אין שיפרירטע בריוו ניט דערמאָנען קיין נעמען, ניט באַווײַזן זיך אויפן גאַס מיט קיין איין שום פּעקעלע, עס מעג אַפילו זײַן אין אים די געוויינליכסטע זאַך, ניט גריסן זיך, ווען איינער טרעפט דעם אַנדערן אין גאַס, אַפילו מיט קיין בליק, קיינמאָל ניט גיין, ווען מ'איז אַפילו זיכער, אַז קיין שפּיאָנען זײַנען ניטאָ, מיט קיין גלייכן וועג וואוהין ער דאַרף גיין; ריידן אין צימער מיט אַ שטיל קול — אָטדי אַלע אויסערליכע דינים, מיטן סטאַרען זיך נישט צו שטעלן חברים קיין "איבעריגע קשיות", האָבן גוט אײַנגעחזרט אַלע טוער פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע. מ'קאָן בלתי ספק זאָגן, אַז די דאָזיגע סיסטעם פון קאָנספּיראַציע, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט דער ערשטער קרייזל־פעריאָד פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעט, האָט, בײַ זײַן גאַנצער פּשוטקייט, פאָרט דערגרייכט געוויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן; ריכטיגער געזאָגט, אַ געוויסן רעזולטאַט פלעגט מען דערגרייכן דורך פטרן אַ גאַנץ גרויסן סכום פון גייסטיגער ענערגיע, וואָרים בײַן צענטל פון דער פאַרזיכטיגקייט איז אפשר אין יעדן איינצלנעם פאַל געווען ניט שטאַרק נויטיג, דערפאַר אָבער פלעגט איין צענטל זײַן יע נויטיג און האָט דערגרייכט דאָס, אַז סײַ די מאַכט, סײַ די אָרטיגע געזעלשאַפט האָט זיך ערשט אין אַ געוויסער צײַט אַרום דערוואוסט, אַז עס עקזיסטירט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע און ווי גרויס עס איז דער פאַרנעם פון איר אַרבעט. בלתי ספק, וואָלט דאָס נישט געקאָנט זײַן, ווען מ'וואָלט זיך נישט געהאַלטן אָן דער דאָזיגער סיסטעם.

גלײַכצײַטיג ווי די פאַרטיי איז אַריבער צו אַ ברייטער אַגיטאַציע, האָט זיך די סיסטעם אַרויסגעוויזן פאַר אַ צו שווערער און אַז מ'קאָן זי נישט צוליב דעם ברענגען אין קיין הסכם מיט אַ באַפרידיגנדיגן פאַרענטפערן פון די נײַע פראַגן. גיי פטר עטליכע שעה אויף דורכפירן די קלענסטע זאַך, וואָס מ'האָט דיר איבערגעגעבן, ווען מ'דאַרף אין אַ סאַמער קורצער צײַט אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אַרויסטרעטונג און אין עטליכע טעג ברענגען אין באַוועגונג די צעשפּליטערטע מאַסן, וואָס

שטייען נאָך מחוץ דער באַוועגונג. נאָך אין סוף פֿון 1895־טן יאָר, בעת מיר האָבן געגרינדעט אין פעטערבורג דעם „פֿאַראיין אויף צו באַ־פֿרייען דעם אַרבעטערקלאַס" האָבן מיר זיך געקאָנט דערלויבן דעם לוקסוס גיין צופֿוס פֿון סעמיאַניקאָווער זאַוואָד צום פוטילאָווער, נאָר כּדי אויסצומײַדן די פּאָר טראַמווייען, וואָס פֿאַראייניגןביידע פֿאָרשטעטער מיט דער שטאָט, וואו מ'האָט זיך געקאָנט לײַכט אָנשטויסן אויף אַ חברה־מאַן און עס וואָלט געווען שווער פעסטצושטעלן זײַן פערזאָן, ווי אויף די פּוסטע פּלעצער, דורך וועלכע מיר פּלעגן זיך דורכקלייבן פֿון איין „העק" צום צווייטן. ביי אַ גרעסערן טעמפּ פֿון דער פּאַרטיי־אַרבעט, האָט דער דאָזיגער לוקסוס שוין פּשוט נישט געקאָנט געמאָלט זײַן. די איבערגענומענע אַמאַטערן פֿון דער קרײַזל־קאָנספּיראַציע מיט זייער לאָזונג „פֿון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס" האָבן אַזעלכע טוער ווי דעם פֿאַרשטאָרבענעם סטעפּ. איוו. ראַדטשענקאָ אין פעטערבורג און וול. מיכ. סאַפּעשקאָ אין קיעוו, שוין געמאַכט אין סוף פֿון די נײַנ־ציגער יאָרן אַלט, זיי זײַנען שוין געווען פֿאָרשטייער פֿון אַן אויסגע־שטאָרבענער עפּאָכע. אויף אַזאַ אופֿן איז, מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער אגיטאַציע צווישן די מאַסן, דאָס גאַנצע פֿריערדיגע סיסטעם פֿון קאָנספּיראַציע אַוועק צו אַלדי רוחות. און עס איז געווען פונקט אַזוי ווי נאָכן צעשטערן אַן אײַזערנעם קאָדעקס פֿון דאָגמאַטישער מאָראַל שטייט אָן אַ רעאַקציע פֿון אַבסאָלוטער פֿרײַקייט, אַזוי איז אויך אין דער באַליהונג־תּקופֿה פֿון די „קאַמפּס־פֿאַראיינען" אָנגעשטאַנען אַ פֿרײַ־קייט פֿון אַן אַבסאָלוטער דעקאָנספּיראַציע. ערשט שפּעטער בײַ דער קומענדיגער שטופּע פֿון אַנטוויקלונג, אין דער „איסקרע"־תּקופֿה, איז די קאָנספּיראַציע אויפֿגעשטאַנען תּחית המתים. איצט איז זי שוין געווען באַרייכערט מיט נײַער ערפֿאַרונג און האָט זיך שוין געשטיצט אויף אַסך אַ העכערער טעכניק, וואָס האָט געגעבן די מעגליכקייט די אָרגאַניזאַציעס צו אַרבעטן מיט די אומלעגאַלע טוער און צו שאַפֿן אַ גוטן מעטאָד פֿון פֿאַרטיילן די אַרבעט. אָבער דאָס איז שוין געווען אַ קאָנספּיראַציע אַ מער קאָמפּליצירטע און אַ מער עלאַסטישע. עס האָבן איר שוין געפֿעלט אָט יענע שטריכן פֿון נאַאיווקייט און דאָגמאַטיזם, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט די ערשטע העלפֿט פֿון די נײַנציגער יאָרן.

ווי די מעשה זאָל ניט זײַן, נאָר בעת איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון ווילנע, אָפּזייענדיג דאָרטן איבער צוויי יאָר, האָב איך קאָנסטאַטירט, אַז ניט נאָר וואָס איך ווייס ניט די פֿאַמיליעס פֿון אַ גוואַלטיגער צאָל

אַרבעטער׳ מיט וועלכע איך האָב געהאַט צו טאָן אין משך פֿון די גאַנצע צוויי יאָר׳ נאָר אַז אַפֿילו אין דער צענטראַלגרופּע׳ וואָס האָט אָנגע־פֿירט מיט דער גאַנצער אַרבעט און וואו איך בין געווען צוויי יאָר צײַט אַ מיטגליד׳ איז געווען אַ פּערזאָן׳ מיט וועלכער איך פֿלעג זיך טרעפֿן שיר ניט יעדן טאָג׳ מיט וועלכער איך בין געווען גאַנץ נאָענט׳ אָבער איך האָב נישט געוואוסט ביזן סאַמען סוף ניט איר אמתע פֿאַמיליע ניט איר אמתן נאָמען׳ ניט׳ כאָטשבי אומגעפֿער, איר געזעלשאַפֿטליכע לאַגע׳ די דאָזיגע פּערזאָן האָט זיך אָנגערופֿן ״מאַקס״׳ און ערשט אין אַסך יאָרן אַרום האָב איך זיך דערוואוסט׳ אַז די פֿאַמיליע פֿון אָטדער ״פּערזאָן״ איז טאָביאַס; געבליבן איז ער פֿאַר מיר נאָך צוויי יאָר אַרבעט אַ סוד נישט ווײַל ער איז געווען מער קאָנספּיראַטיוו פֿאַר אַלעמען׳ נאָר פּשוט דערפֿאַר׳ וואָס צופֿעליג האָט זיך צווישן מיר און אים פֿאַר די צוויי יאָר צײַט נישט אָנגעקניפּט אָט יענע ״באַלעבאַטישע״ באַציהונג׳ וואָס האָט זיך פֿאַרט׳ הגם זעהר שווער׳ אָנגעקניפּט מיט די איבעריגע מיטגלידער פֿון דער קאָנספּיראַטיוו־גרופּע׳ נישט קוקנדיג אויף דעם אַלגעמיינעם קאָנספּיראַטיוון רעזשים׳ די דאָזיגע באַציהונג פֿלעגט זיך אויסדריקן אין דעם׳ וואָס מ׳פֿלעגט קומען איינער צום צווייטן נאָך אַ בוך אָדער אַפֿילו דורכשמועסן זיך בײַ אַ גלעזל טיי׳ וועגן אַזאַ ״צע־לאָזנקייט״׳ ווי גיין אינאיינעם אין טעאַטער צי אויף אַ קאָנצערט׳ האָט נישט געקאָנט זײַן קיין רייד אַפֿילו׳

פֿון צײַט צו צײַט האָבן מײַנע נײַע באקענטע אָנגעהויבן קומען צו מיר׳ איבערגעגעבן איינצלנע זאַכן וועגן דער אָרטיגער באַוועגונג און וועגן די פֿראַגן׳ וואָס פֿלעגן זיך דערמיט אויפֿהייבן׳ אָבער מ׳האָט נאָך נישט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער מעגליכקייט פֿון מײַן פּראַקטישער מיטאַרבעט׳ איך האָב מיט געדולד געוואַרט׳ ביז זיי וועלן האַלטן פֿאַר מעגליך אָנצובאָטן מיר עפּעס טאָן׳ איך׳ פֿון מײַן זײַט׳ האָב זיי נאָר פֿאָרגעלייגט אַ פֿרײַע שרײַבמאַשין׳ וואָס איז געווען אין קאָוונע׳ דער־וואוסט זיך פֿון איר האָב איך פֿון ס׳ אַ׳ האָפֿמאַנען׳ וועלכער האָט דאָרטן פֿאַרבראַכט די קאַניקולן און איז אינמיטן זומער געקומען צו מיר צו־גאַסט׳ דעם פֿאָרשלאָג האָט מען אָנגענומען און איך בין אַוועקגעפֿאָרן קיין קאָוונע׳ צוגענומען פֿון דאָרטן׳ מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכטיגקייט׳ די שרײַבמאַשין און אַוועקגעגעבן זי אין ווילנע ״אַלעקסאַנדערן״׳

האָבנדיג געגוג לײדיגע צײַט׳ האָב איך געפּרובט צו פֿאַרנעמען זיך מיט ליטעראַרישער אַרבעט׳ דער דאָזיגער געדאַנק איז מיר גע־

קומען גלייך ווי איך האָב איבערגעלייענט וו׳ וו׳ וואָראָנצאָוס „אונזערע ריכטונגען״. אין דעם דאָזיגן ווערק האָט ער געמאַכט דעם פּרוב צו „צעטראָגן״ דעם רוסישן מאַרקסיזם פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם גופֿא, וועלכן דער מחבר האָט, משמעות, אָנערקענט, אָבער ניט פֿאַרשטאַנען. ס׳איז מיר איינגעפֿאַלן אָנצושרייבן אַן ענטפֿער וואָראָנצאָוון, וועמעס בוך איך האָב נאָך דערפֿאַר צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל עס איז אין אים געווען גערעדט צום ערשטן מאָל אין דער לעגאַלער ליטעראַטור ניט וועגן „מאַרקס רוסישע תּלמידים״, ווי דאָס איז געווען דער מנהג ביז דעמאָלט, נאָר וועגן די „רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן״. איך האָב געהאַלטן פֿאַר צוועקמעסיג, אַז דורך מיין ענטפֿער זאָל דער דאָזיגער פּאָליטישער טערמין נאָך מער ווערן אַריינגעפֿירט אין דעם געזעצליכן געברויך.

צו דער אַרבעט האָב איך זיך אַוועקגעזעצט מיט גרויס התמדה, אָבער איך האָב נישט געקאָנט ווערן פֿאַרטיג מיט איר. עס האָט מיך אַוועקגעהרגעט די געוויינליכע ניט־געניטקייט פֿון יונגע מחברים אויף צו באַפֿרייען זיך ביי דער פּאָלעמיק פֿון אַ סקלאַווישער אָפּהענגיגקייט פֿון יענעם שרייבער, מיט וועמען מ׳פּאָלעמיזירט: נישט מאַכנדיג קיין אייגענעם פּלאַן פֿון מיין טעמע, בין איך נאָכגעגאַנגען געטריי נאָך וו׳ וו׳-אויסגעפֿונען אין יעדן זאַץ זיינעם אַ גרונט אויף צעהן אַנדערע, און יעדער נייער געדאַנק פּלעגט מיך פֿאַרפֿירן אָנאַזייט. אַזוי בין איך אַלץ מער און מער פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן.

נאָך 2—3 חדשים פֿון אָנגעשטרענגטן שרייבן, נאָך דעם ווי איך האָב זיך איבערגעצייגט, אַז אָנשטאָט די צוויי־דריי זשורנאַל־אַרטיקלען, וואָס איך האָב געהאַט בדעה אָנצושרייבן, באַקומט זיך ביי מיר אַ גאַנצער בוך, נאָך אַסך אַ דיקערער, ווי דער פּאַמפּלעט, וועלכן איך קלייב פֿונאַנדער, און שפּירנדיג אומקלאָר, אַז לייענען דעם בוך וועט זיין אַסך לאַנגווייליגער, ווי שרייבן אים, בין איך געוואָרן קאַלט צו דער אַרבעט און האָב אַ וואָרף געטאָן דעם אָנגעשריבענעם פּאַק בויגנס פּאַפּיר.

אָבער אין דערזעלביגער צייט האָט זיך מיר גאָר צופֿעליג געמאַכט אַרויסצוגיין אין דער ליטעראַרישער וועלט. אַלעקסאַנדער האָט מיר עפּעס געבראַכט צו טראָגן אַ פּעקל בלעטלעך, אַ פֿאַרשריבענעם מיט ציפֿער, און האָט מיך געבעטן, אַז היות ווי איך האָב מער פֿריי צייט, ווי ער און זיינע חברים, אויסניצן דעם מאַטעריאַל, וואָס איינער פֿון די חברים האָט צונויפֿגעקליבן אין סמאָרגאָן וועגן דער

דאָרטיגער לעדער־אינדוסטריע. דער מאַטעריאַל איז געווען נוגע סײַ דער לאַגע פֿון די אַרבעטער אין אָטדעם באַדײַטנדיגן אינדוסטריע־צענטער פֿון ליטע, סײַ דעם צושטאַנד און דער אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע גופֿא, וואו עס האָבן איינער לעבן דער אַנדערער עקזיסטירט און געקעמפֿט די הויז־מלאכה, די ווערקשטאַט און די פֿאַבריק. דער מאַטעריאַל האָט מיך פֿאַראינטערעסירט און איך האָב צונויפֿגעשטעלט אַ קלייניקן אַרטיקל וועגן סמאָרגאָנער לעדער־אינדוסטריע. דעם דאָזיגן אַרטיקל האָב איך אַוועקגעשיקט, אַלס קאָרעספּאָנדענץ, אין אַ פּאָראָכאָווטשיקאָווס „דאָס רוסישע לעבן״, דעם איינציגן אָרגאַן פֿון דער ראַדיקאַלער ריכטונג, וואָס איז אַרויס אין פּעטערבורג. די צייטונג האָט אָפּגעדרוקט מײַן קאָרעספּאָנדענץ און דורך דעם געמאַכט פעסטער מײַן זיכערקײַט, אַז שרײַבן — איז מײַן באַרוף.

דערווײַל איז געקומען קײַן ווילנע מײַנער אַ חבר פֿון דעם פּעטערבורגער פּראָצעס ווי שאַרי. מ׳האָט אויך בײַ אים, פּונקט ווי בײַ מיר, „אַוועקגענומען סײַ די הויפּטשטעט״ סײַ די אוניווערסיטעט־שטעט, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסן זײַן צײַט אין די „קרעסטי״. ווילנע איז געווען זײַן אייגענע שטאָט: דאָ האָט געוואוינט זײַן מאַמע מיט אירע דרײַ ניט־דערוואַקסענע זין און איין טאָכטער, וואָס איז געווען אַ לערערקע אין דער שטאָטשול. די שטעלע האָט אָבער זיין שוועסטער פֿאַרלוירן, ווײַל מ׳האָט געהאַלטן, אַז זי איז פֿאַרמישט אין אונזער פּראָצעס. פֿאָרגעקומען איז די מעשה אַזוי: בעת מ׳האָט געמאַכט בײַ ווי שאַרין די הויזזוכונג, האָט מען געפֿונען בײַ אים אַ פֿאַרחתמעטן בריוו צו זײַן שוועסטער, וואו ער האָט איר איבערגעשיקט אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס. האָבנדיג דאגות איבערן קאָפּ וועגן דער פֿאַמיליע, וואָס האָט זיך גענויטיגט אין זײַן שטיצע, האָט ווי ש. באַשלאָסן זעהן צו דערשלאָגן זיך אַ ערלויבעניש אויף צו פֿאָרן קײַן פּאַריז, כּדי צו שטודירן דאָרטן מעדיצין.

בײַ שאַרין האָב איך זיך באַקענט מיט מילן („דזשאָן״), וועגן וועמען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ מיטגליד פֿון דער אָרטיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע. מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער קלייבט זיך צו פֿאַרלאָזן ווילנע און פֿאָרט אַוועק אַלס רעפּעטיטאָר בײַ אַ פֿאַמיליע אין דרום־פֿראַנקרייך. לחלוטין אומגעריכט פֿאַר מיר, האָט מיר שאַרי מודיע געווען, אַז מיל איז זעהר צעטראָגן וועגן דעם גורל פֿון יענע אַרבעטער־קרײַזלעך, וואָס ער האָט געפֿירט. מיט די מיטגלידער פֿון די קרײַזלעך איז ער געוואָרן זעהר נאָענט און האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן

אַרײַנפֿאַלן אין גוטע הענט. לויט שאַריס רעקאָמענדאַציע, האָט ער געהאַט בדעה איבערגעבן זיי מיר פֿון האַנט אין האַנט. איך האָב שיר ניט אַ שפּרונג געטאָן פֿאַר שמחה בײַ דער דאָזיגער בשורה. אמת, דאָס געוויסן האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז ניט גאָר קאָרעקט פֿון מײַן זײַט אַליין אַרײַנצוגיין אין דער אָרגאַניזאַציע, איידער עס האָבן מיך פֿאַרבעטן יענע חברים, מיט וועלכע איך האָב, אַזוי צו זאָגן, אָפֿיציעלע באַציהונגען. אָבער די שטרעבונג, תּיכּף צוצוטרעטן צו פּראַקטישער אַרבעט, האָט בײַגעקומען און איך האָב געבעטן מילן ער זאָל מיר וואָס גיכער איבערגעבן די קרײַזלעך. ס׳איז אָבער געווען, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. נאָכדעם ווי איך האָב איבערגענומען די קרײַזלעך און דאָס מודיע געווען אַלעקסאַנדערן, וואָס איז געקומען צו מיר מיט אַ צווייטן מיטגליד פֿון קרײַזל — „טימאָפֿייען״ *), זײַנען זיי נשתּומם געוואָרן פֿון מילס יאָגעניש. ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט פֿאַר אַ פֿאַקט, הגם זיי האָבן מודה געווען, אַז ער האָט מיט זיי גערעדט, אַז עס וואָלט געווען גוט אײַנאָרדענען מיך בײַ זײַנע קרייזלעך. אָבער אויף די קרייזלעך זײַנען נאָך געווען אַנדערע בעלנים אויך, און מילס אייגענער באַלעבאַטעווען, וואָס נאָר די אַרבעטער־קרייזלעך גופֿא האָבן געהאַלטן פֿאַר גוט, איז געווען אַן אמתער פֿאַרלעצן דעם סדר פֿון דער אָרגאַניזאַציע. היות אָבער, ווי אין מאָמענט פֿון אונזער טענהן, איז שוין מיל געשטאַנען אויפֿן וועג קיין אויסלאַנד, איז דאָס געווען כשר־חזיר־פֿיסל. פֿאַרקערט, אויף מײַן פֿראַגע, צי איז דאָס בכלל קעגן דעם רצון פֿון דער גרופּע, וואָס איך טרעט אַרײַן אין אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זי פֿירט אָן, האָט אַלעקסאַנדער און טימאָפֿיי געענטפֿערט מיט ניין, מודה זייענדיג, אַז פּרינציפּיעל איז די פֿראַגע וועגן צוציהען מיך צו דער אַרבעט, סײַ ווי סײַ, געווען באַשלאָסן.

פֿון די קרייזלעך, וואָס מיל האָט מיר איבערגעגעבן, איז איינער באַשטאַנען פֿון שנײַדערקעס און אין די איבעריגע צוויי זײַנען מער פֿאַר אַלץ געווען בערסטלמאַכער, שנײַדער, שלאָסער, שטעפּער און מער ניט ווי צוויי פֿאַבריקאַרבעטער פֿון דער טאַבאַקפֿאַבריק. די לימודים אין די קרייזלעך זײַנען געווען וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע און געשיכטע. דער ניוואָ פֿון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פֿון די דאָזיגע יידישע האַנטווערקער איז געווען, בכלל, ניט קיין הויכער און ס׳איז אויסגעקומען צו לערנען נאָך זעהר פּאָפּולערע ביכלעך. אַזוי, אַשטייגער

*) צ. קאָפּעלזאָן, וואס איז איצט אין אמעריקע.

איז דער יסוד פֿון עקאָנאָמישן וויסן געווען דאָס לייענען אַזוינע בראָשירן׳ ווי דיקשטיינס „ווער מיט וואָס עס לעבט״׳ סווידערסקיס „אַרבעט און קאַפּיטאַל״ און קאַרישאָווס „עקאָנאָמישע שמועסן״ און פֿונאַנדערנעמען דאָס׳ וואָס מ׳האָט איבערגעלייענט· די אָנגענומענע פּראָגראַם פֿון די לימודים אין דער אָרגאַניזאַציע׳ מיט וועלכער מ׳האָט מיך באַקאָנט׳ האָט פֿאָרויסגעזעהן אַ גאַנצע ריי פֿון שמועסן׳ כדי די שילער זאָלן גוט קענען דעם אינהאַלט פֿון דיקשטיינס בראָשור׳ וועלכע איז׳ סוף כל סוף׳ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פשוטער קאַנווע פֿאַר די לעקציעס פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע׳ וואָס האָבן קלאָר געמאַכט פֿאַר זיי אין גרונטשטריכן די טעאָריע פֿון ווערט און מערווערט·

באַלד האָט מיך די ערפֿאַרונג איבערגעצייגט׳ אַז אָטדי דאָזיגע סיסטעם גיט צו דעם לערנען אַ ביסל אַ טרוקענעם כאַראַקטער און אַז זי רופֿט ניט אַרויס בײַ די צוהערער אָט יענע פֿלאַמיגע התמדה׳ בײַ וועלכער אויטאָדידאַקטן קומען לייכט בײַ כל השוועריגקייטן· דאָס האָב איך געקאָנט זעהן פֿון דעם חילוק אין דעם אינטערעס׳ וואָס מײַנע צוהערער האָבן אַרויסגעוויזן צו די פֿראַגן פֿון עקאָנאָמיק און צו די פֿראַגן פֿון נאַטורוויסנשאַפֿט· אַלס אַ מין הקדמה צו דעם געפּלאַנטן קורס פֿון געשיכטע׳ האָב איך געלייענט אַ כתב־יד וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דער ערד און דער התחלה פֿון דער קולטור· דער דאָזיגער כתב־יד איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען צווישן די פּראָפּאַגאַנדיסטן· עס איז געווען זעהר אַ גוטער חיבור פֿון נ· אַ· רובאַקין׳ דאָס אַלגעמיינע בילד פֿון געזעצמעסיגקייט׳ וואָס עס הערשט אין דער נאַטור׳ ווי עס האָט געשילדערט דער דאָזיגער אָפּריס׳ האָט דערוועקט בײַ די יונגע צוהערער אַן אויסערגעוויינליכן ענטוזיאַזם און אַרויסגערופֿן אַ גרייטקייט מיט התמדה צו לייענען אַלץ׳ וואָס עס איז נוגע די דאָזיגע פֿראַגן· דערהויפּט איז געווען גרויס דער אינטערעס צום דאַרוויניזם׳ בשעת צום שטודירן די געזעצן וואָס פֿירן אָן מיט דער עקאָנאָמיק פֿון דער געזעלשאַפֿט׳ האָבן זיי פֿאַרהעלטנימעסיג אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּן אינטערעס· איך בין דעריבער געקומען צום געדאַנק׳ אַז איידער מיר טרעטן צו פֿונדאַסניי צו פּאָליטישער עקאָנאָמיע׳ זאָלן מיר דורכלייענען דעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט·״ ער זאָל פֿאָרשטעלן פֿאַר מײַנע צוהערער אין דער גאַנצער גראַנדיעזקייט דאָס בילד פֿון דער קאָמפּליצירטקייט און אינערליכער געזעצמעסיגקייט פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכן אָרגאַניזם· מײַנע חברים פֿון דער צענטראַל־גרופּע האָבן זיך באַצויגן צו דער דאָזיגער התחלה זעהר קריטיש· זיי

האָבן געהאַלטן, אַז היות ווי עס פֿעלן די אַרבעטער די עלעמענטאַרע ידיעות אין געשיכטע און אין מלוכה־וויסן, וועלן זיי דעם "מאַניפֿעסט" לחלוטין ניט פֿאַרשטיין. פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך גענומען מאַכן דעם דאָזיגן פּרוב אין דעם קרייזל פֿון די אַרבעטערינס, באַשליסנדיק פֿריער צו דערקלערן זיי און צו אילוסטרירן יעדן לאַפּידאַרן טעזיס פֿון דעם מאַ־ניפֿעסט מיט גענויע היסטאָרישע שילדערונגען, וואָס זאָלן באַלייכטן דעם געהעריקן ציקל פֿון די ערשיינונגען. מײַן אײַנדרוק איז געווען אַזאַ, אַז די צוהערערינס זײַנען אין אַ געוויסער מאָס געווען געפּלעפֿט און באַ־טויבט פֿון די נייע פֿראַגן, וואָס זײַנען אויפֿגעשטאַנען פֿאַר זיי און אַז זיי איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט לײַכט געווען צו פֿאַרדייען אָטדי גרויסע גייסטיקע שפּײַז, וואָס איך האָב זיי דערלאַנגט נאָך די בראָשורן. אַז זיי איז, נישט קוקנדיק אויף מײַנע אויספֿירלעכע פּירושים און אויף מײַן שטענדיקן קאָנטראָלירן דאָס, וואָס מיר זײַנען דורכגעגאַנגען, דורך שריפֿטלעכע פֿראַגן און תשובֿות, זעהר ווייניק געבליבן פֿון דעם "מאַני־פֿעסט" און אַז זיי האָבן זיך אינגאַנצן אונטערגעוואָרפֿן נאָר דער אַגי־טאַציע־השפּעה פֿון די פֿלאַמעדיקע זײַטלעך — דאָס איז געווען קלאָר. דאָס האָט מיך אָבער זעהר ווייניק פֿאַרוואונדערט און אנטוישט, ווייל פֿון מיין אייגענעם ביישפּיל פֿון די גימנאַזיע־יאָרן, האָב איך זיך איבער־געצייגט, אַז, אַפֿילו נישט פֿאַרשטייענדיק לחלוטין דעם תּוך פֿון "מאַניפֿעסט" און תּמימותדיק איבערהיפּנדיק די "אַלגעברע פֿון דער רעוואָלוציע", וואָס עס איז דאָרטן פֿאַראַן קאָן מען פֿונדעסטוועגן פֿון לייענען אַליין באַקומען דעם שטאַרקסטן שטויס צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. על כּל פּנים, האָב איך געקאָנט זעהן, אַז די לעקציעס, וואָס זײַנען געווען געווידמעט דעם "מאַניפֿעסט", האָט מען געהערט מיט פֿרייד.

אָבער שלעכט איז געווען צוליב אַן אַנדער זאַך, וואָס איך האָב זיך פֿריער גאָר ניט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון. מײַנע צוהערערינס, ווי בכלל דער גרעסטער רוב פֿון די ווילנער יידישע האַנטווערקער־אַרבע־טער, האָבן געלעבט בײַ אַזוינע סאָציאַלע תּנאים, וואָס זײַנען געווען צו אָפּגעשטאַנען פֿון דעם, אַז מ'זאָל קאָנען זעהן אין די שילדערונגען פֿון דעם "מאַניפֿעסט" אַ בילד פֿון אַ געזעלשאַפֿטליכער אָרדענונג, וואָס איז זיי כאָטש וויפֿיל עס איז באַקאַנט. קיין צייטונגען האָבן זיי נישט געלייענט, דעריבער איז זיי ניט נאָר וואָס געווען פֿרעמד דאָס לעבן פֿון מערב-אייראָפּע, נאָר אַפֿילו פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכן לעבן אין די פּאָליטישע צענטרען פֿון רוסלאַנד גופֿא האָבן זיי געהאַט אַ מטושטשדיגן באגריף. פּונקט אַזוי

האָט די שילדערונג פֿון „מאַניפֿעסט" וועגן די געגנזײַטיגע באַציהונגען פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן און זייער סאָציאַלן כאַראַקטער, נישט אַרויסגע־רופֿן בײַ מײַנע צוהערערינס אויף וויפֿיל עס איז אַ נאָענטע אַסאָציאַציע, איך געדענק, ווי איינמאָל האָט מיך אַן אַרבעטערין געפֿרעגט: צי איז דאָס אמת, אַז אין „מאַניפֿעסט" שטייט וועגן דער אויפֿפֿירונג פֿון דער בורזשואַזיע, וועגן איר אויסגעלאַסנקייט, וועגן איר פּאָליטישער פֿאַר־קויפֿטקייט, אַז זי האָט שוין ניט קיין רעליגיעזן יראת הכבוד א. א. וו.? תיכּף האָבן די איבעריקע צוהערערינס אויפֿגעכאַפּט די דאָזיגע פֿראַגע און זי גלײַך צעקלאַפּט. אַדרבה, האָבן זיי געענטפֿערט, ווי זיי האָבן באַמערקט, צייכנט זיך דווקא אויס די בורזשואַזיע מיט דער שטרענגקייט און פּאַטריאַרכאַלישקייט פֿון איר אויפֿפֿירונג, מיט איר גרויסער פֿרומקייט און ווען ניט איז מיט איר פֿרײַדענקען, מיט איר ליבע צו אַרבעט א. א. וו. און, דווקא פֿאַרקערט, אין דעם פּרט צייכנט זי זיך אויס פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט פּונקט די פֿאַרקערטע מעלות. פֿון דעם דאָזיגן געשפּרעך איז געוואָרן קלאָר, אַז פֿון קיין אַנדער „בורזשוי", אַחוץ דער אייגענער באַלעבאָסטע, וואָס איז אַמאָל אויך געווען אַן אַרבעטערין, אָדער אין בעסטן פֿאַל אַן אינטעליגענטקע, האָבן מײַנע שנײַדערינס כּמעט בכלל נישט געוואוסט. פֿאָרשטעלן זיך ווידער די דאָזיגע קליינבורזשואַזיע אַלס קלאַס, וואָס וואַרפֿט אונטער אונטער זיך דעם געזעלשאַפֿטליכן לעבן און וואָס הערשט איבערן פֿאָלק האָבן זיי נישט געקאָנט. דעריבער האָבן זיי אין אַלץ, וואָס עס איז געשטאַנען אין „מאַניפֿעסט" פֿון דער בורזשואַזיע, געמוזט האַלטן פֿאַר אַ זאַך, וואָס איז ערגעץ־וואו ווייט־ווייט הינטער די הרי־חושך.

איך האָב פֿון דעם דאָזיגן שמועס, פֿאַרשטייט זיך, געמוזט קומען אויף דעם געדאַנק וועגן דער געוויסער סכעמאַטישקייט, אַבסטראַקטקייט און טרוקנקייט פֿון אונזער פּראָפּאַגאַנדע אין די אַרבעטער־קרײַזלעך, אַז זי איז כּמעט אַבסאָלוט אָפּגעריסן פֿון דעםווירקליכן לעבן פֿון אונזערע „תּלמידים". אָבער נאָך אַ ריי אַנדערע מאָמענטן פֿון אונזער אַרבעט האָבן סײַ מיך, סײַ מײַנע חברים געבראַכט צו די דאָזיגע ספֿקות. מיר האָבן בכלל אָנגעהויבן צווייפֿלען אין די רעזולטאַטן פֿון אונזער אַרבעט. דער כאַ־ראַקטער פֿון קרײַזל־פּראָפּאַגאַנדע האָט שוין פֿון אָנהייב אָן פֿאַרקלענערט דעם קרײַז פֿון דעם אַרבעטערקלאַס, וואָס מיר האָבן געדאַרפֿט אונטער־וואַרפֿן אונטער אונזער השפּעה: דער אַרבעטער און די אַרבעטערין האָבן שוין געמוזט שטיין אויף אַ געוויסער מדרגה פֿון קולטורעלער אַנטוויק־לונג, ער האָט שוין געמוזט האָבן אַ שטאַרקן חשק צו בילדונג און צו

סאָציאַלער באַפרייאונג, כדי ער זאָל, נאָך אַ שווערן טאָג פּראַצע, אָפּ־געבן די עטליכע שעה פון דעם הונגעריגן אָוונט אויף זעלבסטבילדונג. היינט נאָך געמענדיג אין באַטראַכט, אַז דעמאָלט איז נאָך אויף יידיש נישט געווען קיין שום סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אָדער סתּם ליטעראַטור פון בילדונג, האָט זיך דער דאָזיגער קרייז נאָכמער געמוזט פאַרשמעלערן, ווייל מ'האָט געדאַרפט מער אָדער ווייניגער קענען רוסיש. דעריבער זיינען די צוויי־דריי הונדערט אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זיינען אין אָנהייב פון 1894־טן יאָר אַריין אין אונזערע קרייזלעך, געווען, אין אַ געוויסן פּרט, די אַריסטאָקראַטיע פון דעם ווילנער יידישן צעהנטויזנטקעפּיגן פּראָלעטאַריאַט.

די אַריסטאָקראַטיע אין אַ זעהר באַשטימטן זין, פאַרשטייט זיך. די דאָזיגע „אַריסטאָקראַטן״, וואָס זיינען מאַטעריעל בלתּי ספק געשטאַנען אויף אַ בעסערע מדרגה, ווי די פּשוטע מאַסן־מענטשן, פלעגן פאַר־דינען, בנאמנות, קוים אויף חיונה. צווישן די מאַנסבילן האָט זעלטן ווער פאַרדינט מער ווי 14—20 רובל אַ חודש. פאַרדינען 6 רובל אַ וואָך און האָבן, אין יעדן פאַך, אומבאַדינגט איינעם צי צוויי „מאָרט־סעזאָנען״ אַ יאָר, האָט מען שוין געהאַלטן פאַר אַן אויסנאַם. אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען 30 רובל אַ חודש, זיינען געווען סך־הכּל עטליכע מענטשן אין דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. דאָס זיינען געווען יובעלירער, גראַווירער און עטליכע פּריווילעגירטע האַנטווערקער.

צווישן די מיידלעך זיינען פונקט געווען אַזאַ יוצא מן הכּלל די, וואָס פלעגן פאַרדינען 10 רובל אַ חודש און מער. איך געדענק נישט קיין פאַל, אַז עמיצער פון זיי זאָל האָבן פאַרדינט מער פון 15 רובל. פאַרדינען 6—8 רובל אַ חודש איז געווען די נאָרמע, אָבער ניט זעלטן פלעגט מען נאָך פאַרדינען ווייניגער אויך.

אָטדי קבצנותדיגע פּרנסות, וואָס, אין דער אונטערשטער שורה, זיינען זיי געווען דער פּועל יוצא פון די שטאָטיגע אַרבעטס־טאַלענטן פון דעם „תּחום המושב״, האָבן נישט געקאָנט, פאַרשטייט זיך, באַפריי־דיגן די אַרבעטער. דעריבער האָבן זיי, כּמעט אָהן אַ יוצא מן הכּלל, געקוקט אויף זייער לאַגע פון אַ געדונגענעם פּראָלעטאַריער, מער ניט ווי אויף אַ צייטווייליגער, שטרעבנדיג אַרויסרייסן זיך ביי דער ערשטער מעגליכקייט. פון די דאָזיגע דלות־פּרנסות האָט נאָר הונגערנדיג געקאָנט דורכלעבן אַן איינצלנער אַרבעטער, און אַן אַרבעטערין נאָר אין דעם פאַל, ווען איר פאַרדינסט איז געווען צושטייער פאַר דער הוצאה פון שטוב.

וואָס איז שייך די עלטערן פון די אַרבעטער האָבן זיי אין דאָס רוב פאַלן נאָך געהערט צו דעם קלאַס קליינהענדלער, זעלבשטענדיגע

באַלעבאַטימלעך און נאָך אַזוינע מיני אביונים· ס'איז געווען אַ חוק, אַז אָפּאַרבעטנדיק עטליכע יאָר אַלס געהילף, פֿלעגט דער אַרבעטער אויס־זוכן פֿאַר זיך אַ כּלה אויך פֿון אַזאַ אָרימער פֿאַמיליע, ווי ער פֿלעגט אַליין שטאַמען, מיט זײַן גרויסן „נדן“ און מיט דער גרויסער סומע, וואָס ער פֿלעגט „אויפֿקלײַבן“ פֿון זײַן שכירות, פֿלעגט ער ווערן אַ „באַלעבאָס פֿאַר־זיך“· אמת, צו יענער צײַט האָט זיך די טענדענץ פֿון דעם פֿאַרשווינדן פֿון די סאַמע קלייניקע ווערקשטאַטן און די קאָנצענ־טרירונג פֿון מער ווערקשטאַטן אין די הענט פֿון גרעסערע באַלעבאַטים, שוין אַרויסגעוויזן אין אַ גאַנץ שטאַרקער מאָס· אָנשטאָט דעם טראַדי־ציאָנעלן „ווערן פֿאַר־זיך און מיט לײַטן גלײַך“ האָט זיך שוין גע־מערקט פֿאַר דעם געהילף דעם האַנטווערקער אַן אַנדער אויסוועג — עמיגרירן אויף יענער זײַט ים· אָבער די טראַדיציע איז נאָך געבליבן שטאַרק; פֿאַר אַ בעריע אַן אַרבעטער, וואָס האָט נאָך דערצו געשטאַמט פֿון עפּעס אַ רייכערער פֿאַמיליע, פֿלעגט נאָך די פערספעקטיוו צו ווערן אַליין אַ באַלעבאָס לײַכט פֿאַרווירקליכט ווערן· און אַזוינע געשיקטע און אַזוינע בריות זײַנען געווען דווקא די, וואָס פֿלעגן אַרײַנפֿאַלן אין אונ־זערע קרייזלעך און וואָס פֿלעגן דורך אָטדי קרייזלעך ווערן קולטו־רעל אַנטוויקלט· דער עיקר אָנהייבן באַהערשן די רוסישע שפּראַך — אָטדעם סאַמען וויכטיגן געווער אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן דעם קליין־ און גרויס־האַנדל פֿון דעם ליטוויש־ווייסרוסישן קאַנט·

וואָס איז שייך ווידער די אַרבעטערינס איז שוין דאָ געווען אַ כּלל, אַז סײַ אין די ווערקשטאַטן סײַ אין די פֿאַבריקן (פֿון טאַבאַק, פּאַפּיראָסן, קאָנפֿעקטן, קאָנווערטן א· א· וו·) אַרבעט מען נאָר ביז דער חתונה; נאָך דער חתונה ווערן זיי די „באַלעבאָסטעס“ בײַ זייער מאַן אין שטיבל, ווערקשטאַט אָדער קרעמל· אָטדאָ דער עיקר פֿלעגט די בילדונג, דער פוץ און, אין אַ פרט די רוסישע שפּראַך, וואָס מ'פֿלעגט זיך אויסלערנען אין אונזער קרייזל, גרינגער מאַכן פֿאַר דער אַרבעטערין אַרויסרײַסן זיך פֿון דער „פּראָלעטאַרישער סביבה“· זי פֿלעגט שוין ווערן דער געגאַרטער לעבנס־פֿריינט פֿון אַזאַ, וואָס פֿלעגט שטאַמען פֿון דער קליינבורזשואַזיע, אָדער דער האַלבאינטעליגענץ און וואָס פֿלעגט צערייסן אויף אויביג מיט די טראַדיציעס פֿון דעם „געטאָ“·

עס איז אַזוי אויסגעקומען — און מײַנע חברים האָבן נאָך אַ דרײַ־יאָריגער אַרבעט אין די קרייזלעך זיך איבערגעצייגט אין דעם אין דער פּראַקטיק — אַז מיר גופא האָבן, דורך אונזער אַנטוויקלען דעם קלאַסן־

באַוואוסטזיין פֿון איינצלנע פּראָלעטאַריער, מיטגעהאָלפֿן דורך אונזער אייגענער אַרבעט. אַז עס זאָלן אַוועקגיין פֿון דעם אַרבעטערקלאַס גראָד יענע, וועלכע מיר האָבן מער אַנטוויקלט. טעאָרעטיש האָט מען מיט דעם געקאָנט שלום מאַכן: מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז סײַ אין דייטשלאַנד, סײַ אין פֿראַנקרייך און אין בעלגיע קומען אויך פֿאָר אַזוינע זאַכן. אַז ווען אַן אַגיטאַטאָר אַן אַרבעטער ווערט געצוואונגען פֿון דער נויט ער זאָל ווערן זעלבשטענדיג, מאַכן אַן אייגענעם ווערקשטאַט, אַן אייגענע קרעמל אָדער שענק, רײַסט ער נאָך ניט איבער זײַנע באַציהונגען מיט דער פּאַרטיי און מיט דער באַוועגונג. אָבער בײַ אונז איז די מעשה געווען ניט אַזוי גלאַט. מיר האָבן דאָ נישט געזעהן בחוש אָטדי פֿעסטע, לויט איר נאַטיר, פּראָלעטאַרישע באַוועגונג, וואָס זאָל מיט אַ הערשערישער קראַפֿט דריקן אויף דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די יחידים, ווען עס קומט אויס, צוליב אַ באַשאַפֿענער לאַגע, צו שטעלן זיך אין דער דערבײַיאיגער סאָציאַלער סביבה. ווייל דער סאָציאַלער יסוד איז געווען אַ פֿוילער, פֿלעגן אונזערע „בעלי־מזלות" ווינאָר זיי פֿלעגן דערלייזט ווערן פֿון זייער לאַגע און ווערן באַלעבאַטים פֿאַר זיך, מיט אַ געשווינדקייט קייקלען זיך אין יענעם לאַגער, וואָס איז געווען דער פֿײַנטליכער פון דעם, פֿין וועלכן זיי זײַנען אַרויס. אָנהייבן פֿלעגט מען תמיד מיט אַ פֿייערליכן נדר און מיט אַ גוטער כוונה צו בלײַבן מער ניט ווי אַ בעל־מלאכה פֿאַר זיך און ניט ניצן קיין געדונגענע פּראַצע; דער צווייטער טראָט איז געווען, צוליב די שטאַרקע פֿאָדערונגען פֿון מאַרק און ווייל די נויט האָט געצוואונגען, אַז מ׳פֿלעגט צונעמען אין ווערקשטאַט איינעם צי צוויי לערן־ייִנגלעך. פֿלעגט זיך אָבער אײַנגעבן און נישט אויסברעכן שוין בײַ דער דאָזיגער שטופֿע קיין שאַרפֿער סכסוך מיט דער אָרגאַניזאַציע, פֿלעגט זיך, ברוך השם, די מעשה ענדיגן מיט דינגען טאַקע שוין אמתע אַרבעטער און תיכף אָנהייבן פֿירן אַ פֿאַרביסענעם קאַמף מיט זיי. וואָרים דאָס איז דאָך על פּי דרך הטבע, אַז פֿון אַ „באַוואוסטזיניגן" באַלעבאָס פֿלעגן די אַרבעטער אומברחמנותדיג פֿאָדערן כלערליי הנחות. אַקעגן זשע דער קבצן דער בעל־מלאכה, וואָס פֿלעגט זיך אַרויסרײַסן פֿון די „פּאָדאָנקעס", איז, בײַ דער צרהדיגער לאַגע פֿון זײַן פֿאַך, נאָך ווייניגער פֿאַר אַן אַנדער באַלעבאָס געווען ביכולת צו באַפֿרידיגן די דאָזיגע פֿאָדערונגען, אויב ער זאָל ניט אונטעררייסן בײַם סאַמען אָנהייב יעדע אויסזיכט, אַז ער זאָל, סוף כל סוף, קאָנען פֿאָרט אַרויסשלאָגן זיך פֿון זײַן לאַגע.

איבעריגנס, פֿלעגט קומען געוויינליך דער איבעררייס — דער פּסי־כאָלאָגישער און דער פּאַקטישער — מיט אונזער וועלט שוין בײַ דער צווייטער סטאַדיע, ד׳ ה׳ בײַם נעמען די לערן־יינגלעך, וואָרים, אַלס אויספּיר פֿון די אַלגעמיינע יסודות פֿון דער ס׳ ד׳ פּראָגראַם, פֿלעגן אונזערע פּאָדערונגען בנוגע די אונטערנעמער אפשר ערגעץ ניט אַזוי שאַרף אָנשטויסן זיך אָן די סאַמע לעבעדיגסטע טראַדיציעס פֿון דער מלאכה, ווי גראָד אָן דער מעשה־לערן־יינגלעך — אָטדעם דאָזיגן איבערבלייב פֿון די פּאַטריאַרכאַלע צייטן. איך געדענק, ווי באַלד נאָך דעם, ווי איך בין אַרײַן אין אָרגאַניזאַציע, איז מען געווען אויפֿגערעגט פֿון איינע פֿון אונזערע אַרבעטערינס, אַ שנײַדערקע, אַ זעהר אַנט־וויקלטע, אַ פּאַטעטישע רעדנערין אויף אַלע פֿאַרזאַמלונגען, פֿאַר וואָס מ׳האָט זי שוין אַפֿילו גערופֿן „זשאַנאַ ד׳אַרק״, וואָס האָט, סוף־כל־סוף, נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די אומענדליכע מאַטערניש פֿון דעם לעבן פֿון אַן אַרבעטערין און האָט באַשלאָסן עפּענען אַליין אַ טיש. זי האָט זיך געגעבן אַ וואָרט ניט צו נעמען מער פֿון צוויי לערן־מיידלעך. צוליב „זשאַנאַ ד׳אַרקס״ אַנטוויקלונג און איר פֿעסטער לאַנגיאָריגער באַציהונג צו דער אָרגאַניזאַציע, האָט מען געקאָנט האָפֿן, אַז דאָסמאָל וועט זיך דער פּרוב בעסער אײַנגעבן. עס איז אָבער נישט אַריבער קיין עטליכע וואָכן, ווי מיר האָבן באַקומען אַ בשורה: „זשאַנאַ ד׳אַרק״ האָט געגעבן אַ לערן־מיידל אַ פּאַטש, פֿאַרוואָס זי האָט איבערגעפּירט אַ קלייד, דער „פֿאָלקס־משפּט״ פֿלעגט אין אַזוינע פֿאַלן זיין אומברח־מנותדיג: נישט קוקנדיג אויף די גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער באַוועגונג, האָט מען „זשאַנאַ ד׳אַרק״ אויסגעשלאָסן.

וואָרים דער אינסטינקט פֿון צו דערהאַלטן דעם קלאַסן־קיום האָט צו יענער צײַט, בעת איך בין אַרײַן אין דער אָרגאַניזאַציע, אויסגעאַר־בעט א באמת דראַקאָנישן קאָדעקס בנוגע אַזוינע האַנטווערקער, וואָס גייען אַריבער צו דער „בורזשואַזיע״. אמת, די דאָזיגע „בורזשואַזיע״ איז באַשטאַנען כמעט פֿון היילע אביונים און יעדער יונגער אַרבעטער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז בײַ זיין איצטיגער לאַגע וועט ער נישט קאָנען אויסהאַלטן קיין פֿאַמיליע, ווען ער זאָל בלײַבן אַ גערונגענער אַרבעטער. אָבער פֿון איין זײַט איז די דאָזיגע אַרבעטעריוגנט געווען דורכגעדרונגען פֿון אַן אַסקעטישער באַגייסטערונג, און האָבן אַ ווײַב מיט קינדער האָט שוין בכלל געהייסן, אַז עס איז דער אָנהייב פֿון סוף פֿון דער רעוואָלוציאָנערער קאַריערע; פֿון דער אַנדער זײַט, ווי מיר

וועלן באַלד זעהן, איז דער קאַמף פאַרן דירעקטן פאַרבעסערן די עקאָ־נאָמישע לאַגע פון דעם גאַנצן קלאַס שוין געווען אַוועקגעשטעלט אין ווילנע אויפן סדר היום. דאָס האָט שוין געגעבן די מעגליכקייט אויף אָפּצוואַרפן אָט יענעם אינדיווידועלן מיטל פון פאַרענטפערן די עקאָנאָמישע פראַגע, וואָס פלעגט דערפירן צו "ווערן מיט לײַטן גלײַך" דעריבער איז געוואָרן אַ כלל, אַז ווען אַ באַוואוסטזיניגער אַרבעטער ווערט פאַרזיך אין נעמט כאַטשבי נאָר איין געהילף, ווערט ער אויס־געשלאָסן פון דער אָרגאַניזאַציע. באַלעבאַטימלעך, וואָס פלעגן ניט האַלטן קיין געהילפן, פלעגט מען נאָך דולדן, קוים אָבער פלעגן זיי יאָ נעמען אַ לערן־ייִנגל, פלעגט מען שוין אַכטונג געבן מיט אַ שאַרפן אויג.

דער אינדיווידועלער ריטל אויף צו פאַרענטפערן די שווערע עקאָנאָמישע פראַגע פלעגט נאָך ברענגען צו אַ צווייטן אויסוועג, ווי צו ווערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך. נאָך אין סוף פון די אַכציגער יאָרן, בעת אין ווילנע און אין מינסק איז געווען שטאַרק די השפעה פון דער רעוואָלוציאָנערער "נאַראָדניטשעסטווע" פלעגט דער קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַל מצד די האַנטווערקער ענדיגן זיך מיטן גרינדן פראָדוצירנדיגע קאָאָפּעראַציעס (אַרטעלן), שפּעטער, ווען דער האַנטווערקער־פּראָלע־טאַריאַט האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן און עס זײַנען אויסגעבראָכן די ערשטע אָרגאַניזירטע קאָנפליקטן מיט די באַלעבאַטים און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם ערשטן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד מצד זײַ־נע אָטדי אַרטעלן געווען אַ מיטל אויף געבן צוריק אַ קלאַפּ יענע באַלעבאַטים, וואָס פלעגן אַרײַנטראָגן דעם נאָמען פון דעם ווידער־שפּעניגן אַרבעטער אין שוואַרצן בוך. אין דערזעלביגער צײַט פלעגן בײַ יעדן לאַנגן טויטן סעזאָן די מער ענערגישע אַרבעטסלאָזע פּרובן אַוועקשטעלן קאָלעקטיוו אַן אייגענעם ווערקשטאַט. די ערשטע אַרטעלן זײַנען געעפנט געוואָרן בײַ אַ שטאַרקן מיטפילן מצד דער אָרטיגער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, צווישן וועלכער מ׳האָט צונויפגעקליבן פאַר דעם דאָזיגן צוועק, לפי ערך, באַדייטנדיגע מיטלען. צוליב אָטדער זײַטיגער שטיצע, האָבן די ערשטע אַרטעלן עקזיסטירט און האָבן זיך די ערשטע צײַט גוט אַנטוויקלט. אַזוי, אַשטייגער, איז דער אַרטעל פון די שנײַדערינס ניט נאָר אויסגעהאַלטן געוואָרן אין אַ שווערער צײַט מיט געלט, נאָר די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ האָט נאָך אים גע־זיכערט מיט אַרבעט, צווישן אַזוינע פּערזאָנען און ליבעראַלע דאַמען, וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט צו דער באַוועגונג. בשעת אָבער דער

"vulgus profanus" (דער פשוטער המון) פֿון די האַנטווערקער האָט זיך
געגומען פֿאַר דיזעלביקע אַרטעלן, וואָס האָבן שוין פֿאַרלאָרן די
פֿרישקייט פֿאַר דעם אָרטיקן עולם. בשעת די שניידער, שלאָסער, בערסטל־
מאַכער, יובעלירער וכדומה האָבן געפּרובט צונויפֿצושלאָגן פֿון זייער
אויפֿגעקליבן ביסל געלט דעם נויטיקן קאַפּיטאַל אויף אויפֿצועפֿענען
אַ ווערקשטאַט, האָבן די אייַזערנע געזעצן פֿון דער עקאָנאָמישער אַנט־
וויקלונג געגומען ריידן מיט זייער הערשערישן לשון און — די סתּירה
פֿון פֿאַרענטפֿערן די אַרבעטערפֿראַגע דורך אַרטעלן האָט זיך אַרויס־
געוויזן זעהר גיך. די דאָזיקע סתּירה איז באַשטאַנען אין דער ניט
צוגעפּאַסטקייט פֿון די אַרבעטער טעכניש אָנפֿירן מיט אַן אונטערנעמונג,
דערהויפּט אָנפֿירן מיט איר פֿון דער קאָמערציעלער זייט; אין דער
טענדענץ דורך באַהאַלטענער אָדער אָפֿענער עקספּלואַטאַציע פֿון פֿרעמדער
אַרבעט אָנהייבן אינערליך פֿונאַנדערצופֿאַלן; דורך דעם פֿאַרקויפֿן
זיך דעם פּראָצענט־קאַפּיטאַל בעת אַ טויטן סעזאָן און, בכלל, דורכן
ניט פֿאַרענטפֿערן דאָס קרעדיט־פּראָבלעם (קיין אַלרוסלענדער אָרגאַני־
זירטע קאָאָפּעראַציע איז דאָך ניט געווען, און מחוץ דעם זעמסקן
רוסלאַנד איז נאָך ניט געווען קיין אָנהייב פֿון געזעלשאַפֿטליכער הילף
פֿאַר דער קליינער פֿאַבריקאַציע). די אַרטעלן פֿלעגן פּונקט אַזוי גיך
פּלאַצן, ווי זיי פֿלעגן גיך געבוירן ווערן, און פּלאַצן פֿלעגן זיי אָפֿט־
מאָל מיט "קנאַק" מיט אַ סקאַנדאַל. די דאָזיקע ערפֿאַרונג האָט נאָר
געקאָנט פֿעסטער מאַכן בייַ די אָנפֿירער פֿון דער באַוועגונג אין דעם
מאַרקסיסטישן פֿעריאָד אַ שאַרף נעגאַטיווע באַציהונג צו די פּראָדוצירנדיגע
אַרטעלן. די דאָזיגע באַציהונג איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון אונזער
דעמאָלטיגער רגילות, טאָן אין די אַלע פֿראַגן פֿון פּראַקטיק דאָס, וואָס
די דייַטשישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע טוט. די דייַטשישע סאָציאַלדע־
מאָקראַטיע האָט אָבער צו יענער צייַט נאָך איבערגעלעבט אין דער
גאַנצער קראַפֿט דעם רעאַקציע־פּעריאָד קעגן די לאַסאַלער באַגייסטערונגען
פֿון פּראָדוצירנדיגער קאָאָפּעראַציע און האָט נאָך נישט איבערגעלעבט
דעם קאַמף קעגן דער קליינבורזשואַזער התלהבות פֿון קאָאָפּעראַציע
בכלל. די סאָציאַלע באַציהונג פֿון אונזערע געהילפֿן מיט דער האַנט־
ווערקער־וועלט, וואָס פֿלעגט זיך ראַנגלען פֿאַר איר קיום, איז נאָך נישט
געווען צעריסן און זי האָט זיך נאָך אַ לאַנגע צייַט אַרויסגעוויזן אין
די אַרטעל־אילוזיעס אויף להכעיס צו אונזער אָנגעשטרענגטער פּראָפּאַגאַנדע.

איך ווייס נישט, מיר דוכט, אז אין קאַמף קעגן די דאָזיגע אַרטעל־

טענדענצן צווישן די באַוואוסטזיניג געוואָרענע אַרבעטער איז דאָס בײַ די ווילנער סאָציאַלדעמאָקראַטן שוין אין סאַמען אָנהייב פֿון די נײַנציגער יאָרן געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פֿון אַן אָרגאַניזירטן קאַמף פֿאַר דעם דירעקטן אויסבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די אַרבעטער און צו אָרגאַניזירן זיי אויפֿן געביט פֿון דעם דאָזיגן קאַמף. ערשט אין מײַן צײַט זײַנען די צעכן־קאַסעס, וואָס האָבן זיך געשאַפֿן אין אַ גרויסער צאָל פֿאַכן און געטראָגן אין אָנהייב אַ כאַראַקטער פֿון קאַסעס פֿאַר געגנזייטיגער הילף, שוין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמתע „קאַמפֿס־פֿאַראיינען", וועלכע האָבן פּלאַנמעסיג צוגעגרייט און געפֿירט דעם דאָזיגן קאַמף. אין יעדן פֿאַך פֿלעגן די עטליכע צעהנדליג אַרבעטער, שאַפֿן אַ קאַסע און גאַנץ פּינקטליך צאָלן, דער קערן, און אָפּטמאָל אויך אַ גרויסער טייל, פֿון די דאָזיגע אַרבעטער פֿלעגט באַשטיין פֿון מיטגלידער פֿון אונזערע קרײַזלעך. די מיטגלידער פֿון דער קאַסע פֿלעגן אויסקלײַבן פֿאָרשטייער, וואָס פֿלעגן אָפּהאַלטן פּעריאָדישע פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס פֿלעגט דאָס רוב זײַן דער אָנפֿירער אַן אינטעליגענט. דער גרעסטער טייל פֿון די מיטגלידער פון די קאַסעס איז באַשטאַנען פֿון דער יוגנט, נאָר וואו־ניט־וואו פֿלעגט זיך אײַנגעבן צוציהען אין די קאַסעס מענטשן מיט בערד אויך. אין אייניגע קאַסעס, אַשטייגער אין דער קאַסע פֿון די יובעלירער, איז שוין אין איין צײַט געווען אָרגאַניזירט אַ באַדייטנדיגע מערהייט פֿון די אַרבעטער, וואָס האָבן געהערט צו איין פֿאַך. לערן־ייִנגלעך האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אויך געקאָנט זײַן מיטגלידער פֿון די קאַסעס. אַ טייל קאַסעס האָבן געהאַט גרייטע געלט קרוב צו צוויי הונדערט רובל, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר דעמאָלט, און נאָך בײַ די גראָשנדיגע אָפּצאָלן, אַ זעהר בכבודיגע סומע. די דאָזיגע מיטלען פֿלעגן געבן דער קאַסע די מעגליכקייט צו שטיצן די שטרייקנדיגע אין משך פֿון אַ קורצער צײַט, ווי עס פֿלעגן געוויינטליך דויערן די איינצלנע שטרייקן, אָדער העלפֿן אַ באַדערפֿטיגן חבר אַריבערקלײַבן זיך אין אַן אַנדער שטאָט. די קאַסע פֿון די שנײַדערינס האָט אין 1894־טן יאָר געהאַט אַן ערך 200 מיטגלידער. אמת, צאָלן פּינקטליך פֿלעגט נאָר אַ העלפֿט.

איך ווייס ניט וועמען פֿון די אָנפֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע אַ־קרעמערן צי ס. גאָזשאַנסקין האָט געהערט דער שיר ניט חריפֿותדיגער איינפֿאַל, אַז מ׳זאָל אויסניצן אַלס ערשטן מיטל פֿאַר דעם אויפֿוועקן דעם קלאַסן־באַוואוסטזײַן פֿון די מאַסן יעקאַטערינע דער 2־טערס אַ געזעץ, וועלכן מ׳האָט נאָך נישט מבטל געמאכט. אין דעם דאָזיגן געזעץ

האָט געהייסן : פֿאַר האַנטווערקער זיינען די אַרבעטס־שעהן אין מעת־לעת : פֿון 6 אַזייגער אינדערפֿריה ביז 6 אַזייגער אינאָוונט מיט אַ הפֿסקה פֿון 2 שעה אויף וואַרמעס״. אָטדער דאָזיגער איינפֿאַל איז געווען אין דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק בכלל און די מעטאָדן פֿון דער רוסישער אַרבעטערבאַוועגונג בפֿרט, אַ דרייס־טע באַנײַאונג, וועגן וועמעס גראַנדיעזע און פּרינציפּיעלע באַדייטונג עס האָבן ניט געטראַכט אַפֿילו די באַנײַער גופֿא, וואָס האָבן אַזוי אומ־ברחמנותדיג געריסן מיט אונזער אינטעליגענטער טראַדיציע פֿון אַב־סטראַקטן רעוואָלוציאָניזם, וועלכער איז, אַגב אורחא, אין אַנדערע פֿראַגן נאָך פֿעסט געזעסן אין זייער מוח.

אין אַ קורצער צײַט האָט זיך מײַנע חברים איינגעגעבן אַרויסצו־רופֿן צווישן די אַרבעטער אַ מאַסן־באַוועגונג פֿאַר אויפֿשטעלן צוריק דעם אַלטן געזעץ, אָן וועלכן מ׳האָט פֿאַרגעסן (וואָרים, על פּי כלל, איז אַן אַרבעטסטאָג געווען 13—14 שעה און ניט זעלטן, דערהויפּט בעתן ברען פֿון סעזאָן, 16 אויך). קאָלעקטיווע פּעטיציעס מיט אונטערשריפֿטן האָט מען אָנגעהויבן דערלאַנגען אין דער האַנטווערקער־פֿאַרוואַלטונג, אין דער שטאָטפֿאַרוואַלטונג, דעם פּאָליציימײַסטער, דעם גובערנאַטאָר און דעם פֿאַבריקס־אינספּעקטאָר. אָפֿט האָט די האַרטנעקיגקייט פֿון די דאָזיגע פּעטיציעס דערגרייכט ממשותדיגע רעזולטאַטן. מ׳האָט אָנגעהויבן דורכשלאָגן אַ ברעשע אין דער גלײַכגילטיגקייט פֿון די טשינאָווניקעס און אין דעם אונטערגעקויפֿטן שוץ פֿון דער פּאָליציי מצד די בעלי־מלאכות. די מאַכט האָט גענומען פֿאַראָרדענען, אַז מ׳זאָל פֿאַרקירצן די אַרבעטס־צײַט. אמת, די דאָזיגע פֿאַראָרדענונגען פֿלעגן דאָס רוב בלייבן מער ניט ווי אויפֿן פּאַפּיר, אָבער זיי פֿלעגן צוגעבן די אַרבעטער אַ נײַעם אימפּולס צום קאַמף, און, סוף כּל סוף, איז אײַנגעפֿירט געוואָרן דער 12־שעהדיגער אַרבעטסטאָג. קעגן גאָר האַרטנעקיגע באַלעבאַטים פֿלעגט מען דערקלערן אַ שטרייק און אַ באָיקאָט, און סײַ די חברים פֿון דעם אייגענעם פֿאַך, סײַ פֿון די פֿרעמדע פֿלעגן שטיצן אַזאַ שטרייק מיט דער גרעסטער אי־בערגעגעבנקייט. די פֿאַרקירצונג פֿון דער אַרבעטסצייט, וואָס מ׳האָט כּמעט אומעטום דורכגעפֿירט, האָט שוין פֿון זיך אַליין לײַכטער געמאַכט דעם אַרבעטסמאַרק און מעגליך געמאַכט פֿאַר אייניגע ווערקשטאַטן אָנ־הייבן צו פֿירן פּונקט אַזאַ קאַמף אויך פֿאַר העכערן דעם לוין, ווי פֿאַר־בעסערן די אַרבעטס־תנאים בכלל. סטאַטשקעס פֿלעגן שוין אויסברעכן ביט שטיצנדיג זיך אויף דעם, וואָס מ׳מעג, און פֿלעגן זיך ענדיגן מיט

נישט קיין קלענערן ערפֿאָלג. אין משך פֿון 1892—94־ער יאָרן איז אָט־דער גאַנצער פּראָצעס דורכגעגאַנגען גלאַט און נישט אַרויסגערופֿן קיין שום מורא בײַ דער אָרטיקער מאַכט: די אומשולדיגע זשאַנדאַרם־פֿאַר־וואַלטונג האָט נאָך גאָרנישט חושד געווען, אַז אונטער איר סאַמע וואַכ־זאַמער אויג שפּילט זיך אָפּ די פּרעלודיע פֿון דער אַרבעטערבאַוועגונג, וואָס ווערט אינסצענירט פֿון די מורדים, אויף וועמען זי גיט אַכטונג; די פּאָליציי אַלס אַזעלכע ווידער, האָט געזעהן אין די סכסוכים צווישן די יידן־אַרבעטער מיט די יידן־באַלעבאַטים מער ניט ווי נאָך אַ וועג אויף צו קאָנען נעמען בײַ די באַלעבאַטים שוחד סײַ פֿאַר דעם, וואָס זיי האָבן עובר געווען אויפֿן געזעץ אין פֿאַרגאַנגענהייט, סײַ פֿאַר דעם, וואָס זיי וועלן עובר זײַן אין צוקונפֿט; וואָס ס׳איז שייך דער גובער־ניאַלער מאַכט, האָט זי קאָנצענטרירט איר גאַנצע התמדה אויף דער רוסיפֿיקאַטאָרישער אויפֿגאַבע און אויף צו פּאַקן דעם „פּאָלאָניזם“ און זיך אַסך ווייניגער אינטערעסירט מיט די יידישע פּראָלעטאַריער, ווי מיט די ליטווישע קסיאָנדזן און די פּוילישע גימנאַזיסטן. ביז סאַמע 1895־טן יאָר האָבן מיר געהאַט אין אונזער געהיימער אַרבעט פֿולשטענדיגע אימוניטעט.

עס האָט זיך אָבער נישט געענדיגט אָהן קיין „סטאַטשקע־האַזאַרד“ אויך. באַרוישט פֿון דעם ערפֿאָלג פֿון איינצלנע שטרייקן, וואָס האָבן געטראָגן אַ פּאַרטיידיגונגס־כאַראַקטער, האָבן די שנײַדער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די ערגסטע באַדינגונגען, באַטראַכט אין האַרבסט 1893 אַן אַלגעמיינעם שטרייק מיט אַ פֿאָדערונג פֿון אַ באַדייטנדיגער הוספה. דער שטרייק האָט געבראַכט דערצו, וואָס די באַלעבאַטים האָבן זיך פֿון זייער זײַט פֿעסט אָרגאַניזירט. ער האָט זיך געצויגן עטליכע וואָכן ביז ס׳איז געקומען דער טויטער סעזאָן און ער האָט זיך פֿאַרענדיגט מיט אַ פֿול־שטענדיגן חורבן פֿון עטליכע הונדערט אַרבעטער. פֿיל פֿון זיי זײַנען געבליבן הינטערן באָרד. די וויכטיגסטע פֿאָדערונגען האָט מען ניט נאָכגעגעבן, די סאָלידאַריטעט איז געווען צעבראָכן. ווען איך בין אַרײַן אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, איז זי גראָד געווען צעטראָגן פֿון דעם דאָזיגן דורכפֿאַל. זי האָט געמאַכט אַ סך־הכל פֿון דער מפּלה, וואָס האָט חרוב געמאַכט די קאַסע פֿון די שנײַדער און געבראַכט דערצו, אַז איין טייל פֿון די שטרייקנדע האָט געמוזט עמיגרירן און דער צווייטער זאָל אַוועקשטעלן אַן אַרטעל. די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן אָנצונעמען מיטלען, כּדי ניט צו דערלאָזן אויף להבא אַזעלכע שטרייקן, וואָס רעכע־נען זיך ניט מיט דער עקאָנאָמישער קאָניונקטור.

ס׳איז שוין צײַט, איך זאָל זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די פּערזאָנען פֿון דער ווילנער אָנפֿירנדיגער אָרגאַניזאַציע. בעת איך בין אַרײַנגעטראָטן אין איר, נאָך יוסף מילס אַוועקפֿאָר, איז דער אָנערקענטער פֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע געווען אַ׳ קרעמער (״אַלעקסאַנדער״). דער געזעצטער עטוואָס פֿלעגמאַטישער כאַראַקטער און דער קלאָרער מוח, די קאָנספּיראַטיווע אויסגעהאַלטנקייט און נאָך אַנדערע מעלות פֿון אַ פֿעהיגן אָרגאַניזאַטאָר פֿון אונטערערדישער אַרבעט, האָבן אים געשאַפֿן די נויטיגע אַווטאָריטעט פֿאַר דער ראָלע פֿון אַן אָנפֿירער. ריידן פֿלעגט ער אויף פֿאַרזאַמלונגען נישט פֿיל, אָבער וואָגיג. קיין טאַלענט פֿון אַן אגיטאַטאָר האָט ער ניט פֿאַרמאָגט, און מיר דאכט זיך, אַז זיינע פּערזענליכע נטיות האָבן אים ניט געצויגן צו דער ראָלע פֿון אַן אַגיטאַטאָר. זייענדיג אַ סטודענט פֿונם פּאָליטעכניקום אין ריגע, איז ער אין די אכציגער יאָרן געווען פֿאַרוויקלט אין אַ פּאָליטישן פּראָצעס, אפּגעזעסן תּפֿיסה אין די ״קרעסטי״, און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער געלעבט אונטער פּאָליצייאישער השגחה אין ווילנע. אַזוי האָט געלעבט ר׳ ל׳ אייזנשטאַט (יודין) אויך, וואָס איז געווען אין אונזער קרײַזל דער געבילדעטסטער טעאָרעטיקער־מאַרקסיסט. אַ געוועזענער סטודענט פֿון יאַראָסלאַווער ליצעאום, איז ער נאָך אין 1887־טן יאָר אַרײַנגעפֿאַלן אין טורמע, איז אָפּגעזעסן זײַן צײַט און פֿאַרקליבן זיך קיין ווילנע. זײַענדיג אויך שפּעטער נישט ווייניג מאָל אַרעסטירט און פֿאַרשיקט, איז ר׳ ל׳ נאָך עד היום איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון ״בונד״. זײַן פֿרוי ליבע לעווענסאָן, וואָס איז צום סוף פֿון די 90־ער יאָרן געשטאָרבן אין אַמעריקע, איז געווען אַ זעהר פֿעהיגע פּראָפּאָגאַנדיסטקע, האָט געהאַט אַ גרויסן שם צווישן די אַרבעטער און האָט אַרײַנגעטראָגן אַ ברויזנדיגע ענערגיע אין איר שטענדיגער טעטיגקײַט. זי איז געווען דער גרעסטער בעל־חזקה אויף טורמע. אַ געוועזענע סטודענטין פֿון די שווייצער אוניווערסיטעטן, האָט מען זי געכאַפּט אויפֿן גרעניץ דורכפֿאָרנדיג קיין רוסלאַנד און, געפֿינענדיג בײַ איר ווערעאַ איוואַנאָוונאַ זאַסוליטשס קאָנספּיראַטיווע בריוו, האָט מען זי אַרײַנגעזעצט אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער טורמע, וואו זי האָט אין משך פֿון $1\frac{1}{2}$ יאָר געמוזט אויסשטיין די גרעסטע אַכזריות. דאָס האָט אונטערגעגראָבן איר געזונט און צעטרייסלט אירע נערוון. נאָכדעם ווי זי איז אָפּגעזעסן די $1\frac{1}{2}$ יאָר האָט זי נאָך באַקומען נײַע $1\frac{1}{2}$ יאָר. ניט ווייניגער אַקטיוו פֿאַר איר, אָבער מיט אַ ווייניגער נערווען און מער לעבנסלוסטיגן כאַראַקטער, איז געווען מ׳ ד׳ סרעדניצקאַיאַ, מיטן צונאָמען ״פּאַטי״.

דאָס איז געווען אַ מענטש געקנאָטן פֿון אָטדעם טייג, פֿון וועלכן עס האָבן זיך אויף אַלע שטאַפּלען פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿאָרמירט די אָרגאַניזאַטאָרינס פֿון די „רויטע קרייצן", די סעקרעטאַרינס פֿון די קאָמיטעטן, ד. ה. אָט יענע פערזאָנען, וועמען עס פֿלעגט אויסקומען האָבן צו טאָן מיט צעהנדליגער מענטשן, קאָנען זיך באַגיין מיט זייַ שטענדיג טראָגן אײפֿן קאָפּ הונדערטער קאָנספּיראַטיווע מעשיות און „צערייַסן זיך אויף שטיקער". די אייביג שוואַכע, אָבער תּמיד באַוועגליכע מ. ד. סרעדניצקאַיאַ פֿלעגט אין אירע אויפֿגעם־שעהן בייַ זיך אין קאַבּינעט (זי איז געווען אַ צאָן־דאָקטאָרין) באַווייַזן אָפּצוטאָן אַ וועלט פֿון קאָנספּיראַטיווע זאַכן: איבערגעבן, צונעמען און באַהאַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, אָרגאַניזירן נייַע קרייזלעך און אויסזוכן אָנפֿירער פֿאַר זיי, אינאָווונט לויפֿן אויף די זיצונגען פֿון די קרייזלעך אָדער פֿון די פֿאָרשטייער פון די קאַסעס. אויב קרעמער איז געווען דער קאָפּ פֿון דער אָרגאַניזציע, איז „פּאַטי" — געווען די האַרץ.

דער דענטיסט קאָפּעלזאָן („טימאָפּיי"), וואָס האָט אויך געלעבט אונטער דער אויפֿזיכט, איז געווען אַן אַרויסגעשיקטער פֿון וואַרשע. שפּעטער איז ער באַוואוסט געוואָרן אין דער שווייצער עמיגראַציע אַלס „גרישין" *). ער איז דער עיקר געווען פֿאַרנומען מיט קאָנספּיראַטיווע ענינים פֿון דער אָרגאַניזאַציע — צו שטיין אין פֿאַרבינדונג מיט די איבעריגע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיגע באַציהונגען זייַנען געווען גאַנץ רעגולערע, דערהויפּט מיט די שטעט פֿון ליטע און פוילן. אויסער דעם האָט ער נאָך געהאַט צו טאָן מיט טראַנספּאָרטירן מענטשן און ליטעראַטור. די אַנטלאָפֿענע פֿון רוסלאַנד פֿלעגן געוויינליך דורך דער ווילנער גרופּע זוכן דעם „גרעניץ". אויסער דעם פֿלעגט נאָך קיין ווילנע אָנקומען, דעמאָלט ניט קיין גרויסע, טראַנספּאָרטן פֿון אויסלענדישע ליטעראַטור. אויף צו באַקומען דאָס פֿלעגן מיטהעלפֿן די ווילנער, וואָס האָבן געלעבט אין וואַרשע און אין לאָדז און האָבן אָפּגעהיט די באַציהונגען מיט דער „מעטראָפּאָליע".

די סאַמע גרעסטע קראַפֿט, אין פּרט פֿון אָרגאַניזאַטאָרישער און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, איז געווען ס. גאָזשאַנסקי, מיטן צונעמעניש „דער לערער". זייַן צונעמעניש קאָן מען ניט זאָגן, אַז ער איז געווען

*) זיינע בריוו, אלס פארטיידיגער פון דעם „עקאנאמיזם" האט אויסגעניצט פלעכאנאוו אין דער באוואוסטער פאלעמישער בראשור „וואדעמעקוש", וואס איז געווען געווענדט קעגן דער רעדאקציע פון „ראַבאטשעיע דעלא" [ארבעטערזאך].

אײַנגאַנצן אַ קאָנספּיראַטיווער, וואָרים גאָזשאַנסקי איז טאַקע באמת געווען אַ לערער אין דער יידישער רעגירונגס־שול. זייענדיג, אין פֿאַרגלייך מיט אונז, אַ מענטש אַ לעגאַלער און דערצו נאָך אַ באַאַמטער אויף אַ מלוכה־שטעלע, האָט ער שוין געמוזט זעהר שטאַרק קאָנספּירירן, כּדי עס זאָל קיין זאַך ניט אויפֿפּאַלן דער מאַכט, זיינע קאָלעגן און די עלטערן פֿון די תּלמידים — דאָס רוב דיזעלביגע באַלעבאַטים, אין וועמעס קראָם אָדער ווערקשטאַט מיר פֿלעגן "אונטערלייגן אַ פֿײַער". אַ פֿעהיגער און מיט אַ גרויסן אינטערעס פֿאַר די אַלגעמיינע פֿראַגן פֿון טעאָריע, הגם מיט אַ שטאַרק פֿאַראַדאָקסאַלן מוח, וואָס פֿלעגט אים ניט זעלטן ברענגען צו סתּירות, האָט גאָזשאַנסקי געזעהן, אַז עס זאָל אַרײַנגעטראָגן ווערן אַ סיסטעמאַטישקייט און אַן איינהייט אין דער קרייזל־פּראָפּאַגאַנדע. מ׳פֿלעגט תּמיד זעהן אין אים דעם פּראָפֿעסיאָנעלן פּעדאַגאָג. שפּעטער, אין דעם פּעריאָד פֿון דער אינטענסיווער עקאָנאָמישער אַגיטאַציע, האָט ער געשפּילט אַן אָנפֿירנדיגע ראָלע אין דעם אינווייניגסטן אָרגאַניזאַציאָנעלן קאַמף פֿאַר די נײַע מעטאָדן פֿון דער אַרבעט, דורך וועלכער עס האָט געדאַרפֿט דורכגיין די ווילנער באַוועגונג. דערנאָך האָט ער זיך, אינאיינעם מיט ל. לעווענסאָן און אייניגע אַרבעטער, אַריבערגעקליבן קיין ביאַליסטאָק און האָט, אין אָטדעם גרעסטן פּראָלעטאַרישן צענטער פֿון ליטע, אַוועקגעלייגט דעם יסוד פֿאַר אַ ברייטער אַגיטאַטאָרישער אַרבעט. באַלד האָט מען אים אַרעסטירט און צוזאַמען מיט ל. לעווענסאָן פֿאַרשיקט קיין יאַקוטקע. דאָרטן האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן אויפֿן צד פֿון דער "מאַכאַיעווטשינע", וואָס האָט צום סוף פֿון די אַכציגער יאָרן געהערשט צווישן די פֿאַרשיקטע. נאָכדעם האָט ער אַ לאַנגע צײַט געאַרבעט אין "בונד" (איך האָב זיך געטראָפֿן מיט אים אויף דעם לאָנדאָנער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר פֿון 1907־טן יאָר, ווען ער איז געווען איינער פֿון די סעקרעטאַרן פֿון קאָנגרעס), בעת דער מלחמה איז ער געווען אַן "אָבאָראָניעץ", און נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט און איז איצט אַ קאָמיסאַר אין טולע.

דער ייִנגסטער מיטגליד פֿון דער גרופּע איז געווען רבקה ליאַס, וואָס האָט געענדיגט די ווילנער גימנאַזיע. אַלס פּראָפּאַגאַנדיסטקע איז זי געווען זעהר באַליבט בײַ די אַרבעטער.

שפּעטער האָט מען שוין אין מײַן צײַט אַרײַנגענומען אין דער גרופּע טאָביאַסן ("מאַקס") און די לערערקע מינע וואָלק. נאָך שפּעטער צווייען, וואָס האָבן אויך געלעבט אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער

פּאָליציי. דאָס זײַנען געווען אַ. מ ו ט נ י ק („גלעבּ“), ווען מ׳האָט נאָך אין 1889־טן יאָר אַרויסגעשיקט פֿון דײַטשלאַנד פֿאַר האָבן באַציהונגען מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע בעתן אויסנאַם־צושטאַנד, און זײַן פֿרײַנט ווי. ל ע וו י נ ס אָ ן (ק אָ ס אָ וו ס ק י). ביידע, דער עיקר דער לעצטער, האָבן דערנאָך געשפּילט אַן אָנפֿירנדיגע ראָלע אין דער טעטיגקייט פֿון „בונד“. קאָסאָווסקי איז געווען איינער פֿון די וויכטיגסטע טעאָרעטישע און ליטעראַרישע כּוחות פֿון דער דאָזיגער פּאַרטיי.

אַרום אָטדעם צוזאַמענבאַהעפֿטן קרייזל האָבן זיך גרופּירט נאָך צעהנדליגער אינטעליגענטן, וואָס זײַנען געווען מיט אים ענג פֿאַרבונדן, הגם נישט אַלע פֿון זיי האָבן זיך רעגולער באַטייליגט אין זײַן אַרבעט. קודם כּל, זײַנען צווישן דער יוגנט פֿון די מיטלשולן געווען אייניגע, וואָס זײַנען אויף אַזויפֿיל געווען פּאַרטייאיש צוגעגרייט, אַז מיר פֿלעגן זיך קאָנען פֿאַרלאָזן אויף זיי נישט נאָר מיט געוויסע אומלעגאַלע אַרבעט, נאָר אָנצופֿירן אויך מיט אַרבעטער־קרייזלעך. צו זיי האָבן געהערט: די שילער פֿון דער רעאַלשול עליאַשבערג, ד. טראָפּאָווסקי (שפּעטער באַוואוסט אַלס איבערזעצער און קאָרעספּאָנדענט פֿון גרויסע צייטונגען), מ. לוריע (וואָס האָט געשפּילט אַ לאַנגע צײַט אַן אָנגעזעהענע ראָלע אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, פֿון וועלכע ער איז דערנאָך אַוועק) און סעליבער; די גימנאַזיסטן ב. גאָלדמאַן (וואָס איז הײַנט באַוואוסט אַלס גאָרעוו) און אַ. שטעסל. ל. בערנשטיין (דער איבערזעצער און זשורנאַליסט אונטער דעם פּסוידאָנים ל. באָריסאָוויטש), צעמאַכאָוויטש. י. ראָזענבערג, זעלדאָוו (שפּעטער, אין סוף פֿון די 90־ער יאָרן, אַ מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון בונד), פּײַקעס, אַן אָנגעזעהענער טוער פֿון דער „איסקראָווּשער“ אָרגאַניזאַציע און פֿון דער מענשעוויסטישער פֿראַקציע ביז דער סאַמער אָקטאָבער־איבערקערעניש, בעת ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט און איז, דאַכט זיך, איצט עפּעס אַ מין מלוכה־קאָנטראָלער. אויסערדעם פֿלעגט בעת די קאַניקולן די אָרגאַניזאַציע פֿאַרשטאַרקן זיך דורך די געבאָרענע ווילנער סטודענטן, וואָס דורך זיי פֿלעגט אונזער אָרגאַניזאַציע אויפֿהאַלטן די באַציהונגען מיט די מאַרקסיסטן פֿון די אוניווערסיטעט־צענטערן. פֿון וואַרשע פֿלעגן אָנפֿאָרן י. וויטקינד און אַ. זאַלקינד; פֿון כאַרקאָוו — ל. ב. פֿיינבערג, י. לעווין (דער שפּעטערדיגער רעדאַקטאָר פֿון דעם „דרום־אַרבעטער“) און אַ. פּ. לוריע (וואָס איז דערנאָך אַריבער צו די עס־ערן, און שפּעטער צו די ען־עסן); פֿון קיעוו — דער מעדיצינער י. מ. ליאַכאָווסקי. אויסערדעם האָבן נאָך אין די

נאָענטסטע פּונקטן פֿון ראַיאָן געאַרבעט ווילנער, וואָס פֿלעגן פֿון צײַט צו צײַט קומען צו אונז אין „הויפּטשטאָט” כּדי אינאײנעם באַטראַכטן וויכטיגע פֿראַגן. דאָס זײַנען געווען די לערער פֿון די ײדישע שולן אַ. פּאָרטנאָי, אַ. פּין און גאָדלעווסקי, וואָס האָבן געהאַט זײערע סיסטעמאַטישע צונעמענישן: „דער העכסטער”, „דער מיטעלער” און „דער קלײנער” און די לערערינס פּ. אַ. גאָרדאָן און צ. קליס. אַ. פּאָרטנאָי („נח”) איז נאָך עד היום אַן אָנגעזע העכער מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון „בונד”, אָפּלעבנדיג אַסך יאָרן אומלעגאַל. גאָדלעווסקי און פּ. אַ. גאָרדאָן האָבן אין אָנהײב פֿון 1900־ער יאָרן אַפֿולע געאַרבעט אין די איסקראָווסקע און מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דרום־רוסלאַנד.

אין מײַן צײַט איז אין דער אָנפֿירנדיגער גרופּע נישט אַרײַן קײן אײן אַרבעטער; לויט אונזערע דעמאָלטיגע אָנשויאונגען, איז אויף מיטצואַרבעטן אין דער דאָזיגער גרופּע געווען אַ תּנאי, אַז מ׳דאַרף קודם כּל זײַן טעאָרעטיש גוט אַנטוויקלט און האָבן אַ באַדײַטנדיגע קאָנספּיראַטיווע ערפֿאַרונג. אין פֿלוג, זײַנען עטליכע אַרבעטער, וואָס האָבן מער אָדער ווײניגער באַפֿרידיגט די דאָזיגע פֿאָדערונג, יאָ געווען. דאָס זײַנען געווען די עלטערע מיטגלידער פֿון די קרײזלעך פֿאַר זעלבסטאַנטוויקלונג, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אין די דאָזיגע קרײזלעך אַ שול פֿון דרײַ יאָר און מער. אָבער די דאָזיגע מיטגלידער פֿון די קרײזלעך, ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, פֿלעגן דאָס רוב אָדער ארויס פֿון דעם „אַרבעטערשטאַנד” און ווערן באַלעבאַטים פֿאַר זיך, אָדער בכלל אַוועקגײן אָנאַזײַט פֿון דער אַלגעמײנער אַרבעטערמאַסע, אַניט אַוועקפֿאָרן קײן אויסלאַנד (דאָס רוב קײן אַמעריקע). פֿון די איבעריגע, פּאָליטיש מער רײפֿע, „זקנים”־אַרבעטער האָבן מיר שפּעטער — און 1894־טן יאָר — אָרגאַניזירט אַ צענטראַלע אַרבעטערגרופּע, וואו אַקרעמער איז אַרײַן אַלס פֿאָרשטײער פֿון אונזער צענטער. די דאָזיגע גרופּע האָט געדאַרפֿט שפּילן אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער היעראַרכיע אַ ראָלע פֿון אַ נישט קײן פֿולבאַרעכטיגטער, נאָר גיכער פֿון אַ באַראַטנדיגער צווײטער אינסטאַנץ. די וויכטיגסטע מיטגלידער פֿון אָטדעם אַרבעטער־צענטער זײַנען געווען: דער עלטסטער מיטגליד פֿון די אַרבעטער־קרײזלעך, אַן עלטערער קצב שלמה (די פֿאַמיליע געדענק איך נישט), אַ מרה־שחורהדיגער מענטש, וואָס האט האָלט געהאַט צו געוועלטיגן; די הענטשקעמאַכערין צביה הורוויטש, וואָס איז שפּעטער געווען אַ מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון „בונד” און איז נאָך עד היום אין דער ר. ס.

ד. א. פ.; די שניידערין צילע וואָלק און נאָך אַ צוויי דריי אַרבעטער־צביה הורוויטש מיט איר פעסטן, גראַדן כאַראַקטער און פּאָליטישן שכל, האָט זיך פון אַלעמען אויסגעצייכנט אין דער דאָזיגער גרופּע. אינאיינעם מיט שלמהן האָט זי געהאַט די גרעסטע השפעה אין דער אַרבעטער־סביבה נאָך דעם, ווי עס זיינען אַראָפּ פון סצענע די פּראָלעטאַריער, וואָס זיינען געוואָרן „מער באַוואוסטזיניג" פאַר זיי, אַשטייגער, דער יובעלירער מיכאל, די שניידערקע גוסטע, דער שטעפער אַלטער און נאָך אייניגע אַנדערע.

אין די קרייזלעך, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צו מיר, האָט שוין אין די ערשטע טעג צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט אַ קליינינקער דאַרינקער, נאָך גאָר יונגער, אָבער זעהר אַנטוויקלטער פּאַפּיראָסנמאַכער ראובן פרידמאַן, ניט קוקנדיג אויף זיין קרענקליכקייט, האָט ער דורך זיין אַרבעט און לעבנסלוסט אויסגעצייכנט זיך פון מיינע אַלע אַנדערע צוהערער. אַז איך האָב זיך באַקענט נאָענטער מיט אים, האָב איך גע־קאָנט לייכט זעהן, אַז דער דאָזיגער „אמתער פּראָלעטאַריער" וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום האַנטווערק־טראַדיציעס און וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך אַ האַרטע שול פון אַרבעט אין איינער פון די מער קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון ווילנע — אין עדעלשטיינס טאַבאַקפאַבריק — אַז דער דאָזיגער „פּראָלעטאַריער" איז גאָר אַן אַנדער קולטור־סאָציאַלער טיפּ, ווי דער רוב פון אונזערע געהילף־אַרבעטער. דער פּאָליטישער און סאָציאַלער ראַדיקאַליזם איז ביי אים געווען שאַרפער אויסגעדריקט און האָט לחלוטין נישט געהאַט אָטדעם בוך־כאַראַקטער און דעם חותם פון קרייזל, ווי מ'פלעגט דאָס אָפט מערקן ביי די אַנדערע תלמידים. די מאָטיוון פון סאָציאַלן האָט האָבן זיך בולטער געהערט ביי אים, נישט אויסמישנדיג זיך מיט די פראַגן פון פערזענליכער מאָראַל, פערזענליכער פאַרפולקומונג און גוט איינאָרדענען דעם אייגענעם לעבן, אָטדי טענדענץ, וואָס פלעגט איינ־שלינגען אַסך גייסטיגע כוחות ביי פיל פון אונזערע „קרייזלעך־מענטשן" צוגעבן זייער גאַנצן מהות אַ געוויסן סעקטן־כאַראַקטער, און ביי ווע־מען דאָבראָליובאָוו און פּיסאַרעוו זיינען, אין תוך, געווען באַליבטערע מחברים, ווי לאַסאַל און מאַרקס. פרידמאַנען האָט אויסגעצייכנט אויך זיין שטאַרקער באַגער צו פּראָזעליטיזם, ווערנדיג געטריבן פון דער גוואַלטיגער פינסטערקייט און פאַרשלאָגנקייט פון דער סביבה, אין וועל־כער ער האָט געאַרבעט. די עטליכע הונדערט מיידלעך און פרויען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן שוועל פון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט און

פּראָסטיטוציע, וועלכע עס זײַנען געוואָרן אומבארחמנותדיג עקספּלואַטירט אין עדעלשטיינס און דורונטשעס פֿאַבריק, זײַנען געווען אַ זעהר ניט קיין גינציגער באָדן פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע. פֿונדעסטוועגן האָט ר׳ פֿרידמאַן געקראָגן אַ גרופּע אָנהענגער, סײַ צווישן די פֿרויען, סײַ צווישן די פּאַפּיראָסנמאַכער די מאַנסביל. זיי זײַנען געווען ווייניגער אין צאָל און בכלל פּריווילעגירטער ווי די פֿרויען, וואָס עס איז נאָך דעריבער שווערער געווען צו האָבן אַ השפּעה אויף זיי. זײַן רעכטע האַנט בײַ דער דאָזיגער אַרבעט — אברהם באַסקין, ווייניגער באַגאַבט פֿאַר אים, אָבער אויך זעהר איבערגעגעבן דער זאַך — האָט געהערט אויך צו דעמזעלביגן קרייזל. פֿרידמאַנס גאַנצער שטרעבן איז געווען, צו ברענגען די פֿינסטערע מאַסע, צווישן וועלכער ער האָט זיך געפֿונען, צו אַ שטרייק קעגן דעם פֿאַבריקאַנט, וואָס האָט געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל בײַ דער אָרטיגער גרויסבורזשואַזיע. דער דאָזיגער חלום איז מקוים געוואָרן ערשט אין אַ לאַנגע צײַט אַרום, בעת פֿרידמאַנען גופֿא האָט מען נאָך אַ שאַרפֿן צוזאַמענשטויס מיט דער אַדמיניסטראַציע פֿון פֿאַבריק אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט. אָטדאָס האָט גורם געווען, אַז ער זאָל ענדערן זײַן לעבן. ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופֿאָרן קיין אויסלאַנד, כדי צו דערגאַנצן זײַן בילדונג און קומען צוריק אַלס זעלבשטענדיגער אַגיטאַטאָר. וועגן דעם האָט ער נישט איין מאָל גערעדט מיט מיר. באַלד איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין בערלין, געאַרבעט דאָרטן אין פּאַפּיראָסן־פֿאַבריקן, און איז אין אַ יאָר צוויי אַרום געקומען צוריק קיין רוסלאַנד. ער האָט זיך שוין אָבער מיט קיין אַגיטאַציע ניט פֿאַרנומען, נאָר מיט קאָנספּיראַטיווער אַרבעט: ער האָט אַוועקגעשטעלט אין ביאַליסטאָק אַ געהיימע דרוק פֿאַר דער דעמאָלטיגער עקסט־לינקער סאָציאַלדעמאָקראַטישער גרופּע „די אַרבעטערפֿאָן” (ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ). אין אָט־דער דרוק טאַקע האָט מען אים אין 1898 יאָר אַרעסטירט און, נאָכדעם ווי ער איז געזעסן אַ לאַנגע צײַט אין פּעטראָפּאַוולאָווסק, האָט מען אים פֿאַרשיקט קיין יאַקוטקע. שפּעטער האָט ער — דערהויפּט אין באַקו — גענומען אַן אָנטייל אין דער טעטיגקייט פֿון דער פּאַרטיי. איצט אַרבעט ער בײַ די ווירטשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער ראַטן־מאַכט. זײַן חבר באַסקין איז אַ לאַנגע צײַט געזעסן אין דעד ביאַליסטאָקער טורמע, צוליב דער מעשה־גאַזשאַנסקי און די איבעריגע חברים פֿון 1896־טן יאָר; דעם ווייטערדיגן גורל זײַנעם ווייס איך ניט.

פֿון די איבעריגע „תלמידים” פֿון מײַנע ערשטע קרײַזלעך וועל

איך דערמאָנען דעם יונגן בערסטלמאַכער מאָטלען, וואָס האָט נישט ווייניג געאַרבעט אויף צו אָרגאַניזירן דעם פֿאַראײן פֿון זײַן פֿאַך, וועלכער האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער אַ ריי שטעט. אויסערדעם די שנײַדערין ראָזע סעגאַל, אַן ענערגישע, לעבעדיגע און פֿעהיגע מיידל. אָבער איר השפּעה אויף די חברטעס פֿלעגט ווערן שוואַכער צוליב איר הערשערישן כאַראַקטער און איר נערוועזיטעט. שפּעטער האָב איך זי געטראָפֿן אין דער עמיגראַציע אין פּאַריז, וואו די דאָזיגע נערוועזיטעט האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. דערפֿירט האָט עס די אומגליק־ליכע פֿרוי דערצו, אַז זי איז אין אַ מאָמענט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די סיבות פֿון דער פֿאַרצווייפֿלונג ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר אַז זי האָט, דוכט זיך, אין 1903־טן יאָר אַרויסגעוואָרפֿן זיך אין פּאַריז פֿון אַ פֿענסטער און איז דערהרגעט געוואָרן אויף טויט.

אין דער פּאַריזער עמיגראַציע האָב איך עטוואָס שפּעטער געטראָפֿן מײַנע אַ צווייטע שילערין — די שנײַדערין טערעזע (איר פֿאַמיליע ווייס איך ניט). צוליב איר פֿאַרשלאָסענעם אָדער שעמעוודיגן כאַראַקטער פֿלעגט זי ווייניג ריידן אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דעם קרייזל און ניט צוציהען צו זיך קיין אויפֿמערקזאַמקייט. דעריבער איז פֿאַר מיר געווען נאָך אַ גרעסערע פֿרייד צו קאָנסטאַטירן, אַז עס האָט זיך אויסגעאַרבעט פֿון איר איינע פֿון יענע פּראָפֿעסיאָנעלע טוערינס פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס וואַרפֿן זיך, אמת, ניט אין די אויגן, אָבער אויף וועמען מ׳קאָן זיך פֿאַרלאָזן; אָטדער מין טוערינס, וועלכע די רוסישע פֿרוי האָט אין אַזאַ גרויסע צאָל געגעבן אַלע פּאַרטייען, וואָס פֿלעגן נישט קוקנדיג אויף אַלע גלגולים אין לעבן, מיט עקשנות טאָן די מאַרודנע און אָפֿט אומדאַנקבאַרע געהיימע אַרבעט. לעבנדיג אין פּוילן, האָט טערעזע, אינאיינעם מיט אַנדערע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן נישט געהאַלטן פֿון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פֿון „בונד“, געשאַפֿן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע עס האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער ר. ס. ד. אַ. פּ. צוליבדעם, וויבל קיין רוסישער פּראָלעטאַריאַט איז אין פּוילן נישט געווען, האָט זי זיך ספּעציאַליזירט אויף דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָלדאַטן פֿון די אָרטיגע גאַרניזאָנען. די דאָזיגע אַרבעט, וועלכע איז געשטיצט געוואָרן מצד דער ס. ד. פֿון פּוילן און ליטע, האָט געבראַכט אירע פּירות אין 1905־טן יאָר, בשעת אין די גאַרניזאָנען פֿון די פּוילישע שטעט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ זעהר אינטענסיווע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. ביז סאַמע 1907־טן יאָר האָבן

די מיליטער־אָרגאַניזאַציעס פֿון דער ר׳ ס׳ ד׳ אַ׳ פּ׳ (מענשעוויקעס) אַרויסגעוויזן אין פּוילן אַ גרויסע לעבעדיגקייט און אַקטיווקייט.

גלײַך פֿון די ערשטע טעג אָן, ווי איך האָב גענומען אַרבעטן אין קרייזל, איז מיר נישט געפֿעלן געוואָרן איין צוהערער. דאָס איז געווען אַ לאַנגער בחור מיט אַ פּוילן גאַנג און מיט אַן אייביג גלייכגילטיגן פּנים, פֿון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קאַלטע אומאָנגענעמע גרינע אויגן. אויפֿן אָנבליק האָט ער אויסגעזעהן עלטער פֿאַר די איבעריגע מיטגלידער פֿון קרייזל — מ׳האָט אים געקאָנט שאַצן בײַ 25 יאָר. צו די טעאָרעטישע און פּאָליטישע פֿראַגן, וואָס מיר פֿלעגן אַרומריידן אין די קרייזלעך, פֿלעגט ער זיך באַציהען אָהן קיין שום אינ־טערעס, און דאָס פֿלעגט מיך שטאַרק אָפּקילן צו דער אַרבעט. דערנאָך, בעת איך האָב געפּרובט קאָנטראָלירן די קענטעניש פֿון מײַנע תּלמידים אין עקזאַמענישער טעאָריע, פֿאַרגעבנדיג זיי שריפֿטליכע פֿראַגן, איז אָדער איך פֿלעג ניט באַקומען פֿון אים אינגאַנצן קיין ענטפֿער, אָדער עפּעס אַזוינע „קאַזיאָנע״ וואָס פֿלעגט מיך דערמאָנען אויף דער באַצי־הונג פֿון די גימנאַזיסטן צו די לערער און צו זייערע „לימודים״. עפּעס ווי אַ מין פֿרעמדער אבער פֿלעגט מיר אויסקומען ישׂראל־מיכל (אַזוי האָט מען גערופֿן אָטדעם לאַנגן בחור) אין קרייזל, און איך האָב אַפּילו געפּרובט באַזײַטיגן אים. אָבער די חברים האָבן מיר גע־זאָגט, אַז ישׂראל־מיכל דער שלאָסער האָט אַ גרויסע השפּעה צווישן די חברים פֿון זײַן פֿאַך און אַז אין דער פּראַקטישער אַרבעט איז ער גאָר ניט אַזוי פּוילער, ווי אין קרייזל.

הײַנט ווי גרויס איז געווען מײַן פֿאַרוואונדערונג, ווען אין אַסך יאָרן אַרום האָט זיך דער נאָמען פֿון מיין „קנאָפּן וועלער״ דעם תּלמיד דורכגעטראָגן, קאָן מען זאָגן, ווי אַ דונער, איבער דעם גאַנצן פּאָליטיש־דענקענדיגן רוסלאַנד און אַפֿילו איבער אייראָפּע. אָטדער לאַנגער בחור (אגב אורחא, האָט מען אים צווישן די אַרבעטער אַזוי טאַקע גערופֿן) האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן פֿאַר דעם באַרימטן פּראָוואָקאַטאָר קאַפּלינסקין, וואָס איז, אינאיינעם מיט אַזעפֿן און זשוטשענקען, אַנט־פּלעקט געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1905. אַ פּראָוואָקאַטאָר איז קאַפּלינסקי געוואָרן שוין אין אַ יאָר 5 אַרום נאָך זיין זײַן אין מײַן קרייזל, ווען מ׳האָט אים, בײַ דעם אַלגעמיינעם דורכפֿאַל פֿון „בונד״ אין 1898־טן יאָר, געכאַפּט אין דער דרוק, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט. אַז מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזן, איז ער געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער ליפֿע־

ראַנט פֿון אַ באַזונדערן טיפּ קלײנע דרוקמאַשינקעס, װעלכע ער גופֿא האָט געמאַכט און פֿאַרזאָרגט מיט זײ אַ גרױסע צאָל געהײמע דרוקערײען פֿון פֿאַרשײדענע פּאַרטײען *).

היות װי איך האָב׳ להיפּך צו דער גרעסטער צאָל מיטגלידער פֿון אונזער קרײזל, נישט גערעדט קײן ײדיש, האָט מען מיר שפּעטער אָנגעהױבן איבערגעבן אַזױנע אַרבעטער־קרײזלעך, װאָס זײַנען געשטאַנען לױט דער אַנטװיקלונג העכער פֿאַר דעם מיטעלן ניװאָ און האָבן געקענט רוסיש. װאָרים גוט קענען די רוסישע שפּראַך האָבן נאָר געהאַט גליק יענע אַרבעטער, װאָס זײַנען געגאַנגען אין אַ מלוכה־שול אָדער װאָס האָבן געשטאַמט פֿון די מער קולטורעלע שיכטן פֿון דער קלײנבורזשואַזער סביבה. עס איז דעריבער ניט קײן חידוש, װאָס גראָד פֿון מײַנע קרײזלעך זײַנען אַרױס אַסך פּערזאָנען, װאָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַן אָנגעזעהענע ראָלע אין דער באַװעגונג.

אַ פֿרײד איז דער עיקר פֿאַר מיר געװען דאָס לערנען מיט דעם קרײזל פֿון די לערן־ײנגלעך די שלאָסער, װאָס האָט זיך געבילדעט דעם װינטער פֿון 1894־95־טן יאָר; דאָס איז געװען דער עלטערער קלאַס פֿון דער גוט־אַװעקגעשטעלטער האַנטװערקשול „טרוד“. אַלע שילער זײַנען געװען פֿעהיגע, זעהר אַנטװיקלטע און רעװאָלוציאָנער־געשטימטע בחורימלעך, מיט װעלכע מ׳האָט געקאָנט לערנען פּונקט לױט אַזאַ פּראָגראַם, װי מיט סטודענטן פֿון אַ װעלכן עס איז קרײזל פֿאַר זעלבסט־אַנטװיקלונג. דערהױפּט האָבן צװײ שילער פֿון דעם דאָזיגן קרײזל צוגעצױגן מײַן אױפֿמערקזאַמקײט: מיכאל פֿראַנקפֿורט, װעלכער האָט געשטאַמט פֿון אַ סאָציאַליסטישער פֿאַמיליע און זיך אױסגעצײכנט מיט זײַן טעאָרעטישן אינטערעס, און לײבע גאָלדמאַן, װאָס מ׳האָט געמוזט צוליב זײַן פֿלאַמיגער נאַטור, פֿאָרױסזעהן, אַז אים שטײט פֿאָר אַ נישט קײן געװײנליכע רעװאָלוציאָנערע קאַריערע. פֿראַנקפֿורט איז שפּעטער פֿאַרשיקט געװאָרן אױף 5 יאָר קײן סיביר און האָט אױסגעקױפֿט מיט דעם זײַן אַקטיװע טעטיגקײט אַלס ס־ד־ אָרגאַניזאַטאָר אין דרום (דערהױפּט אין ראָסטאָװ אױפֿן דאָן) אין דעם גרינדונגס־פּעריאָד פֿון דער ר׳ ס׳ ד׳ אַ׳ פּ׳ דעם װײַטערדיגן גורל זײַנעם װײס איך נישט. װאָס איז שײַך אָבער לײבע גאָלדמאַן, איז מײַן האָפֿענונג נאָך מער װי פֿאַרװירקליכט געװאָרן: שױן באַלד נאָך אונזער באַקענט־װערן, האָט ער זיך קאָמפּראָמעטירט אין פּראָפּאַגאַנדע צװישן די סאָלדאַטן, איז געװאָרן

*) גענױע פּרטים װעגן קאַפּלינסקין האט א׳ װײנשטײן פּארעפנטליכט אין „װעקער“ אין 1921.

איינער פֿון די ערשטע אומלעגאַלע „פּראָפּעסיאָנאַלן" פֿון אונזער פּאַרטיי, געווען אַלס דעלעגאַט אויף דעם פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פֿון 1900־טן יאָר, האָט געגרינדעט די ערשטע רוסישע דרוקעריי פֿון דער „איסקרע", און איז שפּעטער, נאָך דער דונערנדיגער רעדע אין געריכט, פֿאַרשיקט געוואָרן, איז אַנטלאָפֿן, געווען אַ מיטגליד פֿון דעם צ׳ ק׳ פֿון דער פּאַרטיי, דערנאָך באַקומען קאַטאָרגע, איז אָפּגעקומען דאָס ביי די שרעקליכסטע באַדינגונגען פֿון סטאָליפּינס עפּאָכע, און אין 1917־טן יאָר האָט ער ווידער באַנייט זיין אַקטיווע פּאַרטיי־טעטיגקייט.

דער דריטער מיטגליד פֿון דעמזעלביגן קרייזל, נחום ליפּשיץ, אַ שטאַרקער, פֿעהיגער בחורל, אַן איבערגעגעבענער דער זאַך, איז אין 1901־טן יאָר געשטאָרבן אָהן אַ צייט פֿון שווינדזוכט, וואָס ער האָט געקראָגן אין טורמע און בעת ער איז געווען פֿאַרשיקט (מ׳האָט אים אַרעסטירט אין 1898־טן יאָר מיט גאָזשאַנסקין אין ביאַליסטאָק).

אין סוף פֿון 1894־טן יאָר האָט עפּעס עמיצער פֿון די אַרבעטער פֿאָרגעלייגט צונויפֿפֿירן מיך מיט איינעם אַן איינבינדער, וואָס געהערט נאָך ניט ביז איצט צו קיין אָרגאַניזאַציע, וועלכער ווייזט אָבער אַרויס אַ גרויסע תּשוקה צו בילדונג און פֿילט מיט דער באַוועגונג. איך האָב זיך באַקענט מיט אָטדעם שעמעוודיגן בחורל, אין וועמעס אויגן עס האָט פֿונדעסטוועגן געלויכטן אַ געוויסע אַנטשלאָסנקייט און אַ גלויבן אין זיך. אין אָנפֿאַנג האָב איך געלערנט מיט אים באַזונדער און ס׳איז פֿאַר מיר באַלד געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז ווערט די מיה. מיין נייער תּלמיד האָט געהאַט טייערע כשרונות, אַן אויסערגעוויינליכן חשק צום לערנען און האָט דורכגעדרונגען דעם תּוך פֿון סאָציאַליזם. דערנאָך האָב איך אים אַריינגעפֿירט אין דעם קרייזל פֿון די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער, וואו מיר האָבן געלייענט „דאָס פּראָגראַם פֿון דער פֿראַנצויזישער אַרבעטערפּאַרטיי", לאַסאַלס „פּראָגראַם פֿון די אַרבעטער", ענגעלס „די אַנטשטייאונג פֿון דער פֿאַמיליע", דעם „מאַניפֿעסט" וכדומה. איך האָב מיט אַלע כּוחות רעקאָמענדירט מיין נייעם תּלמיד דער צענטראַלגרופּע, אַלס איינעם פֿון די אַרבעטער, אויף וועלכע מ׳דאַרף אָנווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט, ווייל ער האט אין זיך אָטדי נטיות, וואס אויב מ׳זאל זיי אַנטוויקלען, קאָן ער ווערן אַ פֿירער פֿון אַן אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. שוין אין מיין צייט איז משה דושקין — אַזוי האָט ער געהייסן — באמת געוואָרן איינער פֿון די סאַמע איינפֿלוסרייכסטע אַרבעטער אין דער אָרטיגער אָרגאַניזאַציע, און נאָך

שפעטער איז מיין האָפענונג לחלוטין מקוים געוואָרן. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם ערשטן יידישן אומלעגאַלן אָרגאַן "די אַרבעטערשטים", וואָס האָט געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע אין דער אַנטשטייאונג פון "בונד". דערנאָך האט ער זיך אין קיעוו באַטייליגט אין דער גרופּע "די אַרבעטערצייטונג" (ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ), וואָס האָט צוגעגרייט די גרינדונג פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. און נאָכדעם איז ער אַ לאַנגע צייט געווען אַ מיטגליד פון צ. ק. פון "בונד".

פונקט אַזאַ גיכע פּאַרטיי־קאַריערע האָט דורכגעמאַכט מאַריאַ זשאַלודסקאַיאַ, אַ שניידערין, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט ביי אַן אָרגינעלן אופן. זשאַלודסקאַיאַ, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ געפאַלענער בורזשואַזער פאַמיליע, האָט געאַרבעט ביי אַ פּוילישער באַלעבאָסטע; אין דער דאָזיגער ווערקשטאַט האָבן געאַרבעט פּוילישע מיידלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אָנאַזייט פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, און זשאַלודסקאַיאַ האָט דעריבער נישט געהאַט קיין שום באַציהונג מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. אָבער אויך אין איר נשמה האָט עפּעס אַ ווינט פאַרטראָגן די סאָציאַלע אומצופרידנקייט. באַטראַכט צו ווערן אויס אַרבעטערין, האָט זי זיך באַשלאָסן גרייטן זיך צום עקזאַמען אויף אַ געהילף־פּראָוויזאָרן, צי אויף אַן אַקושערקע און האָט אָנגעהויבן זוכן דערצו אַ לערער. אין דערזעלביגער צייט אָבער האָט זי געוואָלט, אַז די דאָזיגע אורעקן זאָלן בכלל ברייטער מאַכן איר אָנשויאונגס־קרייז. איך האָב דעמאָלט געלעבט פון פּריוואַטע אורעקן, און עפּעס אַ צופאַל האָט זי צונויפגעפירט מיט מיר. מיך האָט פאַראינטערעסירט דאָס דאָ־זיגע מיידל, וואָס האָט, פאַרדינענדיג סך־הכל עפּעס 10 רובל אַ חודש, פאָרגעלייגט מיר 5 רובל אַ מאָנאַט פאַר דריי אורעקן אין וואָך. צוויי מאָל אין וואָך איז איר קיין אַנדער צייט ניט אויסגעקומען צו לערנען ווי אין די קורצע אָוונטן, וואָס פלעגן איר איבערבלייבן פון דעם לאַנגן שווערן אַרבעטסטאָג. אויסער די שול־לימודים, האָט זי געוואָלט, אַז איך זאָל זי באַקענען מיט די יסודות פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אָנווייזן וואָס זי זאָל לייענען אינדערהיים. נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַקענט נעהענטער מיט איר, איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז אויב זשאַלודסקאַיאַ וועט זיך דערשלאָגן צום ציל — וועט אויסהאַלטן עקזאַמען און אַרויס פון דער ווערקשטאַט — וועלן מיר פאַרלירן אַן אַרבעטערין, וואָס קאָן ווערן לויט איר טעמפּעראַמענט, כאַראַקטער און אַנטוויקלונג, אַ זעהר נוציגע פאַר דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב אָבער נישט געהאַט

אין זיך קיין גענוג מוט אויף אַרויפֿצופֿירן דאָס מיידל אויף אַ וועג׳ וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אָפּזאָגן זיך פֿון איר ענערגישן פּרוב אויף צו קאָנען אַרויסצורײַסן זיך אַמאָל פֿון דעם פֿאַרשוואַרצטן לעבן פֿון אַ פּראָלעטאַריער. איך האָב דעריבער געוויסנהאַפֿט געלערנט מיט איר לאַטיין און מאַטעמאַטיק און האָב רוהיג׳ אָהן אַגיטאַציע׳ דערקלערט איר די מאַרקסיסטישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע׳ נישט פּרובנדיג אָנצעווענדן דאָס צו דער פּראַקטישער באַוועגונג. אָבער אין אַ צוויי־דרײַ חדשים אַרום האָט מיר מײַן שילערין אַליין געזאָגט׳ אַז זי וואַרפֿט אַוועק דעם קאַמף פֿאַר איר פּערזענליכער קאַריערע און זי זאָגט זיך אָפּ פֿון די אוראָקן. איך געדענק נישט׳ צי איר מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן ערגער צי זי איז געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט׳ אַז עס זאָל איר נאָך זײַן מעגליך אין דער קורצער צײַט׳ וואָס איז געבליבן צום עקזאַמען׳ דורכגיין דאָס גאַנצע פּראָגראַם׳ אָבער אַזוי איז עס געווען. דעריבער איז פֿאַר מיר נאָך גע־ווען אַ גרעסערע פֿרייד׳ ווען איך האָב זיך אין אַ האַלב יאָר אַרום דערוואוסט׳ אַז מאַריאַ האָט׳ גלײַך ווי זי האָט זיך געשטעלט אין באַ־ציהונג מיט אונזערע אַרבעטערינס׳ פֿאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין דער קאַסע פֿון די שנײַדערינס און מ׳האָט זי אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַטין אין אַ העכערן קרייזל׳ וועלכן איך האָב געפֿירט. אין 1900־טן יאָר האָט מ. זשאַלודסקאַיאַ געהאַט אַ גרויסע השפעה אין דעם צ. ק. פֿון ״בונד״׳ איז אַ לאַנגע צײַט געווען אומלעגאַל און דערנאָך האָט מען זי פֿאַרשיקט׳ איז אַנטלאָפֿן א. א. ווי איר מאַן — דעמאָלט אַ יונגער הענטשקעמאַכער — ד ו י ד כ״ץ׳ אויך אַ מיטגליד פֿון דעמזעלביגן קרייזל מײַנעם׳ איז נאָך פֿריער פֿאַר איר געוואָרן אַ מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון ״בונד״ (געהייסן האָט ער ״טאַראַס״) און איז אַ לאַנגע צײַט געווען איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער פּאַרטיי.

אין מײַן קרייזל׳ צו וועלכן עס האָבן אין די יאָרן 1894־95 גע־הערט דושקין׳ זשאַלודסקאַיאַ און כ״ץ׳ האָט זיך נאָך אויסגעצייכנט לויט זײַן פֿעהיגקייט און אַלגעמײַנער קולטורעלער אַנטוויקלונג דער שטעפּער נ אַ ד ע ל (מאַקס). אים האָב איך שפּעטער צוגעצויגן צו אַרבעטן אין דעם ״קאַמפּס־פֿאַראיין״ (סאָיוז באָרבי) אין פּעטערבורג׳ וואוהין ער האָט זיך אַריבערגעקליבען׳ פֿאַרן באַטייליגן זיך אין דעם דאָזיגן פֿאַראיין׳ אין ער אין 1896־טן יאָר אַ לאַנגע צײַט געזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווקע. שפּעטער האָט ער אַסך יאָרן נאָכאַנאַנד געלעבט אין לאָנדאָן׳ וואו ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער אַרבעט פֿון די עמיגראַנטן.

אונזער אָרגאַניזאַציע האָט געאַרבעט אויסשליסליך צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געווען, בײַ אַ זעלטענעם אויסנאַם, אָפּגעטיילט פֿון די רוסישע, ליטווישע און פּוילישע אַרבעטער, אַזוי צו זאָגן, טעריטאָריעל: אין איין און דיזעלביגע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן געאַרבעט אָדער קריסטן, אָדער יידן. אין דער דאָזיגער באַגרעניצטקייט פֿון דער אַרבעט מיט נאַציאָנאַלע רעמלעך איז ניט געווען קיין שום אַפּריאָרע נאַציאָנאַלע אידעע: די גרינדער פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע זײַנען פּשוט געווען רוסישע מאַרקסיסטן. זיי האָט שוין די שפּראַך גופא אָפּגעטיילט פֿון דעם פּוילישן און פּאָלאָניזירטן טייל פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס געגנגעוויכט צו דער אָרטיגער פּויליש־ליטווישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, אין וועמעס אידעאָלאָגיע דער סאָציאַליזם איז באַהעפֿט געוואָרן מיט די טיפֿע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. מיר האָבן געצויגן צו פּעטערבורג און מאָסקווע, זיי — צו וואַרשע. דעריבער איז די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּוילישע און ליטווישע אַרבעטער, וואָס עס האָבן פֿון אָנהייב פֿון די 90־ער יאָרן אָנגעפֿירט אין ווילנע איינצלנע פּערזאָנען און קרייזלעך, געגאַנגען מיט אַ גאַנץ אַנדער וועג, ווי אונזערע. אונזער גרופּע האָט נאָר געזען צו שטיין אין קאָנטאַקט מיט די אָנפֿירער פֿון דער דאָזיגער פּראָפּאַגאַנדע. דערצו האָט נאָך מיטגעווירקט די פֿולשטענדיגע אָפּגעזונדערטקייט אין דעם לעבנסשטייגער פֿון דעם יידישן און דעם קריסטליכן פּראָלעטאַריאַט אין ליטע; אויסערדעם די סיבה, וואָס די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן און די פּוילישע אַרבעטער האָבן געהאַט דעם מזל, להיפּך צו אונז, האָבן אויף זיך שטענדיג די השגחה פֿון דער אָרטיגער זשאַנדאַרמעריע. דעריבער וואָלט אַ נאָענטע באַציהונג געווען פֿאַר אונז אַ סכּנה, אַז מיר זאָלן אויך האָבן דיזעלביגע אָפּטע, הגם קליינע "דורכפֿאַלן", וואָס עס איז געווען אַן איינפֿאַכע זאַך בײַ די פּוילישער קרייזלעך. פֿאַרקערט אין אַ יומא דפּגרא, ווי דער 1־טער מאַי אַשטייגער, פֿלעגן בײדע גרופּן איינאָרדענען צוזאַמען אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען; אָפֿטמאָל פֿלעגן די אַרבעטער־אָנפֿירער פֿון דעמזעלביגן פֿאַך זיך צונויפֿקומען, כּדי צו קאָאָרדינירן די אַרבעט אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף. מיט די פּראָפּאַגאַנדיסטן גופא פֿלעגן מיר זיך טרעפֿן ניט זעלטן, בײַטן זיך מיט געהיימער און אינפֿאָרמיר־ליטעראַטור א. א. וו. צווישן די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדיסטן זײַנען געווען די וויכטיגסטע: דער געוועזענער סטודענט מאָראַווסקי (געהייסן האָט ער "זאַיאַץ")

און ד״ר דאָמאַשעוויטש׳ אַן אמתער הדרת פנים׳ אַ בלאָנדער מיט בלאָנ־קנדיגע ווײַסע צײַנער׳ וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער אָרטיגער לינקער אינטעליגענץ און איז געווען זעהר פּאָפּולער צווישן אירי. שוין אין אונזער צײַט האָבן זיי ביידע׳ אונטער דער השפעה פֿון דער דאָרפּישער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער ליטווישער באַוועגונג׳ וואָס איז געוואָרן גאַנץ שטאַרק אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אָפּצוטיילן דעם ליטווישן סאָציאַליזם פֿון דעם פּוילישן; שפּעטער האָבן זיי ביידע גע־שפּילט אַן אָנפֿירנדיגע ראָלע אין דער ליטווישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע׳ און אין דער רעוואָלוציע פֿון 1905־טן יאָר. איז דאָמאַשעוויטש׳ ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן׳ געווען איינער פֿון די צענטראַלע פּאָליטישע פֿיגורן אין ליטע.

ווינטער 1894־95 האָט דעם וויכטיגסטן אָרט צווישן די פּויליש־ליטווישע קרייזלעך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען ס. טרוסעוויטש (״סטאַניסלאַוו״)׳ וואָס איז געקומען פֿון מינסק און איז שפּעטער געוואָרן באַוואוסט אונ־טער דעם פּסוידאָנים ״זאַלעווסקי״. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ גרויסן ״עבר״ פֿון טורמע. אין דער דעמאָלטיגער טעאָרעטיש שטאַרק צעשוואומענער ליטוויש־פּוילישער רעוואָלוציאָנערער סביבה׳ איז ער גע־ווען דער טרעגער פֿון דער באַשטימטער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע: דעריבער איז ער אונז געוואָרן נעהענטער. טרוסעוויטש פֿון זײַן זײַט האָט זיך צוגעצויגן צו אונז׳ ווײַל ער האָט געשטרעבט אַרײַנצוברענגען אין דער אָרטיגער פּראָפּאַגאַנדע אָטדי רעאַליסטישע יסודות׳ אויף וועלכע עס האָט זיך אָנגעהויבן באַזירן אונזער אַרבעט נאָכדעם׳ ווי מיר האָבן געמאַכט פֿאַרן צענטער די עקאָנאָמישע אַגיטאַציע. דעמאָלט איז טרוסעוויטש נאָך ניט געווען אויסגעמאַטערט פֿון דעם אונטערערדישן לעבן און פֿון די רדיפֿות. ער האָט נאָך ניט אַרויסגעוויזן אָטדי קרענקליכע נער־וועזיטעט׳ צוליב וועלכער עס איז שפּעטער געווען מוראדיג שווער צו אַרבעטן מיט אים.

עס זײַנען נאָך געווען אין ווילנע פֿאָרשטייער פֿון יענער רעוואָלוצ־יאָנערער פּאַרטיי׳ וואָס איז צו יענער צײַט געווען אין רוסלאַנד די איינ־ציגע ערנסט אָרגאַניזירטע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון אַ גרויסן מאַס־שטאַב. איך מיין דאָס די פּ. ס.׳ וואָס האָט זיך געגרינדעט אין סוף פֿון 1892־טן יאָר. איר פֿאָרשטייער אין ווילנע איז׳ דאַכט זיך׳ געווען ראַדזעוויטש. אָבער אין ליטע האָט׳ משמעות׳ די פּ. פּ. ס. דעמאָלט פֿאַר־פֿאָלגט מער ניט ווי קאָנספּיראַטיוו־אָרגאַניזאַציאָנעלע צילן און האָט נישט

געפּרובט צו פירן די אַרבעט צווישן דעם אָרטיגן פּראָלעטאַריאַט אין אַ ברייטער מאָס. דעריבער איז אונז נישט אויסגעקומען צו האָבן מיט איר אויפן געביט פון דער אַרבעט קיין שום באַרירונג. אַגב, האָבן מיר אויך אידעעל ניט סימפּאַטיזירט מיט דעם פּוילישן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך גענומען אויספורימען, פאַרקערט, מיר האָבן דורך אונזערע חברים, וואָס האָבן געלעבט אין וואַרשע, געהאַט באַציהונגען מיט די פּויליש מאַרקסיסטישע גרופּן, וועמעס פאַרשטייער עס איז געווען דער אָרגאַן „Sprawa Robotnicza“ אָטדער אָרגאַן האָט אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר דער „סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע“.

קאַפּיטל VI.

דער 1894־ער יאָר. — פּ. סטרובעס „קריטישע נאָטיצן“ און וו. אוליאַנאָוו־לענינס ערשטע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונג. — דער איבערבראָך אין דער ווילנער סאָציאַלדעמאָקראַטישער באַוועגונג. — „די בראָשור וועגן אַגיטאַציע“.

קריגנדיג פון דאָקטער אַ פּאַפּיר, אַז איך מוז זיך באַראַטן מיט ספּעציאַליסטן, האָב איך אין יאַנואר 1894 באַקומען פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַן ערלויבעניש צו זיין אַ חודש צייט אין פּעטערבורג.

חוץ דעם, וואָס איך האָב זיך געוואָלט זעהן מיט די עלטערן, האָב איך געשפּירט אַ באַדערפעניש צו באַנייען די באַציהונג מיט די חברים פון דער פּעטערבורגער גרופּע און קלאָר מאַכן די ווייטערדיגע ריכטונג פון איר טעטיגקייט.

קומענדיג אָבער, האָט זיך מיר מער נישט איינגעגעבן, ווי צו האָבן מיט זיי אַ פּאָר אָפּגעריסענע שמועסן און דערציילן איינער דעם אַנדערן דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט. פּלוצלונג זיינען צוויי מיטגלידער פון דער גרופּע, י. פּ. סטאַוראָווסקי און אי. די. סטאַווסקי, אַרעסטירט געוואָרן, אין דערזעלביגער נאַכט — דאָס איז געווען אויף מאָרגן, ווי איך בין געקומען קיין פּעטערבורג — האָט מען ביי מיר געמאַכט אַ רעוויזיע און מ׳האָט מיך אַוועקגעפירט אין דער „אָכראַנע אָטדעלעניע“. דאָרטן האָב איך געטראָפן עטליכע חברים, און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אין דערזעלביגער נאַכט זיינען פאָרגעקומען רעוויזיעס נאָך ביי אַ פּאָר צעהנדליג סטודענטן און קורסיסטקעס, וואָס האָבן געהערט צו יענע קרייזלעך, פון וועלכע

עס איז אַנטשטאַנען די אַזוי גערופֿענע „קאָרפּאָראַציע״ (ז. קאַפּ. 3).

דער פּועל יוצא פֿון דער אומגעלומפּערטער מעשה־„קאָרפּאָראַציע״ איז געווען דער, וואָס עס איז צעשטערט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פֿון מײַנע פּעטערבורגער פֿרײַנט. בײַ סטאַווסקין און סטאַוראָווסקין, וואָס זײַנען געווען שייך צו דערזעלביגער מעשה, האָט מען, בײַ דער הויז־זוכונג, צופֿעליג געפֿונען „טרייף־פּסול־זאַכן״ און מ׳האָט זיי אַרעסטירט. שפּעטער, אַז מ׳האָט זיי באַפֿרײַט, זײַנען זיי שוין בײדע צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט צוריק ניט געקומען. מ. וו. וואַסיליעוואַ איז געווען געצוואונגען צו לעבן אויף אַ דאָרף. ווי איך האָב געהערט, האָט זי שפּעטער געאַרבעט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און האָט געהאַט אַ שווערן פּראָצעס וועגן אַ געהיימער דרוקעריי. אַזוי אַרום זײַנען געבליבן מער ניט ווי האָפֿמאַן און טריניוכין, מיט וועמען איך האָב גערעדט וועגן דיזעלביגע פֿראַגן, וועגן וועלכע מיר פֿלעגן זיך דורכשרײַבן אין אונזערע פֿריערדיגע בריוו. פּרינציפּיעל זײַנען זיי געווען ניט שטאַרק קעגן, ווען איך האָב באַשטאַנען, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ סוף מיט דעם פּרוב פֿון צו שאַפֿן אַ צענטער אָהן אַ פּעריפֿעריע. זיי האָבן אָבער געוואָלט, פֿאַר דעם, ווי זיי וועלן קלאַפּן אַלס „תּלמידים״ אין די פֿאַרשלאָסענע טירן פֿון ראַטשענקאָס קרייזל, פּרובן אָרגאַניזירן אַן אייגענע גרופּע פֿאַר ליטעראַריש־פֿאַרלעגערישע טעטיגקייט און שאַפֿן אייגענע באַציהונגען מיט אַרבעטער. דאָס האָט ער געוואָלט דערגרייכן צווישן די דרוקער און איז אָנגעקומען צוליבדעם פֿאַר אַ קאָרעקטאָר אין אַ דרוקעריי. אָבער די סביבה פֿון די דרוקער איז דעמאָלט געווען ווייניג צוגעגרייט פֿאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע און דער איינציגער קרבן, וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן צו ברענגען מײַן חבר און אים געקאָסט אַ בראָשור, האָט נישט געהאַט קיין שום גייסט פֿון פּראָזעליטיזם. אַלס אַ נײַעם אַרבעטער פֿאַר דער גרופּע, האָט האָפֿמאַן געהאַט אין אויג דעם געקומענעם פֿון אויסלאַנד סטודענט יוריסט פּ. אַ. קראַסיקאָוו, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט און פֿון וועמען ער האָט שטאַרק געהאַלטן. צום אומגליק אָבער איז קראַסיקאָוו, מיט וועמען איך האָב זיך דעמאָלט פּאָרט ניט באַוויזן צו באַקענען און וואָס איז אין 1917 געוואָרן באַוואוסט אַלס איינער פֿון די באָלשעוויסטישע פֿירער, באַלד אַרעסטירט געוואָרן טאַקע פֿאַר זײַן נסיעה קיין אויסלאַנד, און איז נעלם געוואָרן פֿון דעם פּעטערבורגער האָריזאָנט.

נאָכדעם, ווי איך האָב באַנייט מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ. נ. פּאָטרעסאָוון, האָב איך אָנגעהויבן אָפֿט קומען צו אים, דערציילן אים וועגן מײַן אַרבעט אין ווילנע און דערגיין בײַ אים וועגן די שטרעמונגען און באַוועגונגען צווישן די אינטעליגענטיש־ליטעראַרישע קרייזן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַסך באַציהונגען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער קריגס־צוג מצד די נאַראָדניקעס קעגן די מאַרקסיסטן, און פּאָטרעסאָוו האָט נאָר געהאַט איין געדאַנק, וואָס שטאַרקער אָפּצוקלאַפּן דעם דאָזיגן אָנפֿאַל. איינמאָל דערציילט ער מיר, אַז הײַנט וועט בײַ אים פּ. ב. סטרובע לייענען אַ קאַפּיטל פֿון זײַנעם אַ בוך, וואו ער פֿאַרטיידיגט דעם רוסישן מארקסיזם. סטרובע איז טאַקע באמת געקומען, און אויסער אים דער אינזשענער ר. קלאַסין מיט זײַן פֿרוי, וואָס זיינען ניט־לאַנג געקומען צו פֿאָרן פֿון אויסלאַנד. סטרובע האָט איבערגעלייענט פֿאַר אונז אין דער קאָרעקטור (דאַכט זיך, אין דער צווייטער) אַ פֿילאָזאָפֿישן קאַפּיטל פֿון זײַן בוך, וואָס איז שפּעטער אַרויס אונטער דעם נאָמען „קריטישע נאָטיצן“ (קריטיטשעסקיע זאַמעטקי) און האָט אַנטוויקלט פֿאַר אונז דעם גאַנצן פּלאַן פֿון זײַן ווערק. שפּעטער האָב איך באַקומען ניט גאָר קיין גינציגן איינדרוק וועגן דער שטימונג פֿון דעם מחבר. ער האָט עפּעס אַזוי מאָדנע, מיט אַ שמייכל אַזאַ, דערמאָנט די צײַט, ווען „מיר האָבן געמאַכט פּאָליטיק“, מיינענדיג, אפֿנים, די צײַט, ווען ער האָט געשפּילט אַן אָנפֿירנדיגע ראָלע אין דער סטודענטישער פּאָליטישער באַוועגונג. זײַן זויערער שמייכעלע און דער גדלותדיגער טאָן האָט אָבער פֿאָרט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון יענע „גרויסע חכמים“, וועמעס רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויקייט עס האַלט שוין בכלל בײַ עושה־שלום.

איך האָב נאָך געפּרובט צו שטעלן זיך אין באַציהונג מיט די „זקנים“־קאָנספּיראַטאָרן אויך. איך האָב געמאַכט אַ גענויע אַנקעטע וועגן די מעטאָדישע פֿראַגן און וועגן די פֿאָרמען פֿון דער קרײַזל־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער. אין דער אַנקעטע זײַנען געווען פֿראַגן וועגן דעם טיפּ פֿון די קרײַזלעך גופֿא, וועגן דער סיסטעם, ווי אַזוי מ׳לערנט מיט זיי, זייער צונויפֿשטעל לויט עלטער און פּראָפֿעסיעס, וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די שיכטן, פֿון וועלכע עס באַשטייען די קרײַזלעך, וועגן די פֿאָרמען וויאַזוי עס ווירקן די קרײַזלעך אויף די מאַסן אין דעם סטיכישן עקאָנאָמישן קאַמף א. א. וו. אין דער הקדמה צו דער דאָזיגער אַנקעטע, האָב איך אַלס מיטגליד פֿון אַ פּראָווינציעלער גרופּע פֿון פּראָפּאַגאַנדיסטן, אָנגעוויזן

די פּעטערבורגער, ווי וויכטיג עס איז צו בייַטן זיך מיט אַזוינע ידיעות צווישן די פֿאַרשיידענע גרופּן און איך האָב, פֿון מייַן זייט, צוגעזאָגט געבן זיי אַ בילד פֿון אונזער אַרבעט אויך. דורך ל. נ. באַראַנסקאַיאַ האָב איך איבערגעגעבן מייַן אַנקעטע. ווי גרויס איז אָבער געווען מייַן אַנטוישונג, ווען זי האָט מיר זי אָפּגעגעבן צוריק און געזאָגט, אַז די גרופּע האָט נישט געקאָנט אויספֿילן זי, וואָרים פֿון די פֿראַגן גופֿא האָט די גרופּע געזעהן, אַז מיר האַלטן די פּעטערבורגער באַוועגונג פֿאַר אַסך אַ העכערע, ווי זי איז אינאמתן; אַז איז דערווירקלירכקייט זיינען די באַציהונגען פֿון דער גרופּע מיט איינצלנע אַרבעטער גאַנץ צופֿעליגע, אַז דאָס זיינען מער ניט ווי אַ גאָרנישטיגער טייל פֿון די פֿאַבריקן, און אַז עס לאָזט זיך דעריבער נישט קיין שום סיסטעמאַטישע קלאַסיפֿיקאַציע, וואָס וואָלט געקאָנט געבן אַ מאַטעריאַל פֿאַר וועלכע עס איז ידיעות; אַז אָטדער צופֿעליגער כאַראַקטער פֿון די באַציהונגען גיט קיין שום מעגליכקייט ניט, אַז די גרופּע זאָל קאָנען ווירקן אויף דעם גאַנג פֿון דעם סטיכישן עקאָנאָמישן קאַמף, און אַז זי קאָן דעריבער ניט משפּטן פֿעסט די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. איך האָב געמוזט אַוועקגיין מיט גאָרנישט און, קומענדיג קיין ווילנע, איבערגעבן די חברים, אַז די פּעטערבורגער אַרבעט איז ווייַט אָפּגעשטאַנען פֿון אונזערער, און אַז זי געפֿינט זיך נאָך אויף דער סאַמער ערשטער שטאַפּל פֿון אָנצוטאַפּן דעם באָדן צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט מצד די אינטעליגענטן. פּונקט מיט אַזאַ רעזולטאַט איז דעמאָלט געקומען צוריק פֿון אָדעס ז. ל. אייַזנשטאַט, וואָס איז געפֿאָרן אַהין אויף אַ קורצער צייַט און האָט זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט דער דאָרטיגער מאַרקסיסטישער גרופּע פֿון נאַכאַמקעס־ציפּעראָוויטשן. ניט אַנדערש איז געווען די לאַגע אויך אין כאַרקאָוו און אין מאָסקווע, פֿון וואַנען עס זיינען געקומען צו אונז די אָרטיגע סאָציאַלדעמאָקראַטישע טוער. מאַכנדיג דעם גאַנצן סך הכל, זיינען מיר געקומען צום אויספֿיר, אַז אין דער נאָענטסטער צייַט קאָן מען ניט רעכענען אויף אַ וויפֿיל עס איז שטאַרקער אַנטוויקלונג פֿון דער ס.־ד. באַוועגונג אין די גרויסע צענטרען. דאָ האָט נאָך אונזער אייגענע טעטיגקייט איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס: די אויפֿגאַבן פֿון אַ ריין קרייַזל־פּראָפּאַגאַנדע זיינען אויסגעשעפּט געוואָרן; פֿון דער אָרטיגער אַרבעטער־סביבה האָבן מיר, בפועל ממש, אַרויסגענומען אַלע עלעמענטן, וואָס וואָלטן געקאָנט דורכגיין דורך דער קרייַזל־שול, און מיר האָבן דעריבער געמוזט אַוועקשטעלן אונזער אַרבעט אויף עפּעס נייע יסודות. מיר האָבן געדאַרפֿט גיין מיט אייגענע וועגן, אַליין זוכן אַ נייע ליניע,

נישט קוקנדיג וואָס מיר האָבן געוואוסט, אַז, אין סאָציאַלער הינזיכט, אַרבעטן מיר צווישן אַן אָפּגעשטאַנענעם טייל פֿון פּראָלעטאַריאַט און וואָס אויך סוביעקטיוו האָבן מיר נישט געוואָלט גיין פֿאָרויס פֿין די גרויסע צענטרען, נאָר נאָך זיי. פֿרילינג 1894 האָבן מיר זיך דער עיקר פֿאַרנומען מיט דער דאָזיגער פֿראַגע און, איך האַלט, אַז דאָ ליגט צום טייל דער שורש פֿון דער ווענדונג אויף דער זײַט פֿון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּראָגראַם, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיט דעם איבערגאַנג פֿון די ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו דער מאַסנאַגיטאַציע, וואָס איז באַלד נאָך דעם אָנגעשטאַנען.

אין דעם פֿריערדיגן קאַפּיטל האָב איך אָנגעוויזן אויף די סתּירהדיגע רעזולטאַטן, וואָס האָבן זיך באַקומען פֿון דער לאַנג־יאָריגער קרײַזל־אַרבעט. דורך דער דאָזיגער אַרבעט האָבן, אמת, הונדערטער פּראָלעטאַריער געקראָגן בילדונג און זיי באַהעפֿט צו דער סאָציאַליסטישער אידעע. דאָס אָבער פֿלעגט זיי אויך ברענגען דערצו, אַז דווקא אַ טייל פֿון אונזערע בעסערע תּלמידים פֿלעגט זיך אָפּרײַסן פֿון זײַן קלאַס; דאָס פֿלעגט זיי מיטהעלפֿן אויך צו ווערן אַליין באַלעבאַטים (אָפּטמאָל פֿלעגן די מער פֿעהיגע תּלמידים צוגרייטן זיך און האַלטן עקזאַמען, אַלס „עקסטערנע" און אַריבערגיין צו דער אינטעליגענץ). דאָס וויכטיגסטע אָבער האָט די דאָזיגע אַרבעט געבראַכט דערצו. אַז פֿון די באַוואוסטזיניג־געוואָרענע אַרבעטער זאָל געשאַפֿן ווערן אַן אייגענע, פֿאַרשלאָסענע קרײַזל־וועלט, וואָס זאָל זײַן אַ קעגן־געוויכט צו דער ברייטער פּראָלעטאַרישער מאַסע, צו וועלכער מ׳קאָן נישט צוטרעטן מיט קיין בוך פֿון דאַרוויניזם און עקאָנאָמישע געזעצן. דאָס איז געווען איין טענדענץ. די אַנדערע, פּונקט דער היפּך, וואָס האָט געוואָלט פֿאַרוואַנדלען די קאַסעס פֿאַר געגנזײַטיגע הילף אין קאַמפּס־פֿאַראיינען — אָט די טענדענץ האָט, פֿאַרקערט, געפֿירט דערצו, אַז מ׳זאָל קאָנען ווירקן אויף די גאַנצע מאַסן. אָבער, ווי געזאָגט, איז דער שווערפּונקט פֿון אונזער אַרבעט, סײַ פֿון דער קאָלעקטיווער סײַ פֿון דער אינדיווידועלער, באַשטאַנען אויף צו אַנטוויקלען אַ צוויי־דרײַ הונדערט קרײַזל־אַרבעטער, אינדערצײַט ווען דאָס לעבן פֿון די טויזנטער, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין די קאַסעס און געשטאַנען אונטער זייער השפּעה, איז געגאַנגען מיט אַן אייגענעם וועג, ניט שפּירנדיג כמעט קיין שום השפּעה מצד אונז.

דעם גאַנצן ווינטער פֿון 1893־94 האָבן מיר אין דער צענטראַלגרופּע געמאַכט דעם סך הכל פֿון אונזער אַרבעט, קריטיש אויסגעפֿאָרשט די מעטאָדן און זיינען געקומען צו אַ זעהר שלעכטן רעזולטאַט. לויט דער אָביעקטיווער באַדײַטונג פֿון אונזער אַרבעט, דער ריין קולטורעלער, האָבן

מיר זי געשילדערט ניט זעלטן אין אַ קאַריקאַטור־פֿאָרם: נו איז וואָס, האָבן מיר אויסגעלערנט, סוף כּל סוף, עטליכע הונדערט אַרבעטער שרײַבן און לייענען און אויפֿגעהויבן זייער קולטורעלן ניוואָ, הייסט דען אָבער אָט־דאָס רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע אַרבעט? אינדערעמתן האָבן מיר, פֿאַרשטייט זיך, מגזם געווען: די פּאָזיטיווע סאָציאַליסטישע באַדייטונג אַפֿילו פֿון אַ קרײַזל־פּראָפּאַגאַנדע אין אַזאַ סביבה, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אָפּגעריסן פֿון יעטווידער היסטאָרישער באַוועגונג, איז געווען גענוג גרויס. וויכטיג איז געווען נאָר דאָס, אַז דעם פּאָזיטיוון רעזולטאַט פֿלעגט מען דערגרייכן דורך פּטרן נישט אין אַן ערך אַ גרעסערן סכום ענערגיע. על כּל פּנים, וואָס מער מיר האָבן זיך פֿאַרטיפֿט אין דעם אַנאַליז פֿון אונזער אייגענער אַרבעט און אין די רעזולטאַטן, אַלץ מער זיינען מיר געוואָרן דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז אויף צו פֿאַרענטפֿערן די הויפּט־אויפֿגאַבע — אויפֿצוהייבן דעם גאַנצן קלאַס אויף אַ העכערער מדרגה פֿון אַנטוויקלונג, — האָבן מיר זיך נישט געגעבן אַ רוק כּמעט אויף קיין האָר.

דער פּועל יוצא פֿון אונזערע דעבאַטן וועגן דעם און פֿון דעם טיילן זיך מיט דער ערפֿאַרונג איז געווען די איבערצייגונג, אַז דער מיטלפּונקט פֿון אונזער טעטיגקייט דאַרף פֿון איצט אָן ווערן די אַ ג י ט אַ צ י ע, און אַז די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט דאַרף ווערן אונטערגעוואָרפֿן אונטער דער דאָזיגער פֿונדאַמענטאַלער אויפֿגאַבע. די אַגיטאַציע האָבן מיר געהאַט בדעה צו פֿירן אויפֿן באָדן פֿון די טאָג־טעגליכע עקאָנאָמישע נויטן פֿון די אַרבעטערמאַסן, וואָס ברענגען זיי צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די אַרבעטגעבער. וועגן פֿירן די אַגיטאַציע אויפֿן באָדן פֿון אַנדערע געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגן — פּאָליטישע, בירגערליכע גלײַכבאַרעכטיגונג, נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, קולטורעלע פֿראַגן א. א. וו. — איז גאָר קיין רייד ניט געווען. מיר זיינען אינסטינקטיוו געגאַנגען אויף אָטדעם וועג, אויף וועלכן מיר האָבן געקאָנט האָבן דעם סאַמען קלענסטן פּסיכאָלאָגישן צוזאַמענשטויס. מיר האָבן געמוזט נעמען דעם מיטעלערן אַרבעטער אַזוי, ווי ער איז דעמאָלט געווען, אַ באַגרעניצטן מיט דעם אָנשויאונגס־קרײַז פֿון אָרט און פֿאַך און אָפּגעטיילט פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכן לעבן פֿון די אַנדערע קלאַסן מיט אַ טיפֿן תּהום. מיר זיינען אָבער געווען איבערצייגט, אַז נאָכדעם, ווי מיר וועלן אַרײַנציהען די מאַסן אין דעם סאָציאַלן קאַמף אויפֿן געביט פֿון די טאָג־טעגליכע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן, וועלן זיי דורך דעם פּראָצעס פֿון קאַמף ווערן צוגעגרייט אויף תּופֿס צו זײַן אויך אַנדערע געזעלשאַפֿטליך־פּאָליטישע שטרעמונגען, אַז דורך דעם דאָזיגן פּראָצעס גופֿא וועלן זיי

קומען אין באַרירונג מיט אַנדערע קלאַסן און וועלן קלאָר מאַכן זייער איי־גענע באַציהונג צו זיי. דעריבער איז פֿאַר אונז קיין שום ספק נישט גע־ווען, אַז אויפֿן נייעם וועג וועלן מיר קאָנען קומען דערצו, אַז מיר זאָלן זײַן אימשטאַנד צו שאַפֿן אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטערבאַ־וועגונג.

מאַכנדיק דעם דאָזיגן פּלאַן, האָבן מיר זיך אין אַ געוויסן פּרט סומך געווען אויף דער ערפֿאַרונג פֿון דעם װאַרשעווער „פֿאַראיין פֿון די פּויל־ישע אַרבעטער", וואָס האָט אין אָנהייב פֿון די 90־ער יאָרן אַנטוויקלט אַ ברייטע אַגיטאַציע אויפֿן געביט פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג און פֿון וועלכן עס איז אַרויסגעקומען די „סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי פֿון פּוילן און ליטע". מיר האָבן זיך אָבער אויך גערעכנט מיט דער קריטיק, וואָס די דאָזיגע פּאַרטיי האָט געמוזט אויסהערן מצד די פּוילישע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן. די קריטיק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז זי האָט צו שמאָל אָוועקגעשטעלט די אַגיטאַציע און אַז זי האָט אַנטוויקלט בײַ די מאַסן אַ פּאָליטישן אינדעפֿערענטיזם. מיר האָבן דעריבער געהאַלטן פֿאַר נויטיק, גלײַכצײַטיק מיט דער אינטענסיווער פּראָפֿעסיאָנעלער אַגיטאַציע, אויסאַר־בעטן אַ פּלאַן ווי צו פֿאַרשפּרייטן צווישן די מאַסן רעוואָלוציאָנער־פּאָלי־טישע אידעען. אויסערדעם האָט פּלעכאַנאָווס בוך „דער רוסישער אַר־בעטער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג", וואו ער שילדערט, ווי די בונטאָווטשיקעס ניצן אויס די באַוועגונג פֿון די שטרײַקן, אויך געהאַט אויף אונז אַ השפּעה. אָבער די גרעסטע לערע פֿאַר אונזער נייער טאַקטיק איז געווען אונזער אייגענע ערפֿאַרונג פֿון דעם קאַמף פֿון די האַנטווערקער־אַרבעטער פֿאַר דעם 12־שעהדיגן אַרבעטסטאָג. די דאָזיגע ערפֿאַרונג האָבן מיר נאָך דערגאַנצט דורך אַ גרינטליכן שטודירן די פּראַקטיק פֿון דער דײַטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געשטעלט אָטדי אויפֿגאַבע, האָבן מיר אָנגעצייכנט די דאָזיגע רעפֿאָרמען פֿאַר אונזער אַרבעט:

ערשטנס, מוזן די קאַסעס לחלוטין אומגעבויט ווערן אין קאַמפּס־פֿאַראיינען און מאַכן אַ סוף מיט דעם כאַראַקטער פֿון קאַסעס פֿאַר געגנזײַטיגער הילף.

צווייטנס, מוז צווישן דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישן צענטער און די דאָזיגע קאַסעס זײַן אַ דירעקטע פֿאַרבינדונג; דאָס דאַרף פֿאָרקומען דורך שטענדיגע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די אָנגעזעהענע טוער פֿון יעדער קאַסע „מיט די פֿאָרשטייער פֿון צענטער (דעם קרײַז פֿון די אַגיטאַטאָרן)".

דריטנס, מוזן זיך די קרײַזלעך צופּאַסן צו דער אויפֿגאַבע, אויף אויסצואַרבעטן אַרבעטערפֿירער פֿאַר אַ מאַסנבאַוועגונג; אין די קרײַזלעך דאַרף מען דעריבער אָננעמען נאָר אַזוינע אַקטיווע אַרבעטער, וואָס זײַנען מסוגל און נוטה אויף צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַגיטאַציע; די לימודים אין די קרײַזלעך דאַרפֿן באַפֿרייט ווערן פֿון דער אַקאַדעמישקייט און פֿון דעם שול־כאַראַקטער, זיי מוזן זיך דערנעהענטערן צום לעבן און

פֿערטנס, די לימודים גופֿא דאַרפֿן, דער עיקר, פֿאָרקומען אין יידיש כּדי מעגליך צו מאַכן, אַז אַלע פּראָלעטאַריער, וואָס זײַנען מסוגל צו אַגיטאַציע־אַרבעט, זאָלן קאָנען אַרײַן.

פֿאַר דער גרויסער צאָל מיטגלידער פֿון די קרײַזלעך, וואָס וועלן ניט אַרויסווײַזן קיין נטיה צו אַקטיווער אַגיטאַציע און וועלן, אויף אַזאַ אופֿן, בלײַבן מחוץ פֿון זיי, האָט מען געהאַט בדעה אײַנצואָרדענען פֿלוג־פֿאַרזאַמלונגען, וואו עס זאָלן ווערן געהאַלטן רעדעס, פֿאָרלעזונגען וועגן דער פּראָגראַם און וועגן די לויפֿנדיגע טאָג־טעגליכע פֿראַגן. כּדי אָנהייבן צו פֿירן די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע אויף יידיש, האָט מען באַשלאָסן אויפֿן סאַמע ענערגישסטן אופֿן זעהן צו באַשאַפֿן אין מאַנוסקריפּטן אַ פּאָפּולערע ליטעראַטור פֿון קאָמפּילאַציעס און איבערזעצונגען אויף יידיש, אויסערדעם שטאַרקער אויסניצן, ווי ביז איצט, די יידישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, וואָס איז אַרויס אין לאָנדאָן און אין ניו־אָרק. מיר האָבן נאָך אויך געהאַט בדעה צו באַאַרבעטן שטענדיג דעם מאַטעריאַל סיי וועגן דעם פּאָליטישן לעבן אַזוי אויך וועגן דער מערב־אייראָפּעאישער אַרבעטערבאַוועגונג. דעם דאָזיגן מאַטעריאַל, אין דער פֿאָרם פֿון צײַטונגס־אַרטיקלען, האָבן מיר גערעכנט דורך איבערשרײַבן אָדער העקטאָגראַפֿירן צו פֿאַרשפּרייטן אין אַסך עקזעמפּלאַרן און אַזוי אַרום פֿירן אַן אַגיטאַציע צווישן דער גאַנצער אַרבעטערשאַפֿט, וואָס איז אַרײַן אין אונזער אָרגאַניזאַציע.

אָבער ווינאָר מיר האָבן אָנגעהויבן באַקענען די אַרבעטער־קרײַזלעך מיט אונזערע רעפֿאָרמען, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד אַ באַדייטנדיגן רוב פֿון די מיטגלידער. מיט דעם געדאַנק, אַז פֿון איצט אָן וועלן זיך אין די קרײַזלעך גרופּירן מער ניט ווי אַגיטאַטאָרן, און אַז די לימודים אין די קרײַזלעך גופֿא וועלן ווערן אונטערגעוואָרפֿן דער אויפֿגאַבע פֿון אָנצופֿירן מיט אַ מאַסנבאַוועגונג, מיט אָט דעם געדאַנק האָט אַ גרויסער טייל פֿון דער אַרבעטעריוגנט ניט געקאָנט מאַכן שלום. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿאַר דער אַרבעטעריוגנט זײַנען די קרײַזלעך, אין אַ געוויסן פּרט, געווען אַ ציל פֿאַר זיך, אַן אָרט אויף צו קריגן

בּילדונג און דורך דעם זיך קאָנען אַמאָל אַרויסרײַסן פֿון דער פֿינסטערניש,
אין וועלכער עס האָבן געלעבט די אַרבֿעטערמאַסן. פֿון אָטדעם דאָזיגן
זעה־פּונקט האָט די יוגנט געקוקט אויף אונזער גאַנצער אַרבֿעט. דורך
די דעבּאַטן, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן אויף אַ ריי פֿאַרזאַמלונגען, איז
פֿאַר אונז, צום באַדויערן, אַנטפּלעקט געוואָרן, ווי ווײַט די שטימונג פֿון
די דאָזיגע אַרבֿעטער־קרײַזלעך איז ווײַט פֿון אונזערער. מיר האָבן געקוקט
אויף זיי, ווי אויף אַ העבל אויף צו ברענגען אין באַוועגונג דעם גאַנצן
קלאַס, ווי אויף אַ געווער אין די הענט פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע;
זיי אַ קעגן־זשע האָבן געקוקט אויף זיך גופֿא, ווי אויף פּערזאָנען, וואָס
הייבן זיך אויף פֿון אַן אָפּגעשטאַנענער מאַסע, וואָס שאַפֿן אַ נייע קולטורעלע
סביבה. דאָס וואָלט נאָך אָבער געווען אַ האַלבע צרה. דער אומגליק איז
געווען אין דעם, וואָס, פֿון דעם שטאַנדפּונקט, האָבן זיי זיך גאַנץ פּשוט
פֿאָרגעשטעלט אויך אַזוי דעם פּראָצעס פֿון ווײַטערדיגער אַנטוויקלונג פֿון
זייער קלאַס, זיי האָבן געהאַלטן, אַז דיזעלביגע בּילדונג און דיזעלביגע
נייע באַגריפֿן, וואָס זיי גופֿא האָבן באַקומען אין די קרײַזלעך, וועט אויך
דער גאַנצער קלאַס אַוועקגיין ווײַטער. מיט אַ פֿאַרוואונדערונג האָבן מיר
קאָנסטאַטירט, אַז זייער גאַנצער אַרט סאָציאַליסטישער דענקען איז אַ
אידיאַליסטישער, אַז זייער סאָציאַליזם טראָגט נאָך אַ לחלוטין אַבּסטראַקטן
און אוטאָפּישן כאַראַקטער, אַז זיי איז נאָך אינגאַנצן פֿרעמד דער געדאַנק,
אַז דורכן קלאַסנקאַמף וועט שוין במילא ווערן געענדערט די קולטורעל־
אָפּגעשטאַנענע סביבה, קעגן וועלכער זייער אייגענע סאָציאַלע דערוואַכונג
האָט שוין אָנגעהויבן ווערן ווי אַ פּראָטעסט. דערהויפּט האָבן געקערט
וועלטן די אַרבֿעטערינס. זיי זיינען געווען נאָך ווייניגער פֿאַר די מאַנסבּיל
פֿאַרכאַפּט פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער שטרייק־באַוועגונג, וואָס האָט פֿאָרט
אַ ביסל פֿאַרבעסערט זייער קרײַזל־פּסיכאָלאָגיע. פֿאַר אָטדי אַלע אָרימע
שנײַדערקעס, זאָקנמאַכערינס, וועשנייטאָרינס און קאָרבֿפֿלעכטערינס
האָבן אונזערע קרײַזלעך אויפֿגעעפֿנט אַ נייע וועלט פֿון איבערלעבונגען,
זיי האָבן זיי אַרײַנגעפֿירט אין אַ סביבה פֿון אינטעליגענטער קולטור.
מ׳האָט אָנגעהויבן לייענען די ביאָגראַפֿיעס פֿון די „נאַראָדאָוואָל־
ניקעס“, דאָבראָליובאָווס אין פּיסאַרעווס אַרטיקלען, פּאָמיאַלאָווסקעס,
אָמיליעווסקיס און שילער־מיכאַילאָווס ראָמאַנען, און מ׳איז געוואָרן פֿאַר־
כאַפּט. דאָס דאָזיגע לייענען האָט אַסך מער געווירקט אויף זייער סטרוק־
טור, ווי דיקשטיינס „וועך מיט וואָס עס לעבט“ אָדער אַקסעלראָדס און
פּלעכאַנאָווס בראָשורן. זעלבסטבילדונג, אין דעם העכסטן זין פֿון וואָרט,

איז געווען פֿאַר זיי דער „א" און דער „ת" פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג· דעריבער איז דער געדאַנק, אַז אָנשטאָט דעם שטענדיגן אַרבעטן איבער זיך, עס זאָל פֿון מיר ווערן „אַ קריטיש־דענקענדיגער מענטש" וועט מען אָנהייבן אויסקלייבן אַגיטאַטאָר־טאַלענטן און באַוואָפֿענען זיי מיט דעם מינימום קענטעניש, וואָס איז נויטיג אויף צו האָבן אַ גיכע השפעה אויף די מאַסן, געווען פֿאַר זיי ממש אומדערטרעגליך·

די פֿײַנטליכע שטימונג קעגן די רעפֿאָרמען האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אויסדריקן אויף אין אַנאָנימע פאַמפלעטן. אונטערן נאָמען „בריוו צו די אינטעליגענטן" האָבן זיי זיך אָנגעהויבן שטאַרק פֿאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער און אַרויסרופֿן אַ גרויסע אויפֿרעגונג· דער מחבר פֿון די פּאַמפֿלעטן, איז בלתי ספק געווען אַ פּאָליטיש באַגאַבטער, הגם אַ קאַזואיסט, און אַרויסגעוויזן אַן אייגנאַרטיגע ערודיציע פֿון אַ אין זיך זיכערן אויטאָדידאַקט, איז אָנגעפֿאַלן אויף אונזער גאַנצער רעפֿאָרם־פּראָגראַם, קריטיקירנדיג ניט נאָר די מעטאָדן, נאָר אַפֿילו די צילן גופֿא· דער יסוד פֿון דער קריטיק איז געווען לאַווראָווס געדאַנק, אַז דער פּראָגרעס באַשטייט אין אויסאַרבעטן „קריטיש־דענקענדיגע מענטשן" און אַז זייער צאָל זאָל וואָס מער וואַקסן (מיט ציטאַטן פֿון די „היסטאָרישע בריוו" זײַנען געווען די דאָזיקע פּאַמפֿלעטן אָנגעפּאַקט)· אָנווענדנדיג דעם דאָזיגן פּרינציפּ אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַרבעטערבאַוועגונג, האָט דער מחבר פֿון די „בריוו" אָנערקענט די קרײַזל־פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר דער איינציגער ראַציאָנעלער פֿאָרם, וויאַזוי די סאָציאַליסטן וועלן קאָנען ווירקן אויפֿן פּראָלעטאַריאַט· דער עיקר אין די דאָזיגע „בריוו" אָבער איז געווען ניט נאָר אָטדער אייגפֿאַכער געדאַנק, זיי האָבן געגעבענט פֿון אַ פֿלאַמיגן אויפֿוואַרפֿן אונז אונזערע אייגענע שטרעמונגען, דער מחבר האָט אונז געשילדערט אַלס פֿאָרשטייער פֿון אַ בורזשואַזער שיכט, וואָס איז פֿרעמד דעם אַרבעטערקלאַס, אַ שיכט, וועמען ס'איז אײַנגעפֿאַלן אויסצוניצן די אַרבעטער פֿאַר אייגענע צילן, פֿאַרוואַנדלען זיי אין האַרמאַטנפֿלייש פֿון דער רעוואָלוציע,—אָט צוליב וואָס מיר ווילן ניט דערלאָזן די אַרבעטער איינגאַנצן צו אַנטוויקלען זיך, ווײַל מיר זאָלן קאָנען אויף אייביג פֿאַרפֿעסטיגן די אייגענע פּאָליטישע הערשאַפֿט אין דער אַרבעטערבאַוועגונג· קעגן אָטדער טענדענץ האָט ער געוויזן די שיטה פֿון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וועלכע איז מחיב די אינטעליגענטן, וואָס גייען אַרויס פֿון דער בורזשואַזיע, אָפּצוגעבן, אָהן קיין שום חקירות, דעם פֿאָלק וואָס עס קומט אים און איבערגעבן אים די גאַנצע אייגענע בילדונג· דער מחבר האָט אויסגעפֿירט, אַז מיר דאַרפֿן זיך אָפּזאָגן

פֿון דער תּביעה אויף אָנצופֿירן מיט דער אַרבעטערבאַוועגונג און אַז מיר דאַרפֿן קוקן אויף זיך, ווי אויף אַן אַרבעטס־אַפּאַראַט, וואָס איז אין רשות פֿון די פּראָגרעסיווע אַרבעטער, וועלכע שלאָגן זיך אַרויס פֿון דער פֿינסטערנישׁ.

אָטדאָס אַלץ איז געווען אָנגעשריבן זייער שקציש, מיט אַ גאַנץ גרויסן פּאַטאָס און דעמאַגאָגיע, כּדי אַראָפּצעוואַרפֿן דעם יאָך פֿון דער אינטעליגענץ, וואָס זוכט נאָר איר טובֿה. עס איז אונז געווען לײַכט צו דערגיין, ווער דער מחבר איז פֿון די דאָזיגע שרײַבעכצען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ ב ר ה ם ג אָ ר ד אָ ן („אַברהם רעזשטשיק"). נאָך אין דער איבערגאַנגס־צײַט, בעת עס האָבן נאָך אין ווילנע געאַרבעט צוזאַמען די „נאַראָדאָוולצעס" און די סאָציאַלדעמאָקראַטן, האָט ער זיך באַטייליגט אין דער אַרבעטערבאַוועגונג, בײַ אונז האָט ער קיין אָנטייל נישט גענומען. אַן אָנגעלייענטער און אַ פֿעהיגער, האָט ער געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון עפּעס אַ פֿאַרביסענעם מענטשן; זײַן וועלט־אָנשויאונג, די מטושטשדיגע און נעפּלדיגע, האָט זיך צונויפֿגעשטוקעוועט פֿון ברעקלעך „נאַראָדניטשעסטווע" און ווינסשאַפֿטליכן סאָציאַליזם.

פֿון די פּאַמפֿלעטן איז אַ. גאָרדאָן אַריבער צו אָפֿענע אַרויסטרעטונגען אויף פֿאַרזאַמלונגען, וועלכע ער פֿלעגט ספּעציעל צונויפֿרופֿן. שפּעטער האָבן מיר אויך אָנגעהויבן קריגן אַ צוטריט צו זיי. די דעבאַטן אויף די דאָזיגע פֿאַרזאַמלונגען האָבן באַלד אָנגענומען אַ זעהר פֿאַרביטערטן כאַראַקטער, וואָס אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס געווען צו פֿאַרדאַנקען דער פֿאַרביסנקייט און דער דעמאַגאָגיע פֿון גאָרדאָנען גופֿא. דעם ערפֿאָלג אויף די דאָזיגע פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגט ער דאָס רובֿ האָבן: אונזערע אַרבעטער, דערהויפּט די אַרבעטערינס, פֿלעגן מיט דער גרעסטער נייגעריגקייט צוהערן, ווי ער פֿלעגט אונז מוסרן. עס האט זיך אים, אגבֿ אורחא, איינגעגעבן צו האָבן אַ נצחון אויך אויף די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען פֿון אייניגע קאַסעס. קעגן אונזער ווילן האָט ער אַריבערגעטראָגן דעם סכסוך אויך אַהין.

אין די דאָזינע דעבאַטן האָט וואָס ווײַטער אַלץ מער און מער אָנגעהויבן פֿאַרנעמען אַ וויכטיגן אָרט די פֿראַגע, אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך מיר דאַרפֿן פֿירן אונזער פּראָפּאַגאַנדע. אויב אונזערע אַרבעטער האָבן אַ־סך פֿראַגן פֿון דער רעפֿאָרם בכלל ניט געקאָנט פּסיכאָלאָגיש פֿאַרדייען האָט אָבער דער געדאַנק, אַז מ׳זאָל אָנהייבן פֿירן די גאַנצע, אָדער כּמעט די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אויף יידיש, אַרויסגערופֿן צווישן זיי ממש אַ סטיכישע אויפֿגעבראַכטקייט. סובּיעקטיוו איז דאָס געווען ווי אַ

פּראָטעסט קעגן אונזער פּרוב פֿון איבערצורײַסן דעם פּראָצעס, אַז פּראָלעטאַרישע יחידים זאָלן זיך באַהעפֿטן צו דער אַלגעמײנער אײראָפּעאישער סאָציאַליסטישער און צו דער רוסישער דעמאָקראַטישער קולטור, ווי דאָס איז געווען מעגליך פֿאַר די פֿריערדיגע קרײַזל־אַרבעטער. אָטדעם פּראָצעס האָבן די אַרבעטער גופֿא באַטראַכט, אויב ניט פֿאַר דעם הויפּטציל, איז פֿאַר דעם וויכטיגסטן ציל פֿון אונזער אַרבעט. אָביעקטיוו ווידער, איז דאָס געווען אַ טענה, אַז דורך דעם וועט אונזער פּאַרטײ־אַרבעט ווערן אָפּגעריסן פֿון יענעם פּראָצעס פֿון קולטורעלער אַסימילאַציע, וואָס איז אין די גרעסערע שטעט פֿון ליטע (און אויף דרום נאָכמער) דורכגעפֿירט געוואָרן בײַ אַ באַשטימטן טייל פֿון דעם יידישן אינדוסטריע־און האַנדלס־פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ געווער אין דעם קאַמף פֿאַרן קיום. דעריבער איז דער ווידערשטאַנד פֿון צו „פֿאַראידישן" אונזער פּאַרטײ־אַרבעט געווען אַ זעהר האַרטנעקיגער און שאַרפֿער. די אַרבעטער פֿלעגן אויף די פֿאַרזאַמלונגען אויפֿוואַרפֿן אונז אין פֿלאַמיגע רעדעס, אַז מיר שטרעבן צו באַגרעניצן זײער וועלט־אָנשויאונג מיט אַן ענגן קרײַז פֿון אָטדער עלעמענטאַרער אַנטוויקלונג, וואָס מ'קאָן דערגרייכן פֿון אַגיטאַציע־ליטעראַטור און פֿון פּאָפּולערע ביכלעך. מיר פֿלעגן זיך פֿאַרטײדיגן און צוזאָגן, אַז כל זמן עס וועט ניט זײַן קײן גענוגנדיגע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש, וועלן מיר זעהן די מער אַקטיווע אַגיטאַטאָרן אויסצולערנען רוסיש. אָבער אין דערזעלביגער צײַט פֿלעגן מיר זײ דערווײַזן, אַז אַלס רעוואָלוציאָנערע פּאַרטײ, וואָס שטרעבט צו דערוועקן דעם קלאַסן־באַוואוסטזײַן בײַ די מאַסן, דערוואַרטן מיר, אַז דער גײַסטיגער ניוואָ פֿון די מאַסן וועט דורכדעם גופֿא ווערן העכער, און ניט דערפֿון, וואָס מיר וועלן פֿירן די קלײנע אַרבעט פֿון גײַסטיג אַנטוויקלען פּריווילעגירטע יחידים: אַז נאָכדעם, ווי דער פּראָלעטאַריאַט וועט אויסקעמפֿן פֿאַר זיך אַ בעסערע סאָציאַלע פּאָזיציע, וועט ער קאָנען דערשלאָגן זיך, אַז ער זאָל אויפֿן חשבון פֿון דער מלוכה (דורך שולן, דורך אויסער־שול־בילדונג וכדומה) קאָנען דערגרייכן צו דער העכערשנדיגער קולטור אויך. אויף דעם פֿלעגט מען אונז האַלטן אין אײן ענטפֿערן: אָבער טשערנישעווסקין, פּיסאַרעוון און דאַרווינען וועט איר דאָך ניט איבערזעצן אויף יידיש, און זײ פֿלעגן דערווײַזן, אַז כדי צו ווערן סאָציאַליסטיש באַוואוסטזיניג איז פּונקט אַזוי נייטיג צו לײענען אָטדי מחברים, ווי לײענען מאַרקסן, לאַסאַלן און בעבעלן.

עס וואָלט געווען זעהר נאַטירליך, ווען די דעבאַטן, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען אויף אָטדער פֿלאַכקײט, וואָלטן דערפֿירט דערצו, אַז עס זאָלן

זיך אויסקריסטאַליזירן צוויי קעמפֿנדיקע טענדענצן לויט זייער פּרינציפּ: נאַציאָנאַליזם — אינטערנאַציאָנאַליזם. דאָס איז אָבער נישט געשעהן. אין יענער תּקופֿה זיינען מיר צוגעגאַנגען צו דער פֿראַגע אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך מ'דאַרף פֿירן די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע נאָר פֿון דעם שטאַנדפּונקט, ווי צו האָבן אין די הענט דעם בעסטן כלי־זיין — און מער נישט. געוויס האָט דער קאַמף גופֿא פֿאַרן „זשאַרגאָן", אַלס פֿאַרן בעסטן כלי־זיין, אין אַ געוויסן פּרט מיטגעהאָלפֿן, אַז עס זאָל דערוועקט ווערן דער „נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַוואוסטזיין" צווישן די קעמפֿער גופֿא. דאָס אָבער האָט זיך ערשט שפּעטער אַרויסגעוויזן. פֿון דער אַנדער זייט ווידער האָט דער אינדיווידואַליסטישער און ראַציאָנאַליסטישער שטעלן פֿון דער גאַנצער פֿראַגע ביז צו אַ מינימום פֿאַרשמעלערט דעם האָריזאָנט פֿון דעם קאַמף און נישט דערלאָזן צו קיין פּאָליטישער באַגרעניצונג פֿון דער קאַמף־פּאָזיציע. אָנשטאָט דעם, האָט דער דעמאַגאָג גאָרדאָן אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע אויף אַ לחלוטין פֿאַלשן באָדן, אויפֿוואַרפֿנדיק דער „אינטעליגענץ", אַז זי וויל הערשן איבער דעם פּראָלעטאַריאַט, און זי שטיצט זיך אויף דעם, וואָס פֿאַר די אַרבעטער איז נישט צוטריטליך די שפּראַך פֿון די געבילדעטע לייט.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, דער סוף אָבער איז געווען, אַז מיר זיינען אויף אַ קורצער צייט געווען באַזיגט. אַ געוואַלטיגע מערהייט פֿין די אַרבעטער פֿון די קרייזלעך האָט זיך ניט נאָר וואָס אָפּגעזאָגט צו גיין נאָך אונז, נאָר האָט אָנגעהויבן אַפֿילו צו סאַבאָטירן אונזער רעפֿאָרם, בעת מיר האָבן זי געפּרובט דורכפֿירן מיט אונזערע אייגענע כּוחות און מיט דער הילף פֿון אַ געוויסן טייל פֿון אונזערע תּלמידים. די ניי־געשאַפֿענע קרייזלעך האָט די „אָפּאָזיציע" אַראָפּגעריסן און האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז די מיטגלידער פֿון די דאָזיגע קרייזלעך האָבן געשטעלט די אָנפֿירער אַ פֿאָדערונג, אַז מ'זאָל אָנהייבן פֿירן די לימודים אויף רוסיש און אויך לערנען די רוסישע שפּראַך. אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די קאַסעס, וואו מיר פֿלעגן פּרובן, אין הסכּם מיט אונזער פּראָגראַם, אַוועקצושטעלן אַ סיסטעמאַטישע אַגיטאַציע אויפֿן געבּיט פֿון די טאָג־טעגליכע עקאָנאָמישע פֿאָדערונגען, האָט זיך די אָפּאָזיציע פֿאַרנומען נאָר מיט איין פֿאַרביטערטן שטראָפֿן די אינטעליגענץ. אַזוי אַרום האָט זיך די גאַנצע אַרבעט אָנגעהויבן צו דעזאָרגאַניזירן.

ביי אָטדער געשאַפֿענער לאַגע האָבן מיר געמוזט אַ טראַכט טאָן וועגן טעאָרעטיש צו מאָטיווירן אונזער פּראָגראַם. ס. גאָזשאַנסקי האָט אָנגעשריבן אויף יידיש „בריוו צו די אַגיטאַטאָרן". אין די דאָזיגע „בריוו" האָט ער

אין אַ פּאָפּולערער פֿאָרם דערקלערט דעם תּוך און די מעטאָדן פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעט, האָט אָפּגעוואָרפֿן די טענות פֿון דער „אָפּאָזיציע“ און האָט באַגרינדעט אונזערע פּראַקטישע רעפֿאָרמען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיגע בריוו זיינען נאָך געווען צו ווייניג. מ׳האָט געמוזט האָבן אַ מער סיסטעמאַטישע באַגרינדונג פֿון אונזערע שטרעמונגען אין שייכות מיט די גרונטאויפֿגאַבן פֿון דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס פֿאַר יעדן רוסישן מאַרקסיסט איז געווען קלאָר. מיר האָבן געשפּירט, אַז מיר קומען אַלס באַנייער אין דער פּאַרטיי און אַז עס ליגט אויף אונז דער חוב צו פּראָפּאַגאַנדירן יענע נייע מעטאָדן, צו וועלכע עס האָט אונז דערפֿירט די ערפֿאַרונג. אַלס רעזולטאַט דערפֿון האָט אַ׳ קרעמער געבראַכט עפּעס אַ מין רעפֿעראַט, וואו ער טעאָרעטיש און פּראַקטיש באַגרינדעט אונזער פּאָזיציע. נאָכדעם, ווי מיר האָבן אין דער צענטראַלגרופּע באַטראַכט דעם דאָזיגן רעפֿעראַט, האָבן מיר אים אָנגענומען, לויט זיין תּוך נאָך, אַלס אונזער פּראָגראַם, אַזוי צו זאָגן. היות אָבער, ווי ער איז געווען אומגעשיקט געבויט, האָט מען מיר אים איבערגעגעבן אויף צו באַאַרבעטן. פֿון מיין רעדאַקציע בין איך געווען זעהר צופֿרידן: איך האָב אָנגערירט זעהר ווייניג קרעמערס אָריגינאַל, מער ניט אַרויסגעוואָרפֿן די צולאַנגע שטעלן און די ערטער, וואו ער האָט זיך איבערגעחזרט. גלייכצייטיג האָב איך אַריינגעגעבן, דאַכט זיך, צוויי זייטלעך, וואו איך האָב צוזאַמענגעפּאַסטערהייט כאַראַקטעריזירט יענעם מעכאַניזם, מיט וועלכן דער קאַפּיטאַליזם ברענגט אין באַוועגונג דעם פּראָלעטאַריאַט און אַרבעט אויס די הנחות אויף אַ ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פֿון דער דאָזיגער באַוועגונג. אויף אַזאַ אופֿן, האָט דער צענטראַלער טייל פֿון כּתב־יד, וואָס האָט געשילדערט ווי אַזוי עס דאַרף זיך אַלץ מער און מער פֿאַרטיפֿן די אַגיטאַציע, וועמעס ציל עס איז צו אָרגאַניזירן אונטער דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פֿאָן דעם קאַמף פֿון דעם אַרבעטערקלאַס קעגן דעם צאַריזם, — אָטדער צענטראַלער טייל האָט באַקומען דורך דעם אַ מער פּרינציפּיעלע באַלויכטונג. די חברים האָבן אָנגענומען מיין רעדאַקציאָנעלע אַרבעט, און מיר זיינען צוגעטראָטן צו באַקענען מיט דעם כּתב־יד אונזערע אַרבעטער און צו צושיקן קאָפּיעס אין אַלע שטעט, מיט וועלכע מיר זיינען געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג.

שוין אין דעם קומענדיגן יאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער געדאַנק, וועלכן מיר האָבן אַנטוויקלט אויפֿן סמך פֿון אונזער ערפֿאַרונג, איז געווען אין הסכּם מיט דער שטימונג, וואָס האָט אָנגעהויבן הערשן צווישן אַלע

מאַרקסיסטישע גרופּעס, נאָכדעם, ווי ס'איז אַריבער זייער ערשטע באַגייסטערונג פֿון דער קרײַזל־פּראָפּאַגאַנדע. קרעמערס בראָשור האָט געוויזן אַ גרינטליכן קאָנקרעטן פּלאַן, ווי מ'זאָל אַריבערגיין פֿון דער אַבסטראַקטער קרײַזל־פּראָפּאַגאַנדע צו יענעם פּאָליטישן מאַסנקאַמף קעגן דעם צאַריזם וואָס צו אָרגאַניזירן אים האָט מען פּה אחד געהאַלטן איז די אויפֿגאַבע פֿון דער פּאַרטיי. די השפּעה פֿון דער „ווילנער פּראָגראַם" אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרײַזן איז געוואָרן אַ געוואַלטיגע נאָך איידער זי איז אַרויס אין אויסלאַנד מיט פּ. ב. אַקסעלראָדס הקדמה.

וועגן די חסרונות פֿון דער בראָשור און וועגן דער איינזײַטיגקייט פֿון אונזער דעמאָלטיגן סאָציאַליסטישן דענקען, דאַרף מען איצט נישט ריידן. אין אַ טאַקטישער פֿאָרם האָט אָנגעוויזן אויף דעם ג. וו. פּלעכאַנאָוו אין זײַן „זאַריאַ" אין 1901. אַקסעלראָד, פֿאַרקערט, האָט אָנווײַזנדיג אין דער דערמאָנטער הקדמה די היסטאָרישע פֿאַרדינסטן און די מעלות פֿון דער בראָשור, מער ניט ווי געגעבן צו פֿאַרשטיין מיט אַ וואונק, אַז נישט אַלץ איז ריכטיג, ווי מיר זאָגן, און אַז געוויסע פּונקטן קאָן מען קריטיקירן. דאָס אויג פֿון די זקנים־עמיגראַנטן האָט באַמערקט די נישקשהדיגע באַגרעניצטקייט פֿון אונזער פּאָליטישן האָריזאָנט, וואָס איז געווען דער פּועל יוצא פֿון דער נאָך ניט אָפּגעלעבטער עפּאָכע פֿון פֿולשטענדיגער גזעלשאַפֿטליכער אַפּאַטיע. מיר האָבן דאָגמאַטיש און דאָקטרינער געהאַלטן, אַז די אַנטוויקלונג פֿון דער רוסישער אַרבעטערבאַוועגונג קומט פֿאָר צוליב אַן אײַזערנער לאָגיק, און אַז די דאָזיגע אַנטוויקלונג וועט פֿאָרקומען בײַ אַ ניט קיין געענדערטן צושטאַנד פֿון די באַציהונגען פֿון די קלאַסן. טעאָרעטיש איז דער דאָזיגער דאָקטרינעריזם געווען אַ שוואַכקייט, פּראַקטיש אָבער האָבן מיר געצויגן דערפֿון אונזער קראַפֿט. עס האָט אונז אָנגעשטעקט מיטן גלויבן, אַז, סוף כּל סוף, וועלן מיר, אַרבעטנדיג לגמרי אַליין מער ניט ווי אין אַן ענגער סביבה פֿון אוממיטלבאַרע געגנזײַטיגע באַציהונגען פֿון די קאַפּיטאַליסטן און די אַרבעטער, געפֿינען דעם אָנהאַלטס־פּונקט מיט וועמעס הילף מיר וועלן איבערקערן דעם צאַריסטישן רוסלאַנד־ערשט שפּעטער, אין דעם פּעריאָד פֿון דעם „עקאָנאָמיזם" האָט די דאָזיגע איינזײַטיגקייט אָנגעשטאָט צו העלפֿן די ערפֿאָלגן פֿון קאַמף, אָנגעהויבן צו פּאַראַליזירן זיי.

אַרויסטרעטנדיג, אויף אַזאַ אופֿן, אין דער ראָל פֿון אַ גייסטיגן אַוואַנגאַרד פֿון אַלע רוסישע מאַרקסיסטישע גרופּן, האָבן מיר בײַ זיך אין דערהיים גופֿא, אין ווילנע, אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן דעם באָדן פֿון אונטער די פֿיס. די אַרבעט איז געוואָרן לחלוטין צעשטערט, אונזער קאָנפֿליקט

מיט די אַרבעטער האָט זיך אַלץ מער און מער פֿאַרשאַרפֿט. איך האָב דער־ריבער געקאָנט נעמען רוהיג אַ חודש צײַט אורלויב בײַ די חברים און זיך נאָכאַמאָל דורכפֿאָרן קיין פּעטערבורג (ווײַטער מיטן זעלביגן תּירוץ, אַז איך בין קראַנק). נאָך איידער איך בין אַוועקגעפֿאָרן האָב איך זיך געפּרובט באַטייליגן אין דער לעגאַלער פּרעסע. אין דער דײַטשער „נײַע צײַט" האָב איך איבערגעלייענט אַן אַרטיקל פֿון דעם יונגן מאַרקסיסט ה. קונאָ וועגן די פֿאַמיליען־פֿאַרהעלטענישן פֿון די אַוסטראַליער. דאָס איז געווען אַ ווערט־פֿולע דערגאַנצונג צו דעם מאַטעריאַל, וואָס ענגעלס האָט גענומען בײַ מאָרגאַנען, אויפֿבויענדיג זײַן טעאָריע וועגן דער עוואָלוציע פֿון דער פֿאַ־מיליע. איך האָב איבערגעזעצט דעם אַרטיקל אויף רוסיש, צוגעגעבן אַ ריי קאָמענטאַרן, וואו עס זיינען אויך געווען ציטאַטן פֿון מאָרגאַנען און איך האָב דאָס אַוועקגעשיקט אין מ. מ. פֿיליפּאָווס פּאָפּולערער „וויסנשאַפֿט־ליכע איבערזיכט" (נאַאוטשנאָיע אָבאָזרעניע). דער רעדאַקטאָר האָט אָפּגע־דרוקט דעם אַרטיקל, און, בעת איך בין געקומען קיין פּעטערבורג, האָט ער מיר צוגערעדט, אַז איך זאָל ווײַטער פֿאָרזעצן מײַן ליטעראַרישע אַרבעט.

קיין פּעטערבורג האָט מיך געצויגן דער אָנהייב פֿון דער ליטעראַרישער אויפֿלעבונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פּ. ב. סטרובעס „קריטישע נאָטיצן". דאָס איז געווען די ערשטע פֿאַרקערפּערונג פֿון דעם „סימוואָלישן גלויבן" פֿון די רוסישע מאַרקסיסטן אין אַ לעגאַלער פּרעסע. באַגריסנדיג אין סטרובעס בוך זײַן אומברחמנותדיגע קריטיק פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿון די נאַראָדניקעס, האָב איך און מײַנע חברים זיך באַצויגן ניט אַזוי שטרענג צו יענע „אַפּיקורסים", ווי עס האָט זיך באַצויגן דער מחבר פֿון דעם שטאַנד־פּונקט פֿון דער מאַרקסיסטישער אָרטאָדאָקסיע. מיר האָבן אים אויך מוחל געווען דעם קאָקעטירן מיט דער גרויסער בקיאות אין עקאָנאָמישער וויסנשאַפֿט און זײַן געגאַשטן טאָן פֿון אַ מלוכה־מאַן. דער גדלותדיגער צורוף אויף „אויסצוהעלפֿן דעם קאַפּיטאַליזם" האָט מיר פּערזענליך נישט געאַרט, איך האָב אים פֿאַרשטאַנען אין סאָציאָלאָגישן זין און ניט, אַז דער מחבר מיינט די פּאָליטישע העגעמאָניע פֿון קאַפּיטאַל ביים באַפֿרײַען רוסלאַנד.

די פּעטערבורגער פֿרײַנט און חברים האָבן זיך אַסך קעלטער באַ־צויגן צו דער ליטעראַרישער געשעהעניש, ווי דאָס האָט געדאַרפֿט זײַן אינ־דעראמתן. די אָנגעוויזענע טענדענצן האָבן זיי אַסך שאַרפֿער קריטיקירט.

מיט דער הילף פֿון מײַנע פֿרײַנט האָב איך פֿאַרשפּרייט צווישן דעם פּעטערבורגער עולם אונזער בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך. די דאָזיגע בראָשור האָבן געלייענט און באַטראַכט אַלע

סאָציאַלדעמאָקראַטישע קרײַזלעך, וועלכע האָבן זיך זעהר פֿונאַנדערגעוואַקסן זינט איך בין דעם לעצטן מאָל געוועזן, און זי האָט געהאַט אַ זעהר גוטן קבלת פּנים. דערהויפּט האָט מען זיך מיט איר שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דעם קרײַזל פֿון די טעכנאָלאָגן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום אי. וו. טשערנישעווסקי. זײַן פֿיגור האָט דעמאָלט שטאַרק געלויכטן אויפֿן אָריזאָנט פֿון די פּעטערבורגער קרײַזלעך.

פֿון זייער זײַט, האָבן מיר מײַנע פֿרײַנט דערלאַנגט אַ פּעטערבורגער ליטעראַרישע נײַס, אַ זעהר גוט העקטאָגראַפֿירטע. דאָס איז געווען אַ בראָשור פֿון דריי טיילן, וואָס האָט געהייסן: „ווער זיינען די פֿרײַנט פֿון פֿאָלק און ווי אַזוי קעמפֿן זיי קעגן די סאָציאַלדעמאָקראַטן?“. די דאָזיגע בראָשור האָט מיט גאַל כאַראַקטעריזירט די טעאָריע און די פּאָליטישע טענדענצן פֿון די עפּיגאָנען פֿון די נאַראָדניקעס, און נאָך סטרובעס אַקאַדעמישן ספֿר האָט פֿון איר געוויהט מיט אמתער רעוואָלוציאָנערער לײַדנשאַפֿט און מיט אַ גראָבקייט, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער דעמאָקראַטישער פּאָלעמיק פֿון די 60־ער יאָרן. ניט קוקנדיג אויף דער געוויסער שווערקייט פֿון סטיל, אויף דער שלעכטער אַרכיטעקטאָניק פֿון די אַרטיקלען און אויף איינצלנע גיך רייף געוואָרענע געדאַנקען, האָט מען פֿון דער בראָשור געקאָנט זעהן, אַז דאָס האָט געשריבן אַ מענטש מיט אַ ליטעראַרישן טאַלענט און אַ רײַפֿן פּאָליטישן געדאַנק, און אַז ער איז געבויט פֿון אָטדעם מאַטעריאַל, פֿון וועלכן עס ווערן געשאַפֿן פֿירער פֿון פּאַרטייען. איך האָב געוואָלט דערגיין ווער דער מחבר איז, אָבער די קאָנספּיראַציע איז דעמאָלט געווען אַזוי שטאַרק, אַז האָב זיך קיין זאַך נישט געקאָנט דערוויסן, ווי נאָר דאָס, אַז די בראָשור שטאַמט קענטיג פֿון דער גרופּע „זקנים“. ערשט שפּעטער, אין אַ יאָר אַרום, האָב איך דערהערט דעם נאָמען פֿון וו. אי. אוליאַנאָוו (לעניו).

בעת איך בין געווען אין פּעטערבורג איז געשטאָרבן אין קרים אַלעקסאַנדער דער III־ער. די נייע קרוינונג האָט אַרויסגערופֿן אַ שטיקל גערודער צווישן די בירגערליכע מאַסן פֿון די געזעלשאַפֿטליך־אָרגאַניזירטע קרײַזן; עס האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן דער געדאַנק וועגן אַ פּאָליטישער אַרויסטרעטונג. עס האָט אויך גענומען יוירן צווישן דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וואָס האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געהאַט אַזאַ מפּלה מיט דעם, וואָס ס'איז דורכגעפֿאַלן די פּאַרטיי „נאַראָדנאָיע פּראַוואָ“ (פֿאָלקסרעכט). דער גרינדער פֿון דער דאָזיגער פּאַרטיי איז געווען מ. אַ. נאַטאַנסאָן, וועמען עס האָבן נאָך מיטגעהאָלפֿן אַ ריי רעוואָלוציאָנערן פֿון דעם פֿריערדיגן דור (טיוטשעוו, געדעאָנאָווסקי, מאַנצעוויטש) און זײַענדיג מאָראַליש גע־

שטיצט פֿון נ׳ ק׳ מיכאַילאָווסקין׳ איך האָב דעריבער געהאַט גרויס חשק צו בלײַבן אויף די ברעגעס פֿון נעוואַ׳ אָבער מײַן טערמין האָט זיך שוין גע־האַלטן בײַם ענדיגן׳ און איך האָב זיך געמוזט אומקערן צוריק קיין ווילנע.

V קאפיטל — — — — — — 129

ווילנע אונטער דעם יאך פון רוסיפיקאטארן.
דער יידישער פראלעטאריאט אין משך פון דער
פראפאגאנדע־תקופה.
די ווילנער מארקסיסטן.

VI קאפיטל — — — — — — 168

דער 1894 יאר.
פ. סטרובעס „נאטיצן" און וו. אוליאנאוו־לענינס
ערשטע ליטעראַרישע ארויסטרעטונג.
דער איבערבראך אין דער ווילנער סאציאלדעמא־
קראטישער באוועגונג.
די „בראשור וועגן אגיטאציע".

אינהאלט

זייט

הקדמה — — — — — — — 3

I קאפיטל — — — — — — — 7

די יוגנט· די ערשטע טראגישע איינדרוקן·
די הריגה פונם קיסר און דער פאגראם·
די גימנאזיע פון די אכציגער יארן·

II קאפיטל — — — — — — — 27

ס'וואכן אויף די פאליטישע אינטערעסן·
די „גוועלפן" און די „גיבעלינען"·
די פאלגן פון דער „יידן־פראגע"·
די דעמאנסטראציע לכבוד שעלגונאוון·

III קאפיטל — — — — — — — 52

אין אוניווערסיטעט· סטודענטישע קרייזלעך·
די רעוואלוציאנערע ריכטונגען פון אנהייב 90־ער יארן·
די ערשטע אונטערערדישע אונטערנעמונגען·
די ערשטע באקענטשאפט מיט זשאנדארן·

IV קאפיטל — — — — — — — 113

איך ווער א מארקסיסט·
דער ערשטער טראנספארט·
די פעטערבורגער „גרופע פאר באפרייאונג פון דער ארבעט"·
מיין ליטערארישער דעביט·
אין דער „מוסטערהאפטער" טורמע·